STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05876

GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע ווערק

פון

י. אָפּאַטאָשו

XIII

ווילנע—1934

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

שטעט און מענטשן

באַנד XIII

ווילנע — 1934

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Opatoszu — „Sztet un Mentszn“

Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23.

אינהאַלט

פּוילן

זייט

איבער דער שיף 9
מאַדאַם דע־פּוואַן 16
ביי אַ נאַפּט־לעמפּל 23
גלות 28
אַ דעמאָנסטראַציע 33
הונגער 39
ליבעלע 44
אַ גנבה 49
מאַרילאַ 55
פּיאַניע־בלעטער 60
אברהם און הגר 66
לייזער קירזשנער 71
דאָס געזאַנג פון לערער 77
די זשאַלדעווקע שוילט 82
אין ווילנע 87

שטעט

קיין אָסלאָ I 95
קיין אָסלאָ II 101
איבער דייטשלאַנד און האָלאַנד 107
דער ניינטער פּע"ן־קאָנגרעס 112
אין אַמסטערדאַם I 117
אין אַמסטערדאַם II 123
יאַדיש 129
ביי פאָרדן אין פאַבריק 135

זייט

אין שיקאגער שלאַכט־הייזער 140
קולטור 145
דעטראָיט 150
אין דער פּראָווינץ 155

אין ראַנטפּאַרבאַנד

אויף דער גרענעץ 163
אין כאַרקאָוו 170
אין קיעוו 176
אַ יידיש געריכט 181
אַ קינדער־שטעטל 188
אין אָדעס 194
אויף דער מאָלדאַוואַנקע 198
ביינאַכט אין מאָסקווע 203
אויף מאָסקווער בולוואַרן 209
אַ טראַקטאָריסט 215
דריי העברעער 222
צווישן יידישע פּויערים 229
דאָרף לאָוואַ 234
שלום־עליכם־דאָרף 239
אין מינסק 246

פ ו י ל ן

אויף דער שיף

איבער אַ שעה האָט אַלטער נאָכן אָנבייסן געשפּילט גאָלף און נישט געפּילט, ווי די שטייפֿלעכע הענט און פֿיס הייבן אָן ווײ טאָן, דער שטערן ווערט נאַס, און ס׳רעקל שווערט אויף די אַקסלען.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער׳געץ אויף דער יבשה, הינטער זיך, האָט ער איבערגעלאָזט אַ פֿערטל יאָרהונדערט, אַראָפּגעוואָרפֿן יעדע זאָרג. און דאָ, אויף דער שיף, שפּרייזט און שפּאַנט פֿון דעק אויף דעק אַן אַנדער אַלטער, אַ ייִנגערער, וואָס איז קיינעם גאָרנישט שולדיק.

דער אַפּריל־הימל איז געווען בלוי און טיף. ס׳וואַסער — נאָך בלויער. דער ים האָט אַרויסגעקייקלט אויף דער אייבערפֿלאַך די באַהאַלטנסטע אוצרות, זיי צעלייגט אין דער לענג, אין דער ברייט. די ים־קנייטשן, בלויע, אַטלעסענע, האָבן געבלענדט און געבליש־טשעט מיט אַזוי פֿיל גאָלד און זילבער, מיט אַזאַ רחבות, אַז די אויגן האָבן פֿון פֿרייד און רייפֿקייט זיך אַליין פֿאַרמאַכט.

יונג און אַלט זיינען אַרום אויף דער דעק.

טייל האָבן געשפּילט גאָלף, טעניס. טייל האָבן זיך געצויגן אויף אויסלייג־שטולן, גערעדט, געלאַכט, געפּלאַפּלט. אַנדערע האָבן זיך געבויגן איבער די פּאַרענטשן, געקוקט אין וואַסער אַריין, לאַנג געקוקט, און דער ים האָט אין טעמפּסטן פּנים געוועקט אַ מחשבה, עס שענער געמאַכט.

אַלטערן האָט עס געטראָגן. אַליך אין אים האָט זיך געוויגט, ווי דאָס וואַסער אין ים, ווי די שיף, ווי אַלטערס אייגענע טעג און יאָרן. ער האָט זיך געהייבן פֿון דעק צו דעק, איז פֿאַרקראָכן אין שענק אַריין.

דאָ אין שענק איז געווען טונקל און אָנגערויכערט. די דיקע שויבן פֿאַרהאַנגען מיט האַלבע פֿאָרטיערן. צו צוויי, צו דריי זײַנען געזעסן זויף־ברידער איבער קופּליעס ביר, איבער גלעזלעך ליקער און קאָניאַק. אינמיטן שענק, בײַ אַ קײַלעכדיקן טיש, זײַנען געזעסן אַכט פֿאַרשוין. די רעק אויף די שטול־ווענטלעך, די אַרבל פֿאַרקאַשערט. אין די מויל־ווינקלען אַרומגעגריזשעטע סיגאַרן, סיגאַרעטן. מען האָט געשפּילט פּאָקער. עולם האָט זיך געקליבן אַרום די שפּילער, געקוקט מיט דרך־ארץ. מען האָט געשפּילט פֿינף און צען דאָלאַר אַ קאָרט, אויסגענומען דריי און פֿיר הונדערט דאָלאַר אַ קאָן.

געשפּילט האָבן צוויי ביזנעסלײַט, צוויי פֿאַבריקאַנטן, אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַ רעווערענד־חזן־מוהל מיט באַטשקעס, מיט אַ קמץ אויף דער גאָמבע, אַ יוניאָן־פֿירער מיט ווייכע מיידלשע הענט — ניט סתּם מענטשן, נאָר פֿאָרשטייער פֿון יידישן פֿאָלק אין אַמעריקע.

אַלטער האָט זיך געחידושט, ווי ס׳ווערט נישט נמאס די קאָרטן־שפּיל. מען שפּילט שוין אַזוי דעם דריטן טאָג. אָפּגעגעסן אָנבײַסן — זיצט שוין די חברותא בײַם קײַלעכדיקן טיש. די אָנגעשאָטענע מטבעות, די שטויסן פּאַפּיר־געלט רוקן זיך פֿון איין פֿאַרשוין צום צווייטן. מען לײַדט, וואָס מען דאַרף מפסיק זײַן — אַ שעה מיטאָג, אַ שעה נאַכטמאָל — און מען שפּילט ווײַטער ביז טיף אין דער נאַכט אַרײַן, ביז דער שענקער נעמט לעשן די ליכט.

אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געקוקט ווי דער יוניאָן־פֿירער וואַרפֿט די צען־דאָלאַרדיקע, טרײַבט אַוועק איין שפּילער נאָכן צווייטן. געבליבן שפּילן איז אַ שיקאַגער ביזנעסמאַן. ס׳געלט האָט געהאַלטן אין איין געשווילן — צוויי הונדערט, דריי הונדערט, פֿיר הונדערט. דעם יוניאָן־פֿירערס ליכטיק פּנים האָט מיט אַמאָל אָנגעוואָרן יעדע מראה, ס׳לעצטע ביסל חיות איז אָפּגערונען — ער האָט פֿאַרלאָרן. זײַנע אויגן, נעבעכדיקע, האָבן זיך באַגעגנט מיט אַלטערס. די צונג האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. דער יוניאָן־פֿירער האָט זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

— דאָס שפּיל איך פֿאַר מײַן שוואָגער... בײַ אים צו פֿאַרלירן

פינפהונדערט דאָלאַר, איז ווי בײַ מיר פינף... איר האָט געמײנט, אַז איך וואַרף זיך אַזױ מיט געלט? אַ נאַש-בראָט, אַ פּראָלעטאַר-יער, נישט ער טאָר און נישט ער קען אַזױ געמבלען...

און די װײַסע מײדלשע הענט זײַנע מיט די מאַניקירטע נעגל האָבן שױן װידער געפּיבערט איבערן פּעשל קאָרטן. ער טאַלירט מיט דער שנעלקײט פון אַ װינטמיל:

— װער שפּילט?

— צען דאָלאַר.

— כ'טאָפּל עס.

— געזען?

— נײן.

— דאַרף איך אַרײַנלײגן?

— צװאַנציק.

— די צװאַנציק מיט נאָך צען.

— אַזױ גאָר?

אַלטער איז אַרױס פון שענק. ער האָט זיך געטראָגן װי אַן אונ-טערגעשאָסענער, געשפּרײזט אַרום און אַרום דעק.

אַ גרופּע יונגע, סאָװעטישע אינזשעניערן, װאָס האָבן זיך ספּעציאַ-ליזירט בײַ פאָרדן, בײַ סװיפטן, געאַרבעט אין אַמעריקאַנער נאַפט-קװאַלן, זײַנען אַהײמגעפאָרן מיט שרײַב-מאַשינקעס, מיט פאָטאָגראַ-פישע אַפּאַראַטן, מיט קונציקע פּאַפּיראָסנצינדערס, װי זײ װאָלטן זיך אומגעקערט פון אַ יאַרמאַרק.

לעבן זײ, מיטן געזעס אױפן הילצערנעם, נאַר-װאָס געװאַשענעם דעק, איז געזעסן טשאַרלי, אַ ניו-יאָרקער „האָבאָ" — פּלײצעס שמאָלע, הענט לאַנגע, דורכזיכטיקע האָבן אַרומגעאַרטלט די פיס, װאָס זײַנען געשטאַנען װי קראָקעס. ס'פּנים ייִנגליש און די בלױע אױגן האָבן זיך געגרינט, װען ער האָט גערעדט מיט האַריק, װײַזן די מויל-װינקלען האָבן זיך פײַנלעך געקנײטשט, געשפּריצט. זײַנע פינף-און-פערציק יאָר האָבן זיך פאַרלױרן אין דעם יונגן, באַװעגלעכן פּנים, אין די בײַגיקע הענט און פיס. ער האָט דערזען אַלטערן, אים אָפּגע-שטעלט און געװיזן אױף די אינזשעניערן:

— זאָג זיי, די רוסן, ווער כ'בין. זיי גלויבן מיר נישט, אַז כ'בין אַ „האָבאָ", ווי זייער שאַליאַפּין איז געווען, ווי זייער גאָרקי איז געווען... אוודאי איז מיין פּלאַץ אין צווישנדעק, נישט דאָ, צווישן קאָרטנשפּילער, די אויפגעקומענע הויזן- און וועסט-מאַגנאַטן. כ'האָב טאַקע געקויפט אַ שיפסקאַרטע דריטע קלאַס — פּאָרט דאָרט קיינער ניט, איינגאַנצן זעקס פּאַרשוין, האָט מען אונדז איבערגעשיקט אַהער.

— אויב ער איז אַ „האָבאָ" — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן — פונוואַנען האָט ער געהאַט געלט אויף דער דריטער קלאַס?

— מיין מאַמע איז געשטאָרבן — האָבן טשאַרלים מויל-ווינקלען זיך אַ קרים געטאָן — איבערגעלאָזט אַ ביסל געלט, האָב איך פאַר מיין חלק זיך געקויפט אַ שיפסקאַרטע ביז לאָנדאָן. דאָרט וועל איך אין האַיד-פּאַרק רייד'ן וועגן אַמעריקאַנער האָבאָס, וועל צונויפקלאַפּן אַ פּאָר שילינג און צום ערשטן מאַי מוז איך זיין — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די אינזשינירן — אין מאָסקווע ביים קרעמל, כ'מוז זען ווי מיליאָנען אַרבעטער מאַרשירן... כ'בין שוין געווען אַ קאָמוניסט אויך. און וואָס בין איך נישט געווען? זאָג זיי, אַלטער, אַז כ'בין שוין געווען אַן „אַי דאַבליו, דאַבליו", אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט. און איצט לערן איך קבלה, ווי דער איטאַליענער פּיקאָ-דע-מיראַנדאָלאַ האָט געלערנט, ווי מיין לאַנדסמאַן רויכלין האָט געלערנט... כ'קען דעם ספר-יצירה, כ'קען שטיקער זוהר... וואָס קוקט איר? איך בין נישט קיין ייד. מיינע עלטערן זיינען געווען דייטשן און איך בין אַן אַמעריקאַנער. וואָס לאַכן זיי, די רוסן? זאָג זיי, אַלטער, אַז כ'בין נישט לאַנג צוריק געווען אַ הייסער קאָמוניסט. פּאָסטער, גיטלאָוו, אָלגין — אַלע קענען מיך. ווען כ'האָב זיך אַוועקגעשטעלט אין גאַס ריידן, זיינען זיי קיינמאָל נישט זיכער געווען מיט מיר, האָבן געהאַט פון מיר צרות... זיי האָבן ביי מיר נישט געקאָנט פועלן, אַז אַליין איז קלאַס, אַז דער אַרבעטער איז ס'אויבערשטע פון שטויסל. ווען איך רייד וועגן דייטשן, טראַכט איך אַפילו ניט וועגן אַזוינע נאָענטע מענטשן ווי איינגענע טאַטע-מאַמע. פאַר מיר שטייען אויף לייבניץ, געטע, קאַנט, ניטשע. רייד איך וועגן יידן, זע איך נישט די קנעפּל-מאַכער, די הויזנמאַגנאַטן... כ'זע משהן, יעזוסן, ר' שמעון בן יוחאין, שפּינאָזען, מאַרקסן, איינשטיינען...

אַלטער האָט זיך געבויגן איבערן פּאַרענטש, געקוקט אין ים אַריין, וווּ קיין זאַך האָט נישט גערוט. ס'וואַסער האָט זיך געקנייטשט, געשוימט, און ווען ניט די שיף, וואָס האָט מיט איר פּלאַטשיקער נאָז געשליידערט פּלאַכטעס וואַסער, ווי פּעכערס, וואָלט זיך געדאַכט, אַז מען רירט זיך נישט פון אָרט. אין דער שטילקייט איז דער ים געווען אומרויִק. אַלטער האָט אין דעם אומרו קיין תּכלית ניט געזען, ווי אין טשאַרליס רייד, וואָס ער האָט געקאָנט הערן שעהן און קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס ער וויל.

די שיף איז פאַרביי ניו-פאַונדלענד.

דער הימל האָט זיך גענומען קנייטשן. וואָלקנס גרויע, ווייסלעכע האָבן געשלונגען די בלויקייט, איינגעזאַפּט די געדיכטע קנוילן רויך, וואָס די קוימענס האָבן אַרויסגעשליידערט און איבערגעלאָזט נאָך זיך געלבלעכע שנירלעך און שלייפלעך.

דער ים, אַ שטילער, איז מיט אַמאָל געוואָרן שוואַרץ, האָט זיך אַזש געזילבערט פון שוואַרצקייט. פון רחבות האָט די שיף געקרעכצט, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שוימיקן שליאַך, וואָס האָט זיך דאָ געגרינט ווי „טרעגלעך"* שויבן, דאָ אויפגעלויכטן ווי העל ביר.

ס'איז געוואָרן וואַרעמער. אַ זיסלעכער ריח, ווי פון אָראַנזשערייען, האָט געקיצלט די נאָז, געקרעלט דעם האַלדז.

— די לופט האָט זיך געביטן — האָט אַלטער אַ זאָג געטאָן צו אַ מאַטראָס.

— מיר זיינען אין גאָלף-שטראָם — האָט דער מאַטראָס אַ שפּיי געטאָן איבערן שיף-פאַרענטש — ס'וואַסער איז דאָ וואַרעמער ווי לופט. קוקט, איר זעט גרינלעכע פלאַנצן? זיי זאָגן: עס וואַקסט אין ים. איך גלויב נישט. אינמיטן ים וואַקסט גאָרנישט. די פלאַנצן פאַרטראָגט אַהער דער גאָלף-שטראָם אַזש פון מעקסיקע...

שפּעט אין אָוונט איז אַלטער ווידער אַריינגעפאַלן אין שענקל. די קאָרטנשפּילער, בלייכע, מידע, זיינען געזעסן אַרום טיש, ווי אייערנעכטן, ווי היינט נאָכן אָנבייסן. דער יוניאָן-פירער האָט אַל-

* גלעזער-קעסטלעך.

טערן שוין אַפילו נישט באַמערקט. ער האָט שוין געהאַט אויסגעטאָן ס'וועסטל אויך. ער האָט יעדע ווײַלע פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, גע־טאָן עטלעכע ציִ און אים געשטופּט אין אַש־קעסטל, וואָס איז פון די שטאָפּסלען אויסגעוואַקסן אין אַ פּיראַמידע.

איין שפּילער האָט זיך אַ שטעל געטאָן.

— וואָס, איר שפּילט נישט מער?

— ניין.

דער שפּילער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אויסגעצויגן די הענט, זיך כלומרשט גענומען ציִען און איז געבליבן שטיין ווי אַ געקרייציק־טער. פון פּנים איז געוואָרן אַ קיט־מאַסקע. איין אויג האָט זיך צע־פינטלט, אַ שיקל געטאָן און איבער דער בלייכער באַק, אַ צע־קניטשטער, האָט געציטערט אַ טראָפּן.

— וויפיל האָט ער פאַרלאָרן — האָט דער עולם זיך געשוש־קעט.

— אַלין.

— וויפיל אַלין?

— דריי טויזנט דאָלאַר.

איינציקווייז האָבן די שפּילער זיך גענומען רוקן פון טיש. איינער האָט זיך אַ בייג געטאָן צו אַלטערן, אים אַײַנגערוימט אין ענג־ליש:

— דאָס האָט אים גאָט געשטראָפט.

— פאַרוואָס פונקט אים?

— מען זאָגט, ער איז אַ משומד.

— און איר, די אַלע קאָרטנשפּילער? — האָט אַלטער אָן עפּן געטאָן אַ פּאָר אויגן און נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער.

ער איז אַרויף אויף דער העכסטער דעק, איז געבליבן שטיין ביי אַ פּאַרענטש. אַרום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט ווי די שיף שניידט ס'וואַסער. דער הימל, אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן, איז געהאַנגען נידעריק. אַ שטערן האָט אַ שאָס געטאָן, אַ צווייטער איז אים געקומען אַנטקעגן. ביי אַלטערן אין מוח איז מיט אַמאָל געוואָרן ליכטיקער. נישט צוויי שטערן האָבן זיך באַגעגנט, נאָר צוויי מחשבות. זיינע, אַלטערס, און זיין פאָטערס, וואָס האָט מיט פער־

ציק יאָר צוריק, דאָ אינמיטן ים, ערגעץ צווישן־דעק, געטראַכט, וואָס איז אַזוינס יידישקייט? דעם רמב״מס יידישקייט, יהודה הלוים, שפּינאָזעס, שמואל־דוד לוצאַטוס, משה העס? האַ? ווער איז גערעכט? פערציק יאָר ווי די מחשבה וואָגלט אינמיטן ים, ווו די לופט ווייסט ניט פון קיין שטויבעלע, און מיט אַמאָל האָבן טאַטע־זון, שטיקלעך פון איין המשך, זיך באַגעגנט. רשעות, שנאה צום מענטש ווייס ניט פון קיין המשך. אין אַ המשך איז דאָך אוים אייביקייט...

פון הינטער די רעטונג־שיפלעך האָט זיך געטראָגן טשאַרלים „הללויה“. ער האָט געזונגען שטיל און טרויעריק:

O, why don't you work like other
men do?
How the hell can I work, when
there is no work to do?

מאַדאַם דע־סוואַן

אַלטער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. אין דעם האָטעל־צימער, ווו פֿאַרמאַכטע לאָדנס, פֿאַרצויגענע פֿאָרהאַנגען האָבן פֿאַרשפּאַרט די נאַכט, כאָטש עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, האָט דער שלעפֿאָן זיך צעקלונגען, אָפּגעהילכט אין דער פֿינסטער ביז און אויסטערליש.

אַלטער איז אַראָפּ פֿון בעט, האָט אַ נעם געטאָן ס׳טרייבל צום אויער און אויפֿן אָרט נישט געקענט כאַפּן אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך מען רעדט צו אים. דאָס קול איז אים געווען באַקאַנט, געאָטעמט מיטן קליינעם שטעטל, ווו ער, אַלטער, איז געבוירן געוואָרן און איבער צוואַנציק יאָר עס ניט געזען. גערעדט האָט אַ דאַמע — האַלב פּויליש, האַלב יידיש און מיט אַמאָל האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— איר רעדט דאָך פֿראַנצויזיש?

— ניין, כ׳רייד נישט.

— אָבער איר זענט דוד אַלטער? פֿון אַמעריקע? דער פּאָעט אַלטער?

— יאָ, און ווער זענט איר?

— איר דערקענט נישט, פּאַניע אַלטער, ווער ס׳רעדט? דאָס בין איך, מאַדאַם דע־סוואַן.

— דע־סוואַן?

— יאָ, יאָ, מיין מאַן איז בילדונגס־מיניסטער. ער איז איצט אין בערלין, דער פּאָרזיצער פֿון דער שלום־קאָנפֿערענץ. און ווי כ׳זע, ווייסט איר נאָך אַלץ נישט ווער ס׳רעדט. דאָס רעדט לאַוראַ בליאַש פֿון די ראָשטשיווער גיטער.

— אַ, לאַוראַ! וואָס מאַכט איר, לאַוראַ! — האָט דאָס קול ביי

אַלטערן אַ ציטער געטאָן און פֿון גרים איבעררּאַשונג האָט אַ פּוס זיך ביי אים געגומען טרייסלען — פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין אין פּאַריז און וו האָט איר אויסגעפֿונען מיין טעלעפֿאָן?

— איר זעט דאָך, אַז כ'ווייס. כ'בין אַפֿילו נעכטן געווען אויף אייער לעקציע... נישט געוואָלט צוגיין, ס'האָט זיך צופֿיל געטומלט אַרום אייך... כ'וויל, איר זאָלט היינט אַריבערקומען צו מיר. איר וועט קומען?

— געוויס, געוויס.

אַן אויפֿגעלייגטער האָט אַלטער אויפֿגערוקט די פֿאָרהאַנגען. אויפֿגעפּראַלט די לאָדנס. דער גרויסער טאָג, אַ ליכטיקער, האָט איינגעשלונגען די פֿאַרשפּאַרטע נאַכט מיט אַזאַ בלענדעניש, אַז אַלטער איז אַ וויל געבליבן שטיין מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, גאָרנישט געזען.

די אָפֿענע פֿענסטער האָבן געקוקט אויפֿן שטיקל געסל — פּלאַס דע־לאַ־סאָרבאָן — אויף די ביכער־שטעלן, אויף דער לייבּיקער פֿראַנצויזקע, וואָס איז געזעסן און געהעקלט, געקניפּלט פֿון קאָלירטער בלישטשקע אַ דרייעקיק טיכל. זי האָט געהאַלטן אויפֿן אַקסל אַ פֿעטע געלבלעכע קאַץ מיט אַ האָריקן באַוועגלעכן עק, ווי ביי אַ וועווערקע. אַ פֿאַרקאָפּטשעטער קלויסטער האָט אָפּגעשלאָגן דאָס געסל, ווי עס וואָלט קיין שייכות ניט געהאַט מיט פּאַריז.

אַלטער האָט געקוקט אויף די הייליקע פֿיגורן, וואָס האָבן זיך געקרישלט פֿון אַלטקייט, געוואַרט זיי זאָלן איינציקווייז אַראָפּ פֿון די געלעגערס, זיך לאָזן צו די לאָדנס מיט אַלטע ביכער און ס'האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן מיט מיטלאַלטער.

ער האָט אַ קלונג געטאָן, געבעטן אָנבייסן.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אַלטער פֿאַרבראַכט אַ ווינטער ביי די בליאַשעס אין די ראָשטשיווער גיטער. ער האָט צוגעגרייט צום עקזאַמען בליאַשס עלטסטן זון, וואָס האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות. פֿאַר פּסח, ווען אַלטער האָט זיך שוין געקליבן אין שטאָט אַריין, איז לאַזאַרע אַהיימגעקומען פֿון וואַרשע. צומאָרגנס זיינען זיי שוין צוזאַמען געגאַנגען אין וואַלד אַריין. דער שניי איז צעגאַנגען, ברייטער און טיפֿער געמאַכט דאָס וואַסער, וואָס איז געפֿאַלן אויפֿן ראָד פֿון דער מיל מיט אַ גרעגערײַ, צעבּרעקלט דאָס

וואַסער אויף פּיץ־פּיצלעך. דער מאָסנאָווער וואַלד, ווו די ביימער האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם הימל, האָט געטריפט מיט סמאָלע. מיט אַ פאַרבענקט מעקען האָבן ווילדע ציגן זיך געיאָגט צווישן די ביימער, פייגל האָבן געקלאַפּט מיט די פליגל און דער וואַלד איז פול געווען מיט דער פרייד פון פאָרן זיך.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַן אַראָפּגעלאָזטן בוים, ווו אַלטער האָט איר געלייענט זיינע לידער. ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, זי — פופצן. די נאַכט האָט גענומען צופאַלן, געלעגן הינטער יעדן בוים, הינטער יעדן מאָכן־בערגל, ווו די שטילקייט האָט גערוישט. אַלטער האָט אַרומגענומען לאַורען, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון די סאָסנעס, דעם הייסן און פרישן אָטעם פון אירע ליפּן. ער איז שיכור געוואָרן פון אירע טיפע אויגן, וואָס זיינען געווען ווי שטיקלעך פאַרנאַכטיקער הימל, אי גרינלעך, אי בלוילעך, פון אירע האָר, וואָס האָבן געלויכטן אין דער פינסטער, פון די באַקן, פונם האַלדז, פון די הענט, וואָס זיינען געווען אי ווייך, אי גלאַט, ווי פריש־געשאָרענע וואָל.

צומאָרגנס באַגינען, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, האָט אויף אַלטערן שוין געוואַרט אַ געשפּאַנטע ברישקע. קיינער פון די בליאַשעס האָט אים ניט באַגלייט, זיך נישט געזעגן אויף די אויגן. דאָס אַרויסגעטריבענע בחורל האָט קיינעם ניט געשאָלטן. אין וואַלד, אויפן אַראָפּגעלאָזטן בוים, האָט ער אָוועקגעגעבן לאַורען אַ שטיק פון זיך, און אַליין טראָגט ער אין זיינע הענט, אויף זיינע ליפּן איר אָטעם, איר ריח, טראָגט און ווייסט נישט, ווו עס הייבט זיך אָן די פרייד און ווו עס ענדיקט זיך דער טרויער.

נאָך מיטאָג איז אַלטער פאַרפאָרן צו לאַורען. די צוואַנציק יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק, זיינען איצט געלעגן צעשטויבטע, נישט פאַרשטעלט בליאַשעס גיטער, ווי אַלטער וואָלט נאָר וואָס אַוועק פון דאָרט. אָט איז דער גערער חסיד בליאַש. די באָרד, אַ בלאָנדע, אַ געגילדטע, כאָטש צייל איבער יעדן האָר. דער גאַנג אַ שטאָלצער, אַ זיכערער, ווי טיר און טויער וואָלטן תמיד פאַר אים געווען אָפן. מאַדאַם בליאַש, וואָס איז שטענדיק אין שוואַרצן, אַפילו דער קאָפּ געשלייערט אין שוואַרצע שאַלן, בלויז

אויף די הענט ווייסע, זיידענע הענטשקעס, איז אַ הויכע און אַ דינע. אויגן און ברעמען ווי פּעך. לאַוראַ — אַ געמיש פון מאַמע־טאַטע. אַ געווירקסיק, אַ בויגיק. די אויגן זיינען אַ גרין, אַ בלוי, אַ טונקל — בייטן זיך מיטן טאָג, ווי אַ טיף לויפנדיק וואַסער.

און איצט?

דע־סוואַן — בילדונגס־מיניסטער, קונסט־קריטיקער, מעצענאַט, וואָס טראָגט אַזוי לייכט זיינע זעכציק יאָר, ווי זיין יחוס פון די בורבאָנען. דאָס ווייב זיינס, לאַוראַ — פּאַטראָנעסע פון מאָנמאַרטר און מאָנפּאַרנאַס, זעט דע־סוואַן זאָל דעם קינסטלער געבן אַ מעדאַל, יענעם אַ פּרייז, און וועגן אַ דריטן זאָל ער אָנשרייבן אַן אַרטיקל.

און לאַוראַס טאַטע, דער גערער חסיד, און איר מוטער, וואָס פלעגט דריי מאָל אַ טאָג דאַוונען, געמישט די בלעטער פונם סידור מיט דער זעלבער כוונה, ווי זי האָט געבלעטערט די פוילישע און פראַנצויזישע ראָמאַנען — וואָס פאַר אַ תשובה האָבן זיי אויף זיך גענומען?

אַלטער האָט אָנגעקלונגען. אַ יונג שטוב־מיידל אין אַ ווייסן פאַרטוך מיט שפּיצן האָט אים געעפנט אַ שווערע טיר, דיק ווי די טיר פון אַ קאַסע. זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער, געבעטן זיצן און געזאָגט, אַז די מאַדאַם קומט גלייך אַריין.

עס איז געווען לאַוראַס ביבליאָטעק. די ווענט באַשלאָגן מיט רויטן סאַפיאַן. אַרום די ווענט שוואַרצע ביכער־שענק, וווּ גאָלד־געלייטע רוקנס האָבן געפינקלט. געבעטע שטולן, אַ טערקישע אָטאָמאַנע, טאַבורעטקעס. געשניצטע טישלעך מיט אַלטע פאָליאַנטן אויסגעלייגט ווי פּיראַמידן. איבערן גאַנצן דיל אַ רויטער טערקישער טעפּעך, וואָס האָט איינגעזאַפּט יעדן טראָט. אויף די ווענט אין איינפאַכע ראַמען — מאַטיס און פּיקאַסאָ. און איבער אַלעם האָט, פון אַ שטיי־לאָמפּ מיט אַ פאַרמעטענעם שירעם, זיך געטראָגן אַ שטיל, מאַט ליכט, וואָס האָט אין די ווינקלען זיך געקניטשט, ווי אָנגעוואָרפענע שטיקער וואַל, בלאַסער געמאַכט די רויטקייט.

לאַוראַ איז אַריינגעקומען פון אַ זייטיקער טיר, געבליבן שטיין אַ בויגיקע, אַ דינע, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אונטערן מאַטן ליכט האָבן אירע האָר אויסגעזען טונקעלער, געלעגן אַרום דעם שיינעם קאָפּ ווי אָנגעשאָטענע גלעקלעך.

זי האָט זיך אַ טראַג געטאָן איבערן טעפּעך, ווי אַ באַלעט־טענצערין, אַ נעם געטאָן אַלטערס האַנט און זיך מיט אים אַוועקגע־זעצט אויף דער אָטאָמאַנע:

— כ'בין זייער צופרידן, ווירקלעך צופרידן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן אין פראַנצויזיש און גלייך עס איבערגעזעצט אין יידיש, מיט אַ פרעמדן אַקצענט.

— איך אויך, מאַדאַם דע־סוואַן.

— רופט מיך ניט מאַדאַם. זייט היימיש און רופט מיך לאַורא. ווי לאַנג וועט זיין, ווי מיר האָבן זיך נישט געזען?

— אַ יאָר צוואַנציק.

— און געקענט האָבן מיר זיך...?

— אינגאַנצן צוויי טעג.

— און איר מיינט, אַז איך בין געשלאָפן, ווען מען האָט אייך אַרויסגעשיקט פון ראָשטשעווע? — האָבן אירע לויזע געפּאַלדעוועטע אַרבל זיך אַ הייב געטאָן, — ווי שוואַרצע פליגל, און לענגלעכע, דורכזיכטיקע פינגער האָבן זיך אַ בייג געטאָן אין טרויער.

אַלטער האָט געקוקט אויף לאַורען, אויף אירע אויגן, וואָס האָבן געגליט, ווי צעוואָרעמטער בורשטין, און מיט אַמאָל האָט ער אַריינגעאָטעמט יענעם ריח פון צוואַנציק יאָר צוריק, דעם ריח פון אַגרעסן, וואָס ווערן צייטיק אונטער דער זון.

— און די עלטערן וווינען נאָך אַלץ אין ראָשטשעווע?

— אויס ראָשטשעווע, אויס גיטער... דער טאַטע האָט אַלץ פאַרלאָרן אין דער מלחמה, אַלץ... ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, אָפּגעווען דאָרט אַ שטיקל צייט און היינט איז ער אין וואַרשע, קען ניט איינזיצן ווי די טאָכטער זיינע — האָט לאַורא געוויזן אויף זיך און דאָס קול האָט ביי איר אַ ציטער געטאָן.

אַלטער האָט געוואָלט וויסן צי לאַורא זעט זיך מיטן פאָטער, צי בליאַש, דער פאַרברענטער חסיד, גרויסט זיך מיטן איידעם, מיט דע־סוואַנען, נעמט שטיצע פון אים, און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— און דער ברודער אייערער, דער רב?

— איך זע זיך מיט די עלטערן, כ'בין געווען ביי זיי אין ירו־שלים — האָט לאַורא אויסגעכאַפּט, וואָס אַלטער האָט געוואָלט

פֿרעגן, גערעדט מיט האַרץ, ווי עס וואָלט איר געגאַנגען אין לעבן מען זאָל איר גלייבן — איר, אַלטער, זענט געוויס אַ קאָמוניסט, ס'איז היינט אין דער מאָדע... אַפֿילו מײַן באַקאַנטע, פּרינצעסין באָנאַפּאַרט, טראָגט עפֿנטלעך דעם סערפּ מיטן האַמער... איך בין אַ ציוניסטקע, אַ הייסע ציוניסטקע, כ'בין עס געוואָרן אין ארץ־ישראל... כ'טראָג זיך אַרום מיט אַ פּלאַן, כ'וויל שאַפֿן אין ארץ־ישראל אַ באַלעט, אַן אמת ייִדישן באַלעט... כ'שטודיר די טענץ פֿון די אַמאָליקע נביאים, די מחנות נביאים, וואָס האָבן געטאַנצט אויף די וועגן, ענלעך צו די היינטיקע דערווישן.... כ'שטודיר דעם אַמאָליקן ייִדישן הילוך... איר האָט געוויס געהערט וועגן דעם באַלעט־טענצער כּרמלי?

זי האָט אַ נעם געטאָן פֿון טיש אַ פֿראַנצויזישן זשורנאַל, אים אונטערגעטראָגן אַלטערן:

— איר זעט? — האָבן די אויגן בײַ לאַורען זיך אַ צינד געטאָן — מען רעדט וועגן פֿראַנצויזישע טענץ, וועגן רוסישע, וועגן פּוילישע, און אַז כּרמלי האָט לעצטע וואָך געטאַנצט, האָט גאַנץ פּאַריז גערעדט וועגן ייִדישע טענץ!

דער זעקספֿוסיקער כּרמלי, אין דער זײַדענער קאַפּאָטע מיטן שטרײַמל האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעטאָגענער טשערקעס.

— דער כּרמלי איז אַן ארץ־ישראלדיקער? — האָט אַלטער זיך געפֿרעגט.

— ניין, אַ קאַווקאַזער ייִד — האָט לאַורא אַ ווייג געטאָן מיט די גלעקלעך האָר און צוגערוקט דאָס טישל אויף רעדלעך, וווּ צוויי גלעזער טיי מיט געבעקס זײַנען געשטאַנען — טרינקט. ווען פֿאָרט איר אָפּ פֿון פּאַריז?

— היינט בײַנאַכט — האָט אַלטער זיך געחידושט, ווי שטיל מען האָט אַרײַנגעבראַכט דעם טיי, אַז ער האָט אַפֿילו ניט באַמערקט.

— אַ שאָד. ווען איר בלײַבט, וואָלטן מיר געגאַנגען זען כּרמלין טאַנצן.

— זאָל איך אָפּגעבן אַ גרוס די עלטערן? — האָט אַלטער געוואָלט איבעררײַסן דעם שמועס און אַ רוק געטאָן פֿון זיך נישט אַזוי

דעם זשורנאַל, ווי כּרמלים בּילד — די עלטערן אײַערע וווינען דאָך אין וואַרשע?

— זיכער, אָט גיב איך אײַך דעם אַדרעס, — האָט זי אויף אַ וויזיט-קאַרטע גענומען שרײַבּן מיט אַ דינעם גאָלדענעם פּליפּעדער — אַזאַ גרוס וועט בּײַ זיי זײַן אָנגעלייגט... זיי ווייסן, אַז איר זענט אין אַמעריקע, אַז איר זענט אַ גרויסער יידישער דיכטער... דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז ס'טוט אים באַנג, וואָס ער האָט אײַך דעמאָלט אַזוי בּאַליידיקט... יאָ, אַלטער, איר האָט אַמאָל אַ טראַכט געטאָן: וואָס וואָלט געווען ווען מען שיקט אײַך דעמאָלט נישט אַוועק פון ראָשטשעווע?

אַלטער האָט נִיט געענטפערט, בּלויז די אויגן זײַנע גרויסע. שוואַרצע אויגן, האָבּן קלוג געשמייכלט.

— זאָגט, איר האָט מיך טאַקע ליב געהאַט?

— ווער געדענקט עס?

זי האָט געלאַכט, געווען אויסטערליש שיין און בּיידע האָבּן מיט אַמאָל זיך אַ שטעל געטאָן:

— איר גייט שוין?

— יאָ.

לאַורא האָט אים צוגעפירט צו דער טיר, אים אונטערגעטראָגן בּיידע הענט צום קושן, און פון אירע שוואַרצע, לויזע אַרבּל האָבּן זיך געטראָגן ווייטע, דינע שאַמראַק-ריחות. זי האָט אַ זאָג געטאָן שטיל און פאַרטראַכט:

— אַז איר וועט זײַן בּײַ מײַנע עלטערן, רעדט זיך אַמאָל נישט אַרויס, אַז דע-כוואַן איז אַ קריסט.

— זיי ווייסן דען נישט?

— דער טאַטע ווייסט נישט.

———

אויף דער גאַס איז אַלטער אַרײַן אין אַ טאַקסי, האָט אַ זאָג געטאָן צום שאָפער — „האָטעל סילעקט, פּלאַס דע-לאַ-סאָרבּאָן" — און דעם גאַנצן וועג געטראַכט וועגן לאַורען, וועגן דעם יידישן באַלעט אין ארץ-ישראל, וועגן דעם קאַווקאַזער כּרמלי און וועגן בּליאַשן, דעם חסיד, וואָס ווייס ניט, אַז דע-סואַן איז אַ קריסט.

בײַ אַ נאַפט לעמפּל

די מאַקסי האָט זיך געטראָגן איבער קראָקעווער־פּירשטאָט, איבער דער נײַער־וועלט, זיך געדרייט אין די שטילע פּוילישע קוואַרטאַלן, ווו דער אָוונט האָט געשמעקט מיט צעבליטן בעז, מיט פרישגעשניטן גראָז.

אַלטער, וואָס איז אינדערפרי אָנגעקומען פון פּאַריז, האָט געמאַכט זײַן ערשטן וויזיט בײַ די בליאַשעס.

ער האָט זיך געהויבן איבער די קוים־באַלויכטענע טרעפּ. געלייענט די שילדן אויף די טירן. אויפן צווייטן שטאָק האָט ער אָנגעקלונגען. פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָט זיך געהערט אַ יונג מיידלש קול:

— ווער איז?

— אַן אייגענער.

אַ טיר האָט זיך עטוואָס געעפנט. דאָס יונגע מיידלשע קול האָט נישט געפּאַסט צו דער געבויגענער פיגור. אַ פּאָר שוואַרצע אויגן האָבן אַלטערן אַרומגענומען פון אַלע זײַטן:

— וועמען דאַרפט איר?

— דאָ וואוינען די בליאַשעס?

— דאָ.

— כ׳האָב אַ גערוס פון אײַער טאָכטער, פון לאַורען.

— פאַניע אַלטער? האָט זי ברייט אַן עפן געטאָן די טיר.

אין דעם קוים־באַלויכטענעם קאָרידאָר איז געשטאַנען די מאַדאַם בליאַש, אַ געבויגענע, אין שוואַרצן, מיט די ווײַסע הענטשקעס ווי אַמאָל. דאָס שייטל, אַ קליינס, אַ פּעך־שוואַרצס, איז געווען צו יונג פאַרן מידן, מאַטן פּנים, ווו אַרום די אויגן האָט די הויט

זיך געקנייטשט, געפֿעלדיקט, ווי צוזאַמענגעצויגן מיט פֿעדעם. בלויז די אויגן — אי טונקל-ברוינע, אי שוואַרצע, האָבן געלויכטן. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט גענומען ריידן פֿראַנצויזיש, האַלב פּויליש און איז איבערגעגאַנגען אויף גריס-פּוילישן יידיש:

— ווען האָט איר געזען מיין לאָורען?

— נעכטן.

— און דעם מיניסטער, דע-סוואַן? — ס'איז געווען קענטיק, אַז זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן נאָמען, אים אַרויסגערעדט צעצויגן, מיט צוגעקלעפּטע ליפּן, וואָס האָבן ניט אַריינגעפּאַסט אין דעם פּאַרזאָרגטן פּנים.

— אים האָב איך נישט געזען, ער איז דאַכט זיך ניטאָ אין פּאַריז.

— גערעכט. ער איז דאָך אויף דער שלום-קאָנפֿערענץ אין בערלין. לאָורע האָט אונדז דערציילט, אַז איר, פּאַניע אַלטער, קומט קיין וואַרשע. איר זענט שוין לאַנג פֿון אַמעריקע?

— אַ צוויי וואָכן.

— ווי געפֿינט איר וואַרשע? אָפּגעריבן, האַ? און מיך, פּאַניע אַלטער, וואָלט איר דערקענט?

— ווי דערקענט מען דאָס נישט די בלאָשעס? איר זענט דאָך אויך אַ בלאַש? — און געטראַכט האָט אַלטער, אַז די בלאַש-פֿרויען האָבן כּמעט אַלע די זעלבע פּנימער, מאַטע, לענגלעכע און די מאָגער דיינען הויך און דין, ענלעך צו דער „האָקים"-דינאַסטיע...

לייכט און אויפֿגעהייטערט האָט מאַדאַם בלאַש געעפֿנט אַ זייטיקע טיר. עס האָט זיך געהערט אַ שטילער טרויעריקער ניגון, דער ניגון פֿון אַ יידן, וואָס זיצט ביי אַ ספֿר.

אין אַ טונקעלן צימער, וווּ די עלעקטרע איז ניט געווען אָנגעצונדן, עס האָט געברענט אויפֿן טיש אַ נאַפֿט-לעמפּל, איז געזעסן בלאַש איבער אַ גמרא. די לאַנגע באָרד, ווייס ווי קנאָבל, האָט זיך געשאַרט צווישן די בלעטער, זיך געקנייטשט. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט, ווען מען האָט געעפֿנט די טיר.

— דודל — האָט מאַדאַם בליאַש אַרויפֿגעלייגט איין האַנט אויף דער גמרא און מיט דער צווייטער געוויזן אויף אַלטערן — מיר האָבן אַ גאַסט.

— אַ גאַסט?

דער קאָפּ מיט די פּלייצעס האָבן זיך גלייך נישט אָפּגעשטעלט, זיך געהאַלטן נאָר אין וויגן. בליאַש האָט אַ הייב געטאָן די אויגן, וואָס האָבן דאַכט זיך גאָרנישט געזען, נישט געקאָנט אויפֿן אָרט פֿאַרבייטן איין וועלט אויף דער אַנדערער, אַריבערגיין אָן ווייטאָג פֿון דער גמרא־וועלט אין דער אַרומיקייט. ער האָט געעפֿנט די אויגן, זיי פֿאַרמאַכט, איינמאָל, נאָך אַמאָל, דערנאָך זיך אַיינגעקוקט אין אַלטערן און אים געגעבן שלום.

— ווער זענט איר?

— דאָס איז דאָך דער הער אַלטער — האָט ס׳ווייב געשטעלט אַ שטיל — איך וואָלט אים נישט דערקענט, ווען לאַורע דערפֿעשירט מיר נישט, אַז ער דאַרף קומען...

— איצט ווייס איך — האָט בליאַש אַוועקגעלייגט אויף דער גמרא זיין קליין, זילבערן טאַבעק־שקעטעלע — זיצט.

ס׳איז מער נישט געווען דער אַמאָליקער בליאַש. ס׳איז געזעסן אַ זקן מיט אַ צעווייטאָגט פּנים און מיט אַ קלוגן טרייער אין די מידע אויגן. בליאַש האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלטערן און זיך צעשמייכלט:

— מען זאָגט, איר זענט אַ שרייבער, פּאַניע אַלטער, און אַ שרייבער דאַרף זיך ניט חידושן. אַז מלכים זיינען געפֿאַלן, גאַנצע דינאַסטיעס זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן, פּרינצן, פּרינצעסינס זיינען געוואָרן שאָפֿערן און קעלנערקעס, וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט אַ בליאַש, ווען ער האָט אַפֿילו פֿאַרמאָגט דרייסיק גיטער? איר דאַרפֿט געדענקען, ווי ביי מיר אין ראָשטשעווע האָבן געברענט קרישטאָלענע קאַנדעליאַברעס, כ׳האָב מיט פֿינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק געהאַט אַן אייגענע עלעקטראָווניע, און איצט צינד איך אינגאַנצן ניט אָן די עלעקטרע, כ׳לערן ביי אַ נאַפֿט־לאָמפּ, ווי מיין טאַטע, ווי מיין זיידע האָבן אַמאָל געלערנט... און ס׳איז מיר היינט בעסער, ווי אַמאָל — אויס אַקציעס, אויס בירזשע, אויס געלט־מאַרק.

— וואָס דערציילסטו דעם הער אַלטער דאָס אַליין? האָט מאַדאַם בליאַש אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, זיך געפּילט באַליידיקט, וואָס דער מאַן נעמט זיך נאָך איבער מיט דער אָרעמקייט — פּרעג בעסער, וואָס די קינדער מאַכן, אַלטער האָט דאָך אַ גרוס פון לאַורען... ער האָט זי נעכטן געזען...

— איך האָב מיט מיינע טעכטער קיין מגע-ומשא ניט — האָט בליאַש זיך אַ רוק געטאָן צו אַלטערן — כ'וויס נישט, וועמעס שולד ס'איז, אפשר טאַקע מיין שולד, ווי ס'זאָל אָבער ניט זיין, איז ווייניק, וואָס מען איז געבוירן אַ בליאַש, מען דאַרף אויך קאָנען טראָגן אחריות פאַר דער משפּחה, פאַרן כלל. און אַז ביי זיי, ביי מיינע צוויי טעכטער, איז אַליין הפקר? אויס משפּחה, אויס ייד? וואָס קערן זיי זיך אָן מיט מיר? גאָרנישט!

בשעת בליאַש האָט גערעדט, איז דאָס ווייב געשטאַנען אַן אויסגעצויגענע. קיין שמייכל אויפן מאַטן פּנים. זי האָט נערוועז געצויגן די פינגער פון די הענטשקעס און אַרום די איינגעפאַלענע מויל-ווינקלען האָט זיך געקליבן פאַרדרוס. בליאַש האָט ווייטער גערעדט:

— פאַניע אַלטער, איר געדענקט דאָך די עלטסטע טאָכטער מיינע, ריטען? זי האָט פון דער העלער הויט, אַ מאַמע פון צוויי קינדער, זיך אַרומגעזען, אַז זי קאָן קלעפּן מענטשלעך פון ליים, און אַז מען קלעפּט מענטשלעך, און אַז מען האַקט זיי נאָך אויס אין מירמלשטיין, ווי קאָן מען וווינען מיט אַ חסידישן יונגנמאַן, וואָס איז בקי אין גאַנץ ש"ס, קאָן אַ בלאַט „מורה-נבוכים" און האָט גרויס דרך-ארץ פאַרן ווייב? זי, ריטע, האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן מיט די קינדער, און איז אַוועק מיטן פּראָפעסאָר אירן, אַ הינקעדיקן גוי, וואָס האָט געהאַט מיט איר אַ ממזר, די אויסגענוצטע, צעבראָכן און אַוועקגעוואָרפן.

— זי האָט אים אַוועקגעוואָרפן — האָט מאַדאַם בליאַש זיך אָנגענומען פאַר דער טאָכטער.

— און דיר, מיין ווייב, גייט בלויז אין ריטעס כבוד, האַ? — האָט בליאַש נישט גערעדט צום ווייב נאָר צו אַלטערן — און אַז די צווייטע, לאַורע, האָט חתונה געהאַט מיט מלכות, מיטן

מיניסטער דיע־סוואַן, וואָס שטאַמט, זאָגט מען, פון די הולטאַיעס, פון די בורבאָנען, האָב איך נאָר דערפון קלעמעניש און האַרצווייטאָג... איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס כ'וויל ניט קיין גרוס פון מיינע טעכטער? אוים טעכטער. און זי, מיין ווייב, וויינט שוין — האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן און זי אַרומגענומען — וואָס וויינסטו, נאַרעלע?

מאַדאַם בליאַש האָט זיך אַרויסגעדרייט פון מאַנס הענט און אַ פאַרהוינטע זיך געלאָזט אין צווייטן צימער. בליאַש איז איר נאָך. דאָס וויינען, אַ פאַרשפּיצטס, האָט זיך דערווייטערט, אָפּגעהילכט אַרום דער אָפענער גמרא מיטן פאַרקאָפּטשעטן לעמפּל, ווי דאָס וויינען ביי אַ מת.

גָ ל ו ת

ביז מיטאָג האָט געהאָגלט, געשנייט, ווי ס׳וואָלט נישט געווען אַפּריל, נאָר דעצעמבער. נאָכמיטאָג האָט זיך געפּאַטשקעט אַ רעגנדל — געטריפט, אַ ווייל אויפגעהערט, ווידער גענומען קאַפּען. שטיקלעך קרירה, עסיקע, האָבן געטריבן פון אָפּגעלאָזטן צימער, ווי אויף די ווענט זיינען געווען צעהאַנגען שווערדן, פּיסטאָלעטן.

פּעטראָוו האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער איז געשטאַנען אין פענסטער אויפן זעקסטן שטאָק און געקוקט אויף די פּאַריזער דעכער. אַ דאַך איבער אַ דאַך, אַ דאַך הינטער אַ דאַך. נאַסע דעכער. אויסגעווייקטע, מיט גריבלעך וואַסער אין די קנייטשן. איבער די דעכער אַיינגעוואָרפענע קוימענס ווי מצבות אויף אַן אַלטן פאַרלאָזטן בית־עולם. הינטער אַ קוימען מיט אַ דעכל, ווי אַ שירעם, האָט אַ קאַץ זיך געדראַפּעט, נישט געוואָלט פאַרנעצן די ווייכע לאַפּקעס און געמיאַוקעט.

שוין צוועלף יאָר ווי פּעטראָוו האָט געוווינט אינם דאַך־שטיבל. די צוועלף יאָר זיינען געלעגן ערגעץ צעשטויבטע, צעפּיצלטע. די יאָרן מיט זייערע טעג, וואָכן, חדשים האָבן צומאָל קיין שאָטן נאָך זיך נישט געלאָזט, ווי די מענטשן וואָס זיינען פּעטראָוון טאָג־טעגלעך פאַרבייגעגאַנגען אויף די פּאַריזער בולוואַרן און ער האָט זייערע פּנימער ניט געדענקט. ס׳האָט אים וויי געטאָן פאַרן אייגענעם צענטרענצלטן לעבן. ס׳האָט אים וויי געטאָן, וואָס אין דרויסן רעגנט און די זילן אויף די שיך האָבן אויסגעטראָטענע לעכער, גרויס ווי די שייבלעך אין אָפּערע־גלעזער. און די קאַץ, אַ האָריקע, אַ געלבלעכע, מיט שוואַרצע פלעקן, האָט זיך געדראַפּעט אַרום און אַרום דעם קוימען און נישט אויפגעהערט צו מיאַוקען.

פּעטראָוון איז קאַלט געוואָרן. ער האָט זיך אײַנגעוויקלט אין זײַן אויסגעריבענעם שינעל אָן שליפעס, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון מיליטערדינסט. ער האָט געריבן די שטײַפע האַנטפלאַכן אָן דעם האָריקן ווייכן געוואַנט. ער האָט צוגעלייגט אַ באַק צו איין לאַץ. אַ צווייטע — צום אַנדערן, און אַ פרייד אַ שטילע, אַ ווייטע, האָט זיך גענומען וועקן אין אים, די פרייד צו אַ לעבעדיק באַשעפעניש, ווען מען איז איינער אַליין.

אַזוי איז פּעטראָוו, אַן אַמאָליקער רוסישער אָפיציר, נישט איינמאָל צוגעפאַלן מיטן פּנים צום שוואַרצן אָגער זיינעם, ווען ביידע, פּעטראָוו מיטן פערד, זיינען געבליבן אַליין אין פעלד.

איז אים טאַקע נאָך דער גאַנצער איבערקערעניש, נאָך דער מלחמה, נאָך דער רעוואָלוציע מער גאָרנישט געבליבן? איז דאָס אַלץ? אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל טרויער, אַלץ צעקרישלט אויף פּיין-פּיצלעך, און ווייטער? דורות, גאַנצע דורות לעבן, אַלץ גרויט זיך, ווי די נאַסע דעכער, וואָס גלאָצן און זאָגן גאָרנישט. בלויז דער אויסגעריבענער שינעל מיט די לעכער פון קוילן, מיט די אויסגעברענטע לעכער פון פּאַפּיראָסן, בלויז ער וואַרעמט? די אייגענע יאָרן — ביימער מיט אויסגעריסענע וואָרצלען. געבליבן זיינען ווינטלעך, ריחות, שטיקלעך בליקן, וואָס ריידן מער ווי דורות, דערציילן וועגן דעם אַלטן שטיינערנעם הויז מיט די קאָלאָנעס, מיט די פליגל, מיטן סאָד, וואָס זיינען גאַנצע דריי הונדערט יאָר איבערגעגאַנגען בירושה פון טאַטע צו זון. אויף איינעם פון די קאָלאָנעס איז געווען אויסגעקריצט פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ כינעזישע שריפט, דער יחוס. אַ גאַנצן זומער ביז שפּעט אין האַרבסט אַריין האָט מען געפּרעגלט ווײַנפּערלעך, אַגרעס, קאַרשן, געפּרעגלטע פּאָווידלע פון פלוימען. ער וואָלט מיט פאַרבונדענע אויגן, בלויז אָן ריח וואָלט ער דערקענט, ווו עס שטייען די סלאָיעס אַגרעס, די וואַרעמע שטיקלעך בורשטין, ווו די גלייִקע קאַרשן.

און איצט?

איצט איז אַלץ צעוואָרפן, ווי שפּילעצייג אין אַ קינדער-צימער, די גענעראַלן, די גוט-באַזיצער, און אַפילו דער מיניסטער פּעטראָוו, וואָס די משפּחה האָט זיך מיט אים שטענדיק איבערגענומען.

פעטראָוו האָט אַריינגעשטופּט די הענט אין די אַרבל און מעסטער פֿאַרצויגן דעם שינעל. ער וואָלט געטרונקען אַ גלאָז הייסן טיי, האָט ער קיין צוקער נישט, האָט ער קיין טיי נישט צום פֿאַרבריען.

איבער דער וואַנט האָט זיך אויפֿגעשלאָסן אַ טיר. פעטראָווס שכן, יאַקאָוו שטיין, אַ כעמיקער, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דערפֿינדונגען, איז געקומען פֿון גאַס. פעטראָוו האָט צוגעליינט דאָס אויער צום דינעם, הילצערנעם ווענטל, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין צימער פֿון צווייטן. ער האָט מער דערהערט מיט דער נאָז, ווי מיט די אויערן. אַ ריח, אַ דינער ריח פֿון אויפּשניט האָט אַ ווינטל און אַ פֿלעמל געטאָן, אַז נאָז און אויגן זיינען וואַך געוואָרן. באַלד האָט דער פלאַם אין דער מאַשינקע זיך צעבייזערט, דערציילט, אַז שטיין האָט צוגעשטעלט דעם טשייניק.

פעטראָוו האָט מיט פינף פינגער אַ שנעל געטאָן אין דער וואַנט אַריין, אָנגעפרעגט, צי מען קאָן גיין צוגאַסט. שטיין האָט אים פֿאַרבעטן. פעטראָוו האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם שינעל, אָפּגעצויגן ס׳רעקל, וואָס איז געווען אויסגעריבן אין די עלנבויגנס, און מיט אַ מיליטערישן גאַנג אַן עפֿן געטאָן די טיר און איז אַריין צום שכן:

— אַ גוטן אָוונט!

— אַ גוטן אָוונט — האָט שטיין אָפּגעליידיקט אַ בענקל. — זיצט, פעטראָוו, ס׳וועט באַלד זיין אַ היים גלעזל טיי.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, — האָט פעטראָוו זיך אַוועקגעזעצט און די ליידיקע געדערעם האָבן זיך ביי אים צערעדט, — זאָגט מיר, שטיין, כ׳וועל ביי אייך עפּעס פרעגן.

— ביטע.

— ווי האָט איר, יידן, זיך ספּראַוועט מיטן גלות?

— וואָס מיינט איר? — האָט שטיין אויפֿגעהערט צו וואַשן די גלעזער און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַ געשמייכלט אי זיך געחידושט.

— איך קאָן נישט מער, שטיין, — האָט פעטראָוו אַ שאַר געטאָן פֿון זיך דעם אויפּשניט, — כ׳גיי דאָ אונטער... מיר אַלע, די גאַנצע רוסישע קאָלאָניע אין פּאַריז גייט אונטער... און נישט

בלויז אין פּאַריז, אין פּראָג, אין וואַרשע, אין לאָנדאָן, אין ניו-יאָרק. מיר האָבן געבויט רוסלאַנד, אפשר שלעכט געבויט, אָבער הונדערטער יאָרן געבויט דאָס גרויסע רוסלאַנד, און מיט אַמאָל זיינען מיר אַלע געוואָרן קעלנער און שאָפערן, וואָס חלומען וועגן טרינק-געלט און ביר-געלט. ווו איז די רוסישע אידעע, וואָס דער געניאַלער דאָסטאָיעווסקי האָט אויסגעוויטאָגט? פאַרשטיי, שטיין, — איז פּעטראָוו איבער-געגאַנגען אויף דו, — פאַרשטיי, וואָס מיך מאַטערט... דאַכט זיך, צוועלף יאָר גלות. וואָס זיינען צוועלף יאָר? און איך קאָן נישט מער, כ'גיי אונטער, און איר יידן טראָגט אַזוי און ליידט טויזנטער יאָרן גלות...

— מיר זיינען נישט אין גלות, — האָט שטיין אָנגעגאָסן פּעטראָוון אַ גלאָז טיי און צוגערוקט דאָס לאַנגע, ווייסע ברויט מיטן אויפשניט, — עסט.

— גערעכט, שטיין, גערעכט, — האָט פּעטראָוו זיך אַיינגעביסן אינם ברויט. — 'איר, יידן, זענט טאַקע נישט אין גלות... און מיר זיינען, און מיר זעען נישט פאַרוואָס און צוליב וואָס? כ'בין אַמאָל געזעסן, נית ווייט פון שערבורג, ביים ברעג ים. כ'האָב געקוקט, ווי די כוואַליעס הייבן זיך, יאָגן זיך, לויפן פון ניו-יאָרק קיין שערבורג, איילן זיך, ברעקלען זיך און צוליב וואָס? זיי, די כוואַליעס, קומען צו צום ברעג, שווענקען אָפּ די לייבער, שווענקען אָפּ די אונטנס פון אַ פּאָר פּעטע ווייבער, וואָס האַלטן זיך ביים שטריק... דאָס אַלץ. האָט געלוינט ס'גילויף איבער אַ שטח פון דריי טויזנט מייל? ווו איז דער זין, ווו איז דער תכלית? מיר ליידן גלות צוליב וואָס? מיר זאָלן זיין קעלנערס, שאָפערן, אונדזערע ווייבער און טעכטער זאָלן באַשלאָפן די פּאַרפּוילטע, איבער-געפרעסענע פראַנצויזן? פאַרשטייסט, שטיין, אַז מיין גרישאַ, מיין איינציקער זון, האָט מיר געזאָגט: „טאַטע, כ'קאָן נישט מער, כ'פאָר קיין ראַטנלאַנד... גלות דאַרף אויך האָבן אַ אידעע, נישט סתם צעטרענצלען ס'לעבן אין די דאַך-שטיבלעך, אין די רעסטאָראַנען און קאַפע-הייזער", — האָב איך געשוויגן. און גרישע האָט גוט געטאָן. נישט נאָר מיר, די פּראָסטע זעלנער, די פירער אונדזערע, שטיין, גייען אונטער. קופּרין איז שטענדיק שיכור, מערעזשקאָווסקי רופט אַרויס טויטע און

גײסטער און בונין הײסט אױסשמדן אַלע ייִדן. זעסט, שטײן, װאָס עס איז געװאָרן פֿון דער גרױסער היסטאָרישער אידעע? זעסט, װאָס פֿאַר אַ לײט דער גלות האָט פֿון אונדז געמאַכט? מיר דאַרפֿן זיך בײ אײך לערנען, שטײן... װי האָט איר, ייִדן, זיך ספּראַװעט מיטן גלות? װאָס שװײגסטו? װאָס שמײכלסטו?

— נו, גוט, פּעטראָװ, גוט, — האָט שטײן געגלעט דעם צעװאַקסענעם רוס, אים באַרויִקט. — לאָמיר פֿריער אָפּטרינקען דעם טײ, לאָמיר װאָס װײניקער רײדן און טראַכטן װעגן אַ געאָגראַפֿישן צענטער, װעט דער גלות לײכטער װערן, נו, טרינק, פּעטראָװ...

אַ דעמאָנסטראַציע

גער, אַלעקסאַנדער, ראַדזימין — כמעט אַלע „שטיבלעך“, האָט אַרום די נאַלעווקעס, האָבן זיך מקדים געווען, זיינען פרי פאַרטיק געוואָרן מיטן שבתדיקן דאַווענען. ס'איז נאָך קיין „אַכטע“ נישט געווען. געוועלבער, קראָמען, הורט-געשעפטן — אַלץ געשלאָסן. טירן און לאָדנס הינטער אײַזערנע פרענטעס. די גאַסן — פראַנציסקאַנער, גענשע, וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך נישט גערוט, ווי דער סמבטיון, געהאַלטן אין איין שלײַדערן אין די נאַלעווקער הויפן מענגעס פאַרשמאַיעטע סוחרים און הענדלער, אײַנגעשלונגען און אויסגעשפּיגן אָנגעלאָדענע וועגענער סחורה, — די אַלע גאַסן זיינען איצט געווען ליידיק, זיך געצויגן פאַרשלאָפענע. די הונדערטער שילדן און שילדלעך, וואָס האָבן זיך אינדערוואָכן געריסן פון איבער די געשעפטן, ווי געשפּאָרטע הענער, אַפילו זיי, די שילדן, האָבן איצט אַראָפּגעגלאַנצט פון די מויערן, נישט געווען קריגעריש.

פון גאַסן און געסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן חסידים. אויסגעקראָכענע שטריימלעך, זיידענע און אַטלעסענע קאַשקעטן — האָבן אויפגעטיקט אים זוניקן פרימאָרגן. פון הינטער צעקנעפּלטע פּאַלטנס האָבן די ציצית און שטיקלעך טליתים אַפּירגעפּינקלט

אינמיטן די נאַלעווקעס, ווו רעכטס ציט זיך די פראַנציסקאַנער, לינקס — גענשע, איז געשטאַנען אַ צעוואַקסענער חסיד. אויף שטום-לשון, ווי אַ שבת-פּאָליציאַנט, האָט ער געגעבן צייכנס מיט די הענט, אָנגעוויזן דעם עולם וווהין צו גיין.

די חסידים — יונגע, מיטליעריקע, אַפילו זקנים — האָבן כמעט נישט גערעדט צווישן זיך. פּנימער פאַרדאַגהטע, פּלייצעס געבויגענע. מ'האָט זיך געאײַלט. און אין דעם אײַלן ויך איז נישט געווען

די פֿרייד פֿון אַ דבר־מצווה. ס'איז גיכער געווען די שרעק פֿאַר מלכות. און די שרעק האָט שוין געהויערט אויף נאַלעווקעס נומער ניינצן.

איבער הונדערט חסידים האָבן זיך שוין געהאַט פֿאַרקליבן אויפֿן הויף, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעשלאָסענע געטאָ. די חסידים זיינען נישט איינגעשטאַנען. טייל האָבן זיך געטראָגן אין פּאַסמעס, אַנדערע האָבן זיך געקליבן אין קרענצלעך. שטריימלעך, קאַשקעטן וואַילעריש־פֿאַרשאַרצט, איידעלע הענט פֿאַרריסן. גערעדט האָבן אַלע אינײנעם און מיט אַזאַ רוגזה, אַז די עטלעכע יידן אין קורצע רעק, וואָס האָבן נייגעריקע זיך אַריינגעשאַרט אין הויף, האָבן זיך גענומען רוקן אויף צוריק.

אַ רירעווודיקער חסיד, נישט קיין געוויקסיקער, איז אַ פֿאַל אַריין געטאָן אין הויף. זיין טונקעלער קאָפּ האָר, די נאָך טונקעלערע פּאות, האָבן ניט געפּאַסט צום רויטן בערדל, וואָס איז געוואַקסן מער אין דער דיק, ווי אין דער לענג. ער האָט צוגעלייגט דאָ אַן אויער, דאָרט אַן אויער, האָט אַריינגעוואָרפֿן דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ קללה. ס'פּנים האָט זיך ביי אים אַ קרים געטאָן, די אייבערשטע ליפּ — פֿאַרשאַרצט, ווי ביי אַ יאָג־הונט, און פֿון צווישן די צוויפּגעשטופּטע ווייַסע ציין האָבן זיך גענומען שיטן ווערטער:

— איז וואָס, אַז מלכות איז קעגן אונדז? ווען איז דאָס מלכות מיט אונדז? אַ מקושש עצים אום שבת איז געקומען מיתה? האַ, וואָס שווייגט איר?

— ווער שווייגט? — האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן איין פֿאַרשוין נאָכן צווייטן.

— אונדז זענען מיר אויפֿן פּלאַץ! — האָט אַ יונגערמאַן פּעסטער פֿאַרצויגן דעם גאַרטל אַרום די איינגעפֿאַלענע לענדן און זיך צערעדט. — קלינגער וויל האַלטן אָפֿן אום שבת ס'געשעפֿט? לאָז ער גיין אין דר'ערד אַריין צו די גויים, נישט דאָ אויף די נאַלעווקעס!

— און זיין טאַטע, עליו השלום, איז בעסער געווען?

— אַזאַ פֿראַנצול ווי דער זון!

— נו, טאַקע, ווער וועט צו אים דאָ אויף די נאַלעווקעס אַריינשמעקן אום שבת?

— קיין הונט נישט!

— אַזאַ מומר להכעיס!

דער רירעוודיקער חסיד מיטן רויטן בערדל האָט געהעצט דעם המון, געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— און מיט וואָס, האַלט איר, איז דער עוכר־יונגאַטש בעסער פון אַ מקושש־עצים?

— ווער זאָגט ער איז בעסער?

— דאַרף מען אים עוקר־מן־השורש זיין!

— פאַרטרייבן מחוץ למחנה!

— ס'זאָל פון אים דאָ אויף די נאַלעווקעס קיין געביין נישט בלייבן!

— טאָ וואָס שטייען מיר?

— געגאַנגען!

יונגעלייט מיט פלייצעס, מיט געזעסן, וואָס האָבן זיך געריסן פון געפּאַסטע קאַפּאָטעס, האָבן זיך צעשאָטן צווישן המון, גענומען קאָמאַנדעווען:

— עולם, צו פיר אין אַ שורה! צו פיר!

דער המון האָט זיך גענומען אויסשטעלן, זיך נישט געטיילט אויף יונג און אַלט, זיך געשטעלט ווי ס'האָט זיך געמאַכט — אַן איבערגעוואָקסענער חסיד, אַ דראָנג, מיט אַ יידעלע, אַ פּיצל.

שורותווייז איז דער המון אַרויס פון הויף, האָט זיך צעשטעלט איבער דער לענג פון לײדיקן טראָטואַר.

דער חסיד מיטן רויטן בערדל האָט געפירט.

די אויסגעצויגענע מחנה, אָן פענער, אָן שטעקנס, וואָס האָט זיך געצויגן ביז נאָוואָליפּקי, האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ לוויה, נישט ווי אַ דעמאָנסטראַציע. אַ חסיד איז אַרויס פון דער שורה און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס האָט מען אונדז אַוועקגעשטעלט, ווי סאָציאַליסטלעך דעם ערשטן מאַי?

— מען זאָגט, אַז קלינגער האָט אַרויסגערופן פּאָליציי.

— אַז מען האָט דעם גאַנצן טומל נישט געדאַרפט, — האָט זיך אַ הריטער אַרויסגערוקט. — מען שיקט אונטער אַ צווי־דריי טרע־

גער, פון די שטאַרקע, וואָלטן זיי דעם מחלל־שבתניק די זייטן אונ־טערגעהאַקט!

— דאָס וואָלט געווען ס׳גלייכסטע!

— נישט האָבן צו טאָן מיט פּאָליצײ!

די יונגעלייט אין די געפּאַסטע קאַפּאָטעס, וואָס האָבן זיך גע־דרייט צווישן דע „שרעגנעס", האָבן צוגעגעבן קוראַזש:

— נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך!

— מלכות איז מיט אונדז!

— טאָ אויף וואָס וואַרטן מיר?

— שוין, שוין!

— מיר גייען!

דער המון האָט זיך גערירט. ווי פון אונטער דער ערד אַרויס זיינען פון די אַרומיקע הויפן אויסגעוואַקסן יינגלעך, ווער מיט אַ צע־קנייטשטן בלעכענעם ראַנדל, ווער מיט אַן אַלטן בלויען טאָפּ, ווער מיט אַ פּייפל. די „קאַפּעלע" האָט זיך געלאָזט אויף אַ פּריער.

חסידים האָבן זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די בליקן אין די בערד אַריין און איינציקווייז גענומען אַרויספאַלן פון די רייען. אַז זיי זיינען צוגעקומען נענטער, דערזען אַרום קלינגערס געשעפט אַ צוויי צענדליק פּאָליציאַנטן, זיינען גאַנצע שורות חסידים נישט געוואָרן.

— וואָס איז די בהלה אויף אייך? — האָבן די יונגעלייט, די אויפפּאַסערס, געפּרווט איינהאַלטן דעם צעשראָקענעם עולם, — זע נאָר ווי זיי האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַר אַ פּאָליציאַנט! אָווע־טאָווע — — — וואָס לויפט איר, ווי די האָזן?

— שטייט, זאָגט מען אייך!

— יידן, אַהיים! — האָט זיך עמעצער צווישן המון צעשריען. — אויב מלכות איז קעגן אונדז, האָבן מיר דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן! שוין זאָלט איר אַהיימגיין!

דער עולם איז געבליבן שטיין, מיט שרעק געקוקט אויף די צוויי צענדליק פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען זיי אַנטקעגנגעקומען. די אויפ־פּאַסערס האָבן אַ הייב געטאָן די הענט, די היטלען, זיך צעשריען:

— לעבן זאָל פּילסודסקי!

די מחנה האָט אונטערגעכאַפּט:

— זאָל לע—בן!

די פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען ניט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ אויס-געשריי, האָבן זיך אַ שטעל אָוועק געטאָן, סאַלוטירט.

דער עולם איז געוואָרן אויפגעהייטערטער, איז אַרויס פון די רייען, דאָט אַרומגערינגלט די פּאָליציי. עטלעכע חסידים האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צום עלטסטן, גערעדט אינאיינעם:

— פּאַניע נאַטשעלניקו! — — —

— מיר זיינען לאָיאַלע בירגער!

— מיר זיינען מיט מלכות!

— וואָס ווילן מיר דען?

— ס'זאָלן צווישן אונדז נישט זיין קיין אומגליקלעכע!

— ער, דער „קופּיעץ" קלינגער, זאָל האַלטן אום שבת צו ס'געשעפט!

— ווער פון אייך האָט די דערלויבעניש? — האָט דער עלטס-טער איינגעשטילט דעם עולם, — שרייט נישט אַלע מיט אַמאָל!

— וואָס-פאַראַ דערלויבעניש?

— זיך היינט דאָ צו פאַרזאַמלען!

— מיר האָבן נישט!

— איז געגאַנגען! — האָט דער עלטסטער אַ הייב געטאָן אַ גומען שטעקעלע, — און שוין מאַרש!

די צוויי צענדליק פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַריינגעשניטן אין עולם, געטריבן מיט די גומענע שטעקנס. דער עולם האָט זיך אַ שאָט געטאָן פון טראָטואַר, זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן:

— קעגן מלכות האַרף מען ניט גיין!

די אויפפּאַסערס זיינען פאַרלאָפן דעם עולם, געוואָלט אים אָפּשטעלן, ס'איז געווען אוממעגלעך. פון די עטלעכע הונדערט חסי-דים איז געבליבן אַ הייפעלע. דער חסיד מיטן רויטן בערדל האָט געריסן אויף זיך די מלבושים, די פּאות:

— ווו זיינען די וואַרשעווער רבנים? ווען בית-דין וואָלט דאָ געווען, וואָלט מען אונדז נישט געשלאָגן, נישט געטריבן! זיי זיצן זיך אין דער היים, די ווייצענע הינטנס! לאָזן זיי זיצן אינדערהיים

און פרעסן, און מיר וועלן ניט שווייגן! וויפיל זיינען מיר? זעקס, אַכט פּאַרשוין? — האָט ער אָפּגעוואָרפן בײדע הענט, מי לה׳ — אֵלי!

איידער די אַכט פּאַרשוין האָבן זיך געכאַפּט, וואָס זײ האָבן צו טאָן, איז דער חסיד מיטן רויטן בערדל שוין געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון קלינגערס געשעפט. אין דער רעכטער האַנט — אַ שפּיציק שטיק ציגל. אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים געוואָלט אָפּשטעלן, האָט אַרײנגעכאַפּט אַזאַ שטויס, אַז ער איז אַ פאַל געטאָן אויף דער וואַנט. דער חסיד האָט זיך נאָך העכער צעשריען: „מי לה׳ — אֵלי!" — און איז אַרײַן אין געשעפט.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים.

1931

הונגער

פֿאַר דער מלחמה האָט דאָס שטעטל געלעבט פֿון דער גרעניץ. מען האָט געשיקט קיין דייטשלאַנד וואַגאָנעס תּבֿואה, קאַרטאָפֿל, געהילץ. מען האָט געשיקט פּאַרטיעס פֿערד, סטאַדעס גענדז, „געשוואַרצט" איבער דער גרעניץ פֿאַרשוינען. פֿון דייטשלאַנד האָט מען געמולכט זיידנס, ציגאַרן, גאָלדענע זייגערלעך, געטראָגענע קליידער. ס'גאַנצע שטעטל האָט געלעבט פֿונם וואָקזאַל מיטן גלעזערנעם דאַך, וווּ פֿון בערלין, פֿון וואַרשע זיינען געלאָפֿן עטלעכע מאָל אַ טאָג באַנען, און איבער הונדערט דראָזשקאַזשעס — יידישע, גוייִשע — האָבן מיט אַ טראַסק געפֿירט פּאַסאַזשירן פֿון דער באַן אין שטאָט אַריין, פֿון שטאָט צו דער באַן.

נאָך דער מלחמה, ווען מען האָט די גרעניץ אַוועקגערוקט אויף צענדליקער מייל פֿונם שטעטל, און די באַנען פֿון דייטשלאַנד האָבן אויפֿגעהערט קומען — האָט דאָס לעבן אַרום וואָקזאַל גענומען איינגיין. די אָרעמערע דראָזשקאַזשעס האָבן צו ביסלעך פֿאַרמשכּנט ווער ס'געשפּאַן, ווער ס'פֿערד, און איינציקווייז זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער מדינה בעטלען.

צוועלף יאָר נאָך דער מלחמה זיינען געבליבן אינם שטעטל זעקס יידישע דראָזשקאַזשעס — זיי האָבן זיך געטיילט מיטן פּדיון. דריי זיינען אַרויסגעפֿאָרן צו דער באַן, וואָס איז געקומען פֿון וואַרשע, און דריי צו דער באַן, וואָס איז פֿון דער גרעניץ געפֿאָרן קיין וואַרשע.

צוויי גילדן פֿון אַ פּאַרשוין — לויט דער שטאָטישער טאַקסע — האָבן יידן שוין לאַנג נישט געצאָלט. דערצו האָבן צוויי באַלעבאַטים אַראָפּגעבראַכט אַן אָמניבוס פֿאַר צוואַנציק פּאַרשוין, גע-

גומען פון אַ פּאַסאַזשיר בלויז פופציק גראָשן. די דראָזשקאַזשעס — סײַ יידישע, סײַ גוייִשע — האָבן געגוואַלדעוועט, געשניטן די גומענע רעדער, אויסגעהאַקט די שויבן. דער געלער משה, וואָס איז געקראָכן דעם טייוול אונטער די אויגן, האָט צעשלאָגן דעם שאָפער, די באַלעבאַטים, איז אָפּגעזעסן אַ חודש תפיסה. קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. עולם איז געפאָרן מיטן אָמניבוס און די שמייסערס מיט די פערד האָבן געשווילט פון הונגער.

אויפן ליידיקן וואָקזאַל האָט זיך דער גלאָק דריי מאָל צעקלונגען. אָנגעזאָגט, אַז דער פּאַסאַזשיר־צוג פון וואַרשע קומט אָן. דער געלער משה, ברייטער ווי העכער, מיט אַ פאַרזשאַווערטער באָרד, האָט זיך געטראָגן איבער דער געפלאַסטערטער פּלאַטפאָרמע. נאָך אים צוויי אָפּגעשליסענע שמייסערס אין שווערע, געלאַטעטע שטיוול. עס זיינען אָנגעפליגן טויבן, האָבן זיך געוויגט אויף די רויטע פיסלעך.

— מען זעט קיין פּאַסאַזשיר ניט — האָט זיך איינער פון די שמייסערס אָנגערופן — אַפילו פאַר קיין רפואה נישט.

— ווּהין וועט מען פאָרן? צו דער גרענעץ? אַז דער מסחר איז טויט!

— אַז ס'איז אַ בית־עלמין, נישט קיין וואָקזאַל — איז דער געלער משה אַנטקעגנגעגאַנגען דעם צוג.

דער לאָקאָמאָטיוו, אַ צעהיצטער, איז אָנגעקומען מיט אַ סאָפּען און איז געבליבן שטיין. געציילטע יידן, מיט שרעק אין די אויגן, זיינען אַרויס מיט פּעקלעך פון די וואַגאָנעס, געזען אויסצומיידן די דראָזשקאַזשעס און זיך געלאָזט צום אָמניבוס.

— ר' מרדכי — האָט דער געלער משה אָנגעכאַפּט בײַ אַ יידן ס'פּעקל — פאַר אַ גילדן נעם איך אײַך אין שטאָט אַריין.

— מיטן אָמניבוס פאָר איך דאָך פאַר פופציק גראָשן — האָט דער ייד צוגעהאַלטן ס'פּעקל און אין דעם פאַרחושכטן, פאַרוואַקסענעם פּנים האָט זיך אַ קרים געטאָן אַ שמייכל.

— נו, איז פאַר פינף־און־זיבציק גראָשן — האָט משה אַ שטאַרקערן שלעפּ געטאָן פאַרן פּעקל.

— היינט, משה, זיינען פינף־און־צוואַנציק גראָשן אויך אַ מטבע — האָט דער ייד נישט אָפּגעלאָזט ס'פּעקל.

— מיר וועלן מושווה ווערן, ר׳ מרדכי, נישט גיין צום רב...

— נישט מער ווי פופציק גראָשן — האָט דער פּאַסאַזשיר געוואָלט זיין זיכער מיטן פּרייז.

— נו, זעצט אײַך, זעצט אײַך אַריין... כ׳וועל אַ זוך טאָן נאָך אַ פּאַסאַזשיר...

דער געלער משה האָט געהאַלטן דעם ייִדס פּעקל פּאַר אַ משכּון. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אַ פּאַסאַזשיר אין אַ רבנישן היִלוך, וואָס האָט געשלעפּט אַ פּאַרשנורעוועט קאָשיקל. דעם פּאַסאַזשירס פּיס, דינע אין ווייסע לויזע זאָקן, האָבן קוים געטראָגן דעם ליידיקן גוף.

— רבּישי, רבּי — האָט דער געלער משה זיך געטראָגן נאָכן רבל.

דאָס רבל פון אַ שכניש שטעטל, וואָס איז מן־הסתם אַראָפּגעקומען וועגן אַ בוררות, צי וועגן אַ שידוך, האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, ווי נישט אים וואָלט מען גערופן. ער האָט גיכער גענומען שפּרייזן און יעדע ווילע איבערגעלייגט ס׳קאָשיקל פון איין האַנט אין דער צווייטער. די באַלעבאַטים פונם אָמניבוס זיינען אונטערגעלאָפן, האָבן צוגענומען ביים רבל ס׳געשנורעוועטע קאָשיקל און אַז די שוואַרצע ריפּסענע קאַפּאָטע מיטן רבנישן קאַפּעלוש זיינען שוין געווען אין אָמניבוס, האָבן זיך נאָך געזען די ווייסע זאָקן, וואָס האָבן זיך ניט געהאַלטן אויף די אויסגעדאַרטע פּיס, דין ווי שטעקלעך.

דער געלער משה איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ס׳פּנים האָט זיך ביז אַ קרים געטאָן און די פאַרזשאַווערטע באָרד האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. ער האָט אויסגעשפּיגן:

— און דאָס איז נאָך אַ רב, אַ ווינט אים אין די אויגן!

משהס בליק, אַן אויסגעהונגערטער, האָט זיך פיבעריש געשאַרט איבער דער פּלאַטפאָרמע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך גערירט, פויל אַוועקגעשלעפּט די עטלעכע וואַגאָנעס און איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם וואָקזאַל. צוויי שטאָטישע מיידלעך, אָן קאַפּעלושן, האָבן קוים אָנגערירט די שטיינער, געשפּרייזט ווי פּאַוועס, זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן, און ס׳איז קיין בעלן ניט געווען אויף זייער שיינקייט.

משה האָט אַריינגעוואָרפן ס׳פּעקל אין דער דראָזשקע. אַליין איז ער אַרויף אויף דער קעלניע, האָט געוואָלט אַ פּייף טאָן און ס׳איז אַרויסגעקומען אַ קרעכץ:

— נו, וויאָ, וויאָ!

דער שימעל, הויט און ביינער, האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, דעם עק, האָט אַ הייב געטאָן די צו־לאַנגע פיס און ביי די ערשטע טריט אָנגעבלאָזן די זייטן — די אַסטמע האָט אים געשטיקט.

דער געלער משה האָט זיך אויסגעדרייט צום פּאַסאַזשיר:

— נישט גוט, ר׳ מרדכי... די יידענע קרענקט מיר, די קינדער עסן ניט צו דער זעט און איך מיטן פערד הונגערן... איז טאַקע נישט גוט, עס איז פאַסקודנע... נאָר די מעשה מיטן רבל, ווי איך האָב זיך געיאָגט נאָך אים און ער איז אַנטלאָפן, די מעשה קאָן מיר פון קאָפּ ניט אַרויס...

— אַ גרויסער אָרעמאַן — האָט דער פּאַסאַזשיר גענומען פאַר־ענטפערן דעם רב — וואָס מיינסטו האָט ער פון זיין רבנות אין אַזאַ קוצבאַרג? אויב פינף־און־צוואַנציק גילדן אַ וואָך, וועט עס זיין אַ סך! דערצו אַ מטופל מיט קינדער!

— האָט ער מיר געדאַרפט זאָגן, אַז ער איז אַ געמיינער מאַן, ער קאָן ניט, וואָלט איך אים אומזיסט געפירט אין שטאָט אַריין— האָט דער געלער משה זיך געהאַלטן ביי זיינס — ס׳איז דאָך אַ רב...

דער געלער משה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַסאַזשיר, זיך איינגעקוקט אין די פּופּציק גראָשן און נישט געוווסט, וואָס מען הייבט אָן פריער קויפן. ער איז געווען הונגעריק, ס׳פערד האָט שוין דעם דריטן טאָג געגעסן געהאַקטע שטרוי. ער האָט געקויפט אַ ברויטל און איז אַריינגעפאָרן צו זיך אויפן הויף. זיינע פיר באָר־וועסע קינדער זיינען אים באַפאַלן:

— די מאַמע האָט גרויסע יסורים...

— זי שרייט פון דער פרי אָן...

— זי וויל דעם דאָקטאָר...

— אפשר וועט ער עפּעס געבן פאַר די יסורים?

— טאַטע גיי, — האָט די צעניאָריקע אסתר אים גענומען קושן די הענט — ברענג דעם דאָקטאָר, כ׳בעט דיך, טאַטע...

— דער דאָקטאָר זאָגט, ס'איז גאָרנישטאָ וואָס צו טאָן — האָט דער פֿאָטער געגעבן די קינדער ס'ברויט — ס'איז אַ ראַק...

ער האָט זיך געלאָזט אין שטוב אַריין, געזוכט אין די קעשענעס — ניט געהאַט קיין גראָשן בײַ דער נשמה.

ס'ווײַב האָט אויפֿגעהערט קרעכצן. די אויגן, געלע אויגן ווי זאַפֿרען, האָבן שוין גאָרנישט דערוואַרט פֿון לעבן, אַלץ געהאַט פֿאַרשפּילט. מיט אַמאָל האָט זי זיך צעשריִען מיט באַנומענע קולות:

— משה, כ'קאָן נישט מער. כ'בעט דיך, משה, נעם פֿון מיר צו דעם מלאך־המות! כ'קאָן נישט פֿאַרטראָגן די יסורים! משה! מ—ש—ה!...

די קינדער האָבן באַהאַלטן די קעפּ — ווער אין בעטגעוואַנט, ווער אין די אייגענע הענט, און זייערע שמאָלע פּלייצעס האָבן געציטערט, געשריִען אָן קולות.

די געשרייען זײַנען געוואָרן שפּיציקער, געלעכערט אויערן און מוח.

דער פֿאָטער איז אַרויף אויפֿן הויף.

ס'פֿערד האָט אים אָנגעקוקט טעמפּ און אומבאַהאָלפֿן, געמאָנט בײַ אים עסן. ער האָט זיך געפּאָרעט בײַ דעם ברונעם, געשלעפּט פֿאַרן שטריק אַן עמער וואַסער. מיט איין זופּ האָט ס'פֿערד אויסגעטרונקען אַ האַלבן עמער, געוואָרפֿן מיטן קאָפּ, געשליידערט לייצעס וואַסער און מיט אַמאָל זיך צעהירזשעט איינמאָל, אַ צווייטס, אַ דריטס. משהס עלטסטער ייִנגל איז אַרויס אויפֿן הויף, געזוכט דעם פֿאָטער אין פֿערד־שטאַל, געזוכט צווישן די אַלטע וועגענער. ס'פֿערד האָט אַ שלעפּ געטאָן די דראָזשקע, זיך אָפּגעשטעלט בײַ דעם ברונעם — ס'ייִנגל איז צוגעלאָפֿן.

פֿון דעם ברונעם־וואַסער, וואָס האָט געשלאָגן צוויי איילן הויך, האָבן אַרויסגעשטעקט דעם פֿאָטערס צעווירענע שטיוול.

מלאווע, מײַ, 1931.

ל י ב ע ל ע

ווינטער. די ערד איז געפרוירן, דער טייך — געקאָוועט. די טאָפּעלע פענסטער זיינען פאַרהאַקט, פאַרקלעפּט, פאַרקיטעוועט — ס'ביסל טאָרף־וואַרעמקייט, וואָס טראָגט זיך פון דער קיך, זאָל בלייבן צווישן די פיר ווענט.

דער מענטש אין די שווערע פודיקע שטיוול, אין דעם נאָך שווערערן שעפּסן־פּעלץ, גייט אין שפּאַן און קאָן זיך נישט דערוואַרעמען. ווינטער אַרבעט דער מענטש פאַר צען. ער בריקעט זיך נישט, ווייל אַלץ שלאָפט אין אים, ווי די ערד שלאָפט אונטער דעם פראָסט, אונטער דעם שניי.

מיט די ווייסע, שטייפע פרימאָרגנס, וואָס פרעסטלען זיך, האָט מען ביי הירש פאַכטער צוגענומען די רעכטע האַנט — אָפּגעגעבן זיין איין־און־איינציקן לייזערן פאַר אַ זעלנער.

ווער וועט איצט אַרויסוואַרפן דאָס בהמה־מיסט פון די שטאַלן? ווער וועט צעטראָגן די מילך איבער די הייזער? נישט הירש פאַכטער, וואָס פירט יעדן פרימאָרגן ציגענע קאַנען מילך צו דער באַן. נישט הירשס ווייב, רבקה, וואָס קומט נישט אויס מיטן טאָג. בלייבט איבער די שנור — ליבעלע — אַ וואַרשעווער מיידל, וואָס טראָגט געפּאַסטע קליידער. זי וויגט זיך ביים גיין אי ווי אַ טויב, אי ווי אַ פּאַווע, און ס'גערעם אירס, אַ געטאָקטס, היטערט אויף מאַנס־בילן:

— מען קאָן זיך מיט איר ס'האַרץ איבערכאַפּן!

איז וואָס, אַז טאַטע־מאַמע האָבן אויף קיין איין רגע זיך נישט געקאָנט פון דער פאַכט אָפּרייסן? מען דאַרף קאָכן, מען דאַרף וואַשן, מען דאַרף מעלקן די קי? איז מען אין שטוב, אויפן הויף, זיך גע-

פאַלן אויף די הענדזער, זיך געווישט די אויגן מיט די אָפּגעאַר־בעטע פינגער. די מוטער האָט באַווינט דעם זון, ווי מען באַווײנט אַ מת:

— קינד מײנס, לײזערל, ווו לאָזטו מיך איבער?

איין ליבעלע האָט באַגלייט דעם מאַן צו דער באַן. אין וואַ־גאָן האָט זי אים אויסגעקושט די אויגן, ס'מויל, די הענט:

— לײזער קרוין, פאַרלאָז זיך אויף ליבעלען... אַז מען דאַרף, קאָן זי גיין דעם טײוול אונטער די אויגן. וואָס הייסט ס'פּאַסט ניט? דיר האָט געפּאַסט פונאַנדערטראָגן די מילך איבער די הייזער און מיר, דײן ווייב, פּאַסט נישט? — האָט זי ווילעריש אָפּגעצויגן דאָס קלייד און יעדעס גליד אין איר האָט אויפגעלויכטן — וואָס מיר יחוס, צו אַלדע רוחות, אַבי געלט!

פאַרטאָג. אַ האַריקער שניי האָט פאַרשטעלט דאָס הויז, די שטאַלן. פון קוימען האָט זיך געהויבן אַ רויך, וואָס איז געווען טונקעלער פון דעם שניי. דער רויך איז געגאַנגען אין דער ברייט, ניט אין דער הויך. אַ נאַסע קעלט האָט געצופּט די אויערן, געקניפּט די באַקן.

ליבעלע, אין לײזערס שטיוול, אין זיין האַלב־פּעלצל, האָט גע־שעפּט מילך פון אַ באַרעלקע, זי געגאָסן אין בלעכענע קאַנען. דאָס וואָלענע קאָפּ־טיכל מיטן קנופּ אונטער דער גאָמבע — ווי ביי אַ פויערטע. הירש, דער צוואַקסענער הירש, איז געווען אַזוי באַפּעלצט און באַוואַקסן, אַז מען האָט כמעט קיין פּנים נישט אַרויסגעזען. ער האָט געהאַלטן ביים אַרויספּאָרן, איז שוין געזעסן אויף דער קעל־ניע — אַ פינף־פּודיקער זאַק מעל — און מיט אַמאָל האָט ער אַ צי געטאָן די לייצעס, אָפּגעשטעלט ס'פערד. די קאַנען מילך, וואָס זײנען געווען צוגעקייטלט צום וואָגן, האָבן זיך צעקלימפּערט. דאָס קול ביי הירשן איז צעווייקט געוואָרן אין שניי, קוים דערגאַנגען צו דער שנור:

— לי—בע—לע!

— וואָס, שווער?

— דער געוועלבניק, דער פּראַנצויל, האָט לעצטע וואָך אויך ניט באַצאָלט. אויב ער גיט נישט קיין געלט, לאָז נישט קיין מילך.

— גוט.

אין דער פאַכט האָט לייזער נישט אויסגעפּעלט. איז געווען אַ זאַווערוכע, האָט דער פראָסט געביסן, ווי אַ משוגענער הונט — מיטן דריטן הענער־קריי האָט ליבעלע שוין אויסגעטראָטן דעם ערשטן שניי, זיך געשלעפּט איבער וועגלעך און אונטערוועגלעך. זי האָט געעפנט אַ קליאַמקע, פאַרמאַכט אַ קליאַמקע און קיינמאָל ניט גע־האַט געגנוג מילך — אַזוי פיל נייע קונים זיינען איר צוגעקומען. חנוכה־צייט האָט דער פאַכטער צוגעקויפט פינף מעלקעדיקע קי. זיין פאַרמעגן האָט זיך מיט אַמאָל פאַרגרעסערט אויף אַ דריטל. טעג, וואָכן האָט מען וועגן דעם גערעדט און ניט בלויז אין שטוב, נאָר צווישן די שכנים, ביים „מנין“, ביי דער ראַמפּע, וווּ מען שיקט אָפּ די מילך קיין וואַרשע. שווער און שוויגער האָבן ליבעלען דאָס אָרט אָפּגעהיטן, געציטערט זי זאָל זיך נישט איבעראַרבעטן און ליבעלע האָט געהאַלטן אין איין פאַרשאַרצן ס׳קלייד אין מטאָן אַריין, זיך געכאַפּט פאַר יעדער אַרבעט.

אַ נאָכמיטאָג איז הירש אין זיין שמוישענער וועסט געשטאַ־נען אין שטאַל און אַרויסגעוואָרפן דאָס בהמה־מיסט. ליבעלע האָט אויף גיך אַ שפּיץ קליידל פאַרשטעקט אין סטאָן אַריין, האָט אַראָפּ־געכאַפּט פון דער וואַנט אַ שטאָלענעם גאָפּל און גענומען לייגן ס׳מיסט אין אַ קופּע.

— נישט פאַר דיר קיין אַרבעט, טאָכטער — האָט הירש זיך ביי איר געבעטן — גיי, גיי, ליבעלע, גיי בעסער אין שטוב אַריין.

— פאַרוואָס נישט פאַר מיר קיין אַרבעט? — האָט ליבעלע שקאָציש פאַרטשעפּעט איר גאָפּל אָן שווערס, אָפּגעשאָטן הירשן מיט אַ ווידלע מיסט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

הירש האָט אָנגעקוואָלן פון דער שנור, איינגערימט ביי יעדער געלעגנהייט דעם ווייב:

— הערסט, רבקה, וואָס דאָס מענטש צעפּראַצעוועט!

— כ'האָב שטענדיק געזאָגט, אַז ליבעלע האָט גאָלדענע, באַשמעקטע הענט!

אינמיטן מאַי האָט זיך אין ליבעלען עפּעס איבערגעאַנדערשט. און ניט נאָר אין ליבעלען. די לאָנקעס זײַנען געוואָרן מער געל, ווי גרין. אַפילו די מילך אין די אײַטערס איז געוואָרן זאַפּרעק. די קורצע נעכט האָבן געשמעקט מיט יונג-לײב, מיט וואַרעמען שטאַל. דער הונגער, וואָס האָט זיך געווינטלט איבער פעלדער און לאָנקעס, האָט ליבעלען נישט געלאָזט שלאָפן. אַל'ץ איז געוואָרן אומרויִק — ערד, פלאַנץ, בהמה, מענטש. זי האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, געעפנט און פאַרמאַכט דאָס פענסטער, זיך געבריקעט, וואָס מען האָט בײַ איר לײזערן צוגענומען.

ליבעלע איז אַרויס אויפן הויף. די לעצטע שטערן, בלאַסע, האָבן זיך אײנציקווײז געלאָשן און עס איז געוואָרן טונקעלער. די לופט האָט געטריפט מיט בהמה-מיסט, מיט צעבליטן בעז, איז פול געווען מיט שלאָף. דאָ און דאָרט האָט אַ זילבער געטאָן אַ פאַסיקל ליכט און דער מזרח האָט אָנגעהויבן בלוטיקן. בהמות זײַנען ניט אײַנגעשטאַנען אין די שטאַלן, זיך געריבן אָן די ווענט, פאַרבענקט געמעקעט. עס האָט געטאָגט.

— שלאָפסט דאָך אינגאַנצן ניט, ליבעלע, — איז הירש אָנגעקומען אין אַ רויטן שפּענצער — גיי שפּאַר זיך צו, האָסט נאָך אַ גוטע שעה.

— איר, שווער, וואָלט מיך נאָר געלייגט שלאָפן — איז ליבעלע אונטערגעאַנגען אי ווי אַ טויב, אי ווי אַ פּאַווע, און אין אירע טיפע, טונקעלע אויגן האָט דער נישט-גוטער געטאַנצט.

— אַז ס'זיצט אין דיר אַ רוח, מײַן טאָכטער — האָט הירש זי אַ נעם געטאָן פאַר דער וואַרעמער גאָמבע — ניט דו שלאָפסט, ניט דו עסט און אַרבעטסט פאַר צען!

— איז ווידער שלעכט? — האָט זי אַ נעם געטאָן דעם שווער אונטערן אָרעם — קומט, מיר וועלן אַרויסנעמען די מילך פון קעלער!

— שטיפערקע, דו!

הירש האָט זיך נאָכגעשלעפּט, ווי עס שלעפּט זיך נאָך אַן

עלטערער מענטש, ווען יונגוואַרג כאַפּט אים אַריין אין אַ מיטן טאַנץ. ער האָט אין גאַנג צעקנעפּלט דעם שפּענצער, געפילט ווי עס ווערט אים הייס. ער האָט מיט אַמאָל אַ צי געטאָן זיין האַנט פון דער שנורס, זיך געחידושט, וואָס זי האָט אים אַריינגעפירט אין שייער צווישן סטויגעס היי און שטרוי, און אַ זאָג געטאָן:

— אַז נאָך מילך, וואָס ביסטו פאַרקראָכן אין שייער אַריין?

ליבעלע האָט ניט געענטפערט. דער הונגער, וואָס האָט געדרעמלט אין איר דעם גאַנצן ווינטער, איז איצט געקראָכן פון די אויגן, פון די מויל־ווינקלען. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שווער פאַר דער באָרד, אים אַ צי געטאָן צו זיך. אים אָפּגעגאָסן מיט אַזאַ חמימה, אַז הירש האָט זיך אַ רוק געטאָן פון איר.

הירש האָט פאַרשאַרצט דאָס היטל, געכאַפּט אָטעם ווי אַ גאַנדז, וואָס קרעקט זיך, און גענומען מוסרן די שנור:

— וואָס איז, טאָכטער? וואָס איז? האָסט גאָר קיין בושה ניט...

ליבעלע האָט זיך צעוויינט.

— נו, נו, נו — האָט ער זי אַרויסגעפירט אויפן הויף, איר געווישט מיט די אָפּגעאַרבעטע פינגער די אויגן און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, — נו, באַרויִק דיך, באַרויִק דיך, כ'וועל שוין אַליין אַרויסנעמען פון קעלער די מילך.

די הענער האָבן זיך צעקרייט, זיך פאַרגאַנגען לאַנג און דין, מיט אַ קלימפּער ווי פון געשליפן גלאָז.

1931

אַ ג נ ב ה

באַשע איז געגאַנגען אַהיים. דער קאָפּ, אַ מידער, אַ געבויגענער, האָט זיך נישט געקענט אָפּשטעלן אויף קיין איין זאַך. שטיקלעך זאַך זיינען נישט אָפּגעטראָטן, האָבן געמאָנט, דערמאָנט, אַז זי איז פאַרשולדיקט אין שפּיז-געוועלבל, אין רעסטאָראַן, ווייסט נישט חוץ מען נעמט אויף דירה-געלט, ווי מען ווייזט זיך פאַר באַקאַנטע. דערצו איז שוין צוויי חדשים ווי מען האָט נישט אויסגעצאָלט די שכירות אין דער קינדער-שול, וווּ באַשע איז געווען אַ לערערקע.

עס האָט זי בלויז געחידושט, וואָס זי האָט צו קיינעם קיין תרעומות נישט. און ווען עס געשעט אַ נס, זי באַפרייט זיך פון די אַלע דאגות, הערט מיט אַמאָל אויף צו הונגערן, וואָס וואָלט זי אָנגעהויבן טאָן מיט זיך? אַזוי האָט דאָך די באָבע געהונגערט, אַזוי די מאַמע, עס איז דאָך ביי איר אין בלוט.

דער מאַנטל, וואָס איז ווינטער געווען צו לייכט, זי האָט געפרוירן אין אים, האָט איצט סוף יוני געשוועריט, ברייט געעפנט די מאַנטל-פּאָלעס און געבויגן די איינגעלאָפענע פּלייצעס. זי האָט אויפגעשנאַלט כ'פּאַסיקל, ברייט געעפנט די מאַנטל-פּאָלעס און אָפּגעאָטעמט.

עס איז געווען הייס, די זון האָט דורכן טאָג אָנגעגליט די שטיינער, ווייך געמאַכט אויף די טראָטואַרן דעם אויסגעגאָסענעם אַספאַלט, און דזשיקע גאַס, וווּ באַשע האָט געוווינט, האָט געאָטעמט מיט פעך, מיט צעפּאַרעט לייב און מיט אָפּפאַל.

שוין די צווייטע וואָך ווי מען האָט באַשען געהאַט באַגנבעט, צוגענומען ס'איינציקע גאַנצע קליידל, דעם גאַנצן פּוץ אירן. דערפאַר האָט זי געטראָגן דעם מאַנטל, פאַרשטעלט דעם דלות.

זי איז אַריין אין הויף — אַ שמאָלער קאַסטן, ווו אין די גרעסטע היצן איז נישט אַזוי קיל געווען, ווי פייכט. עס האָט גע־שמעקט מיט פאַרזויערטער אוגערקע, מיטן אויסגעווייקטן ריח פון הערינג, מיט ביליקער גאָרקע.

פון אַ פינסטערן קאָרידאָר איז אָנגעקומען אַ שכן — אַ יונ־גערמאַן מיט אַ בלאָנד זײַדן בערדל. דער יונגערמאַן האָט מיט באַ־שען געלערנט אין איין שול.

— און איך, באַשע, בין געווען זיכער, אַז איר זענט אין שטוב:

באַשעס שמאָלע אויגן, וואָס זיינען מיט אַמאָל שמעלער גע־וואָרן, האָבן זיך גענומען לײַטערן, און די קינדישע פרייד, וואָס זי האָט אַ גאַנצן טאָג אײַנגעזאַפּט אין שול, האָט זיך איצט צעלייגט איבערן פאַרחושכטן פנים, אַרויסגעלייכטן פון יעדן פעלדל און קנייטשל.

— פאַרוואָס זענט איר געווען זיכער, אַז איך בין אין שטוב? — האָט באַשע געפרעגט.

— בײַ אײַך דאַכט זיך איז ליכטיק.

— ביי מיר? — האָט זי אַ הייב געטאָן די פאַרזשמורעטע אויגן, זיך אײַנגעקוקט אין פענסטער, און פון דעם קליינעם מויל מיט די ווײַסע ציין האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ קינדיש געלעכטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין טאָפּלען, ווי אַ מחנה קינדער וואָלטן זיך צעלאַכט.

באַלד האָבן די שמאָלע אויגן, ווייכע, איבערגעשראָקענע, זיך צוריק געעפנט. פונם קינדישן שמייכל איז קיין זכר ניט געבליבן. ס׳יונגע, אויסגעצערטע פנים, פול מיט קנייטשלעך, איז געוואָרן אומ־באַהאָלפן. זיך געבעטן ביים שכן:

— איר ווייסט, יאָשע, ס׳זאָל אַמאָל נישט זיין קיין גנב. קומט מיט מיר אַרויף.

— ווידער אַ גנב? מען האָט דאָך אײַך נאָר וואָס „אַרומגע־פּוצט“?

— איר ווייסט גאָרנישט, יאָשע, וואָס בײַ אַזאַ גבירטע ווי איך פאַרוואַלגערט זיך אַלץ!

זיי זיינען אַרויף אויף דער ערשטער טרעפּ, ווו עס איז געווען פּייכט און פינסטער ווי אין קעלער. באַשע האָט ליכט, גאָר לייכט אָן עפן געטאָן די טיר, וואָס איז נישט געווען פאַרשלאָסן. דער ערשטער האָט זיך אַרײַנגעשאַרט דער שכן, נאָך אים — באַשע. ביידע זיינען געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג און אָטעם, געטאַמעוועט די אייגענע הערצער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ.

איבער אַן אָפענעם, אַלט־פרענקישן קופערט האָט זיך געבויגן אַ פאַרשוין. דער קאָפּ מיט די הענט, וואָס האָבן גענישטערט אינם קופערט, האָבן זיך נישט אַרויסגעזען. בלויז אַ פאָר צעשפּרייטע פיס מיט אַ געלאַטעוועטן „הינטן" האָבן געקוקט אויף די באַלעבאַ־טים. לעבן פרעמדן איז געלעגן אַ זעקל מבשירים — וויטריכעס צו עפענען שלעסער, צוועגלעך, האַמערס, בויערס און צוויי האַנט־זעגלעך.

— פעטער, וואָס זוכט איר דאָרט? — איז ס׳קול ביי באַשען געוואָרן טרוקן, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קעל מיט אַ הוסטל.

איבער די צעשפּרייטע פיס האָבן אויפגעציטערט אַ פּאָר פליי־צעס, זיך גענומען ציען, עס איז אויסגעוואַקסן אַ קאָפּ. אַ ייד אין די פופציקער, מיט אַ גרוי צוגעשאָרן בערדל, מיט דאגות אינם צע־קנייטשטן שטערן און די צעקרימטע מויל־ווינקלען, האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף די באַלעבאַטים און זיין בליק האָט געהאַט צו זאָגן:

— וואָס האָט מיך די פינסטערע כאָליערע אַהער געטראָגן?

אויגן שוואַרצע, וואָס ווערן, דאַכט זיך, פון קיין זאַך נישט נתפעל, האָבן געקוקט אין חלל אַריין, געוואַרט מען זאָל זיך וואַרפן אויף אים, און אַז קיינער האָט זיך נישט געוואָרפן, האָט ער אַ שיי־בער געטאָן מיט די פּלייצעס, געוואָלט עפּעס זאָגן, נישט געהאַט קיין ווערטער און בלויז אַ ציק געטאָן מיט אַן אַקסל. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— עך זעט דאָך וואָס איך זוך.

— אוודאי זע איך! — האָט באַשע מיט אַ געשריי זיך אַ לאָז געטאָן צום ייד, — און איך וועל אייך וויַיזן ווי נאָך אויפצוהאַקן שלעסער און קריכן אין פרעמדע שטיבער!

דער ייִד, וואָס האָט ניכער אויסגעזען ווי אַ מוהל, ווי אַ געוועלבניק, ווי וואָס אירווילט אַליין, נאָר נישט ווי אַ גנבֿ, האָט זיך פֿון באַשעם געשריִען אַ שאַר געטאָן. ער איז געבליבן שטיין מיט די פּלייצעס בײַ דער וואַנט, מען זאָל אים נישט קאָנען באַפֿאַלן פֿון הינטן, און סְפּנים איז געוואָרן אומבאַהאָלפֿן, ווי ס׳וואָלט געבעטן אַ נדבֿה:

— וואָס ט׳עך שוין האָבן, אַז מ׳וועט מיך אײַנזעצן? כ׳האָב אַ קראַנק ווײַב, כ׳בין אַ טאַטע פֿון זעקס קינדער און איבערמאָרגן איז שבֿועות — נישטאָ קיין לעק אין שטוב...

— דאַרף מען גנבֿענען?

— גיט מיר אַן אַנדער פּרנסה — איז דער ייִד געוואָרן רײדעוודיקער. — אײַך איז גוט, עך זענט אַ שנײַדערין, צי אַ פּוצערין. וואָס זאָל איך טאָן, אַז שוין איבער דרײַסיק יאָר ווי איך פֿאַרנעם זיך מיט דער פֿינסטערער פּרנסה, מיט גנבֿה?... עלטערן האָב איך געהאַט לײַטישע, גאָר לײַטישע. און אַ ברודער האָב איך, איז ער אַ פֿײַנער מענטש, נישט קיין גנבֿ... וואָס זאָל איך טאָן, אַז מײַן מזל איז אַזאַ פֿינסטערער? און אַז „עך" וועט מיך שוין אײַנזעצן, וואָס וועט עך דערבײַ געווינען? דערצו האָב איך בײַ אײַך גאָרנישט גערירט...

— איר זענט שוין בײַ מיר ס׳צווייטע מאָל — איז באַשע געוואָרן רויִקער. — וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף אַ קבצנטע ווי איך, ווען איר קאָנט גיין אין רײַכערע הײַזער? אַזאַ שלימזל!

— מיר זאָלן ביידע אַזוי לעבן ווי איך בין בײַ אײַך ס׳ערשטע מאָל — איז דער ייִד געוואָרן דרײסטער — ווי איך בין אַ טאַטע צו מײַנע קינדער, — ווען, זאָגט עך, האָט מען אײַך באַגנבֿעט?

— מיט אַ צוויי וואָכן צוריק האָט מען בײַ מיר אַרויסגענומען ס׳אײנציקע זײַדן קליידל, וואָס איך האָב געהאַט.

- נישט איך, אסור נישט איך — האָט דער ייִד גענומען אײַנפּאַקן זײַנע מכשירים אין זעקל — און גלויבט מיר, ווי נאָר עס וועט זיך מאַכן אַ רעשטקע זײַדנס, צי אַזוי אַ ראַמשל, שיק איך אײַך אַרויף... עך זענט דאָך אַ שנײַדערין, וועט עך זיך אַליין אויפֿנייען אַ קליידל...

— איך בין ניט קיין שנײַדערין, איך וויל נישט קיין רעשטקעס, קיין ראַמשלעך, — האָט באַשע געשמייכלט — איך וועל אײַך נאָר בעטן צו זיין מיט מיר פונדערווײַטנס, נישט צו מאַכן בײַ מיר קיין וויזיטן...

— עץ זענט טאַקע נישט קיין שנײַדערין — האָט דער ייד שוין גערעדט ווי אַן עלטערער פעטער — וואָס דען זענט איר? איך מיין בײַם פאַך?

— אַ יידישע לערערין — האָט באַשע זיך צעלאַכט און ס׳פּנים איז צוריק געוואָרן קינדיש

— דאָ אויף דזשיקע?

— יאָ.

— מעג טאַקע אַ בראָך קומען אויף מײַן אַלטן גנבישן קאָפּ.

— וואָס איז? פאַרוואָס?

— עץ לערנט דאָך מיט מיין מיידעלע — האָבן די שוואַרצע אויגן בײַם ייד ווי אויפגעלויכטן.

— ווי הייסט אײַער מיידעלע?

— דאָס וועל איך אײַך איצט ניט זאָגן — האָט דער ייד זיך אי געגרויסט, אי פאַרלאָרן.

— נישט אַמאָל רחל וואַקס? — האָט באַשע זיך אײַנגעקוקט אינם גנב.

— טרעפט בעסער נישט. איך וועל אײַך סײַ ווי איצט נישט זאָגן, און די מכשירים מיינע, וועל איך אײַך בעטן, צו האַלטן בײַ זיך אַ וויילע. איך וועל שיקן נאָך זיי מיין עלטסטע טאָכטער. אַז מען פאַלט דורך בײַ אַ שטיקל אַרבעט, זײַנען די כּלים נישט מזלדיק. עס איז געזינטער דער בעל־דבר זאָל זיך ווייזן אין גאַס אָן זיי... אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט דאָ מיין טאָכטער זײַן, און איך פאַרזיכער אײַך, אַז איך וועל אָנהענגען אַ שלאָס אויף אײַער טיר, וועט שוין קיין גנב עס נישט עפענען.

און אַז דער ייד איז אַרויס, האָט באַשע אַ נעם געטאָן דעם שכן פאַר די הענט. בײדע האָבן זיך געבויגן פון געלעכטער, גע־זאָגט כמעט דאָס זעלבע:

— אַ גנב, אַ יידישער גנב!

אין אַ שעה אַרום האָט מען אָנגעקלאַפּט. באַשע האָט געעפנט. אַ מידל פון אַ יאָר דרייצן-פערצן, אַן איבערגעוואַקסענע איז אַריין אין צימער און אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ רעשטקע זיידנס.

— דער „טאַטאָלע“ האָט דאָס געשיקט, עס זאָלט זיך אויפנייען אויף יום-טוב אַ קלייד און דער „טאַטאָלע“ האָט געבעטן, עס זאָלט מיר געבן ס׳פּעקל כּלים, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלאָזט.

מאַרילאַ

די טרומנע, אַ נידעריקע, איז געשטאַנען צווישן סאָסנאָווע ביי־מער, ווו גראָז און מאָך האָבן צוגעדעקט ס׳פּנים, די הענט. די געדיכטע פלאַנצן האָבן פאַרשטעלט די זון, וואָס איז געקראָכן איבער מאַרילעס אָפּגעדעקטע פיס. די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די סאָסנעס, ווי אין קופּער.

ס׳איז געווען נאָכמיטאָג. די היץ האָט געשלאָגן פון דער ערד, פון די ביימער, פונם בלויען הימל. אין דער בלויקייט איז געשטאַנען אַן אַלטער קלויסטער מיט פאַרגליווערטע שפּיצן, וואָס האָט נאָך געדענקט דעם איבערפאַל פון טאָטערישע מחנות. אַרום און אַרום קלויסטער — וויים געקאַלכטע שטיבלעך, ווו איבער הונדערט בלינדע מיידלעך האָבן געלעבט.

אין דער נאָכמיטאָג־שטילקייט, וואָס האָט אַיינגעשלעפערט, האָבן קלויסטער־גלאָקן געשפּרייט טרויער און אונטערגאַנג, דערציילט, אַז איבער דעם שטיינערנעם פּלויט, ווו דער וואַלד איז אויסגעהאַקט, שטייט אַ משוגעים־הויז.

מאַרילאַ האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט זיך אַ וויילע איינגעהערט אין דעם דינעם קלויסטער־געקלאַנג, ווי עס וואָלט נישט געווען פון מעטאַל, נאָר פון געשליפן גלאָז. די ליפּט האָט געגליט. אַזש געווען רויטלעך. צווישן די ביימער האָט אַ פלאַטער געטאָן אַ וויים קלייד. מאַרילאַ איז געווען זיכער, אַז דאָס קומט אָן די דאָקטאָרין, וואָס האַלט אין איבערחזרן:

— שוועסטער מאַרילאַ, וואָס מער אויף דער זון... און דער עיקר — אַ סך פרישע מילך, אַ סך אייער...

איז זי געלעגן, מאַרילאַ, אין וואַלד, זיך געבאַקן אויף דער

זון, געלאַטעט די לונגען מיט מילך, מיט אייער און אירע דריי־און־צוואַנציק יאָר האָבן אַרויסגעווינט פֿון יעדן אָפּגעברענטן גליד.

צו דריי־און־צוואַנציק יאָר איז שוין מאַרילאַ געווען פֿאַרקנסט צום קלויסטער, פֿאַרקנסט אויף שטענדיק. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון טאַטע־מאַמע, אַבי מיט דער הילף פֿון פּאַסטן, מיט דער הילף פֿון תּפֿילה און מלקות, קומען אַ געלייטערטע אויף יענער וועלט, ווו זי וועט זיצן צווישן מאַריעס קינדער.

און אַלע הייליקע האָבן זיך געמיט פֿאַר איר. גאָט אַליין האָט זיך צוגעהערט צו אירע תּפֿילות און טרערן. זי איז קראַנק געוואָרן, האָט גענומען שפּייען מיט בלוט און געהאָפּט, אַז באַלד, באַלד וועט מען זי צונעמען.

מאַרילאַ האָט זיך וואָכנלאַנג אַנטקעגנגעשטעלט, ניט געוואָלט זען קיין דאָקטאָר, ניט געוואָלט אַרויס פֿון צעל. מען האָט זי קוים איבערגערעדט, אַז אין דער קאָלאָניע פֿאַר בלינדע קינדער, וואָס ווערט געפֿירט פֿון קלויסטער, איז דאָ אַ דאָקטאָרין, אַ „שוועסטער”. מען האָט איר אויך געמוזט צוזאָגן, אַז „שוועסטער” יאַנינאַ וועט יעדן מיטוואָך און פֿרייטאָג — די תּענית־טעג — קומען שלאָגן מאַרילען מלקות.

מאַרילאַ האָט אַ צי געטאָן דאָס לאַנגע, שוואַרצע קלייד איבער די נאַקעטע, באָרוועסע פֿיס. זי האָט געזוכט אַרום זיך די שוואַרצע, שווערע קאָפּ־הויב, געפּוצט מיט ווייסן. לעבן דער טרומנע זיינען געשטאַנען דער אָנבייסן, דער מיטאָג. עס איז געווען מיטוואָך. און כאָטש מאַרילאַ האָט צוגעזאָגט דער דאָקטאָרין נישט צו פֿאַסטן, האָט זי אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט אין מויל געהאַט. פֿליגן מיט גאָלדענע בייכער זיינען געזעסן אויפֿן ברויט, געפֿלויגן מיט אַ זשומעריי איבער די טעפּלעך. מאַרילאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס עסנוואַרג, עס באַהאַלטן ווו דאָס גראָז איז געווען טיפֿער. די פֿליגן האָבן זיך געטראָגן נאָך איר. זי האָט ווידער גענומען זוכן די קאָפּ־הויב, געוואָלט פֿאַרדעקן די לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך געזילבערט, ווי פֿריש־געשניטן שטרוי.

אָן די טריט האָט מאַרילאַ דערקענט, אַז עס איז נישט די דאָקטאָרין. און איידער זי האָט צייט געהאַט אַ קוק צו טאָן ווער

עס איז, האָט אַ פּרעמדע קול אָפּגענומען בײַ איר הענט און פיס. דאָס קול, אַ דורכזיכטיקס, איז דאַכט זיך געקומען פון טיפן וואַלד:

— שוין יאָרן, ווי איך זוך דיך, שוועסטער מאַרילאַ.

מאַרילאַ האָט זיך אַ האַסטיקן שטעל אויף געטאָן. זי איז געשטאַנען אָן לשון, זיך געחידושט, וואָס דער פרעמדער האָט זי אָנגערופן בײַם נאָמען, זיך געווענדט צו איר, ווי אַן אומגלויביקער.

דער פרעמדער, אַ „ברודער", אין אַ לויזן כאַלאַט פון גראָבן לײַוונט, איז געווען אַזוי הויך און ברייט, אַז ער האָט פאַרשטעלט די זון. אַרום די לענדן — געקניפּטע שטריק. אין דער האַנט — אַ יונג ביימל, אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, מיט דער ערד. דער „ברודער" האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די באָרוועסע פיס, וואָס האָבן געבלוטיקט. דאָס פנים, אײַנגעפאַלן, צעקראַצט, און די הויט אויף די הענט — אָפּגעריבן.

מאַרילאַ האָט אַ קלימפּער געטאָן מיט די תפילה־פּאַטשערקעס, ווי זי וואָלט געוואָלט דערמיט פאַרטרײַבן די שרעק, און זיך אָנגערופן:

— פון וואַנען קומסטו, ברודער, אַ צעבלוטיקטער און אָן גאָטס וואָרט אויף די ליפּן?

— שוין צען יאָר, שוועסטער, ווי איך האַלט מלחמה מיט גאָט און כ'בין אים בײַגעקומען...

— זינדיקסטו, ברודער, זינדיקסטו — האָט מאַרילאַ זיך איבער־געצלמט.

— נישט איך, שוועסטער — האָט דער פרעמדער געמאַכט עט־לעכע טריט און איז געבליבן שטיין — הונדערטער ברידער, הונ־דערטער שוועסטער האַלט מען פאַרשפּאַרט אין משוגעים־הויז... מען האָט מורא פאַר אונדז, ווײַל מיר טראָגן אין זיך דעם אמת... ווי זיי האָבן מיך געזוכט, די הינט! איך בין געלעגן אין דער תבואה, האָב זיך געשאַרט מיט הענט און פיס איבער צוויי מעת־לעת. איך האָב נישט געפילט קיין הונגער, קיין דאָרשט. איצט, שוועסטער, ווען דו האָסט אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער...

מאַרילאַ האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער פרעמדער איז אַנט־לאָפן פון משוגעים־הויז. זי האָט אים אַוועקגעגעבן דעם אָנבייסן, דעם מיטאָג, געבעטן בשעת־מעשה גאָט, עס זאָל עמעצער אָנקומען.

זי האָט אויסגעמיטן דעם פרעמדנס אויגן, גרויסע בלויע אויגן, ווי נישט פון דער וועלט. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אין די פאַלדן פון מאַרילעס קלייד, אין אירע צעשאָטענע האָר. ווען זי קאָן איצט צולויפן אין שטוב אַריין, רופן עמעצן, אַפילו אַ בלינד מיידל, אַבי נישט צו זיין מיט אַ משוגענעם אַליין. און פון וואַנען וויס ער איר נאָמען? האָט ער זי טאַקע אָנגערופן ביים נאָמען, צי עס האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט? זי האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און אַ זאָג געטאָן:

— כ'וועל צולויפן נאָך אַן עמער וואַסער און אַרומוואַשן אייך די בלוטיקע פיס.

— מען טאָר נישט, שוועסטער, גיי נישט — האָט ער זיך איר אַ שטעל געטאָן אין וועג אַריין — לאָזן מענטשן זען, ווי מען האָט צעבלוטיקט זייערן אַ ברודער אין נאָמען פון גאָט.

מאַרילאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים. זי האָט געקוקט ווי דער פרעמדער עסט שטייענדיקערהייט דעם מיטאָג, ווי ער קנייפּט שטיקלעך ברויט, לייגט זיי אין מויל אַריין און פאַרטרינקט מיט מילך, וואָס רינט אים איבער דער גאָמבע.

ער האָט זיך אַרומגעווישט מיט די הענט און אויפגעהויבן די אויגן — איצט אַנדערע ווי פריער — בלויע, טרויעריקע אויגן. ער האָט געקוקט אויף מאַרילען. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן זיין בליק. דער אָפּגעהאַקטער בוים האָט זיך גענומען באַוועגן אונטער מאַרילען. זיך געקייקלט, זיך דערנענטערט צום פרעמדן. זי האָט דערפילט אויף זיך זיין הייסן אָטעם:

— שוועסטער, מאַרילאַ, זייער סוף איז נאָענט, מוז קומען, וועט קומען. די נישט־געבוירענע קינדער — מיינע, דיינע, מאַרילאַ... וואָס רייד איך? טויזנטער, צענדליקער טויזנטער נים־געבוירענע קינדער, וויינען ביינאַכט אין וואַלד, ווילן דורך מיר, דורך דיר, מאַרילאַ, קומען אויף דער וועלט... און מען דערלאָזט נים! די אַלע קלויסטערס, די תעניתים, דאָס שלאָגן מלקות אויפן נאַקעטן לייב, די אַלע טרומנעס, וואָס מען שלאָפט אין זיי ביים לעבן... און אַז איך, מאַרילאַ, האָב זיך אַנטקעגנגעשטעלט, האָט מען מיך געהאַלטן צען יאָר אין משוגעים־הויז, און נישט נאָר מיך, מען האַלט דאָרט

הונדערטער „ברידערלעך און שוועסטערלעך“, הערסט, מאַרילאַ? מען דאַרף דאָס משוגעים־הויז איבערייסן, מען דאַרף באַפֿרייען די געפּייניקטע און באַליידיקטע. און איך וועל עס טאָן. דו, מאַרילאַ, וואָס כ׳וואַרט אויף דיר אַזוי פֿיל יאָר, דו וועסט מיר העלפֿן. נאָך היינט ביינאַכט, ווען מיר וועלן דערהערן דאָס געוויין פֿון די ניט־געבוירענע קינדער, פֿון מיינע קינדער, פֿון דיינע, מאַרילאַ, וועלן מיר אַוועק אין וואַלד אַריין... מיר וועלן זיך לאָזן מיטן געוויין פֿון די הונדערטער טויזנטער נישט־געבוירענע קינדער איבער שטעט און דערפֿער... מיר וועלן וועקן דעם מענטש — לאָז ער הערן דאָס געוויין פֿון די ניט־געבוירענע קינדער — און ער, דער מענטש, וועט אונדז העלפֿן, וועט זען, אַז איר, שוועסטערלעך, זאָלט זיך פֿונאַנדערגיין מיטן קלויסטער... אויס קלויסטער, אויס משוגעים־הייזער... מיר וועלן זיי אויפֿרייסן! ווו לויפֿסטו, מאַרילאַ? וועסט דאָס מאָל נישט אַנטלויפֿן!

דער פֿרעמדער האָט זיך אַ ריס געטאָן, זיך געטראָגן איבער אַראָפּגעלאָזטע ביימער, איבער קלעצער, פֿאַרלאָפֿן מאַרילען דעם וועג. ביי מאַרילען איז דאָס קול אָפּגענומען געוואָרן, די פֿיס — אונטערגעהאַקט. זי איז געבליבן שטיין, האָט געוואַרט, ווי עס וואַרט אַ סאַרנע, ווען זי באַגעגנט זיך אויג אויף אויג מיט אַ וואָלף. און אַז דער פֿרעמדער האָט אַ כאַפּ געטאָן מאַרילען איף די הענט, זיך געלאָזט מיט איר צווישן די סאָסנעס, איז דאָס לשון צו איר צוריקגעקומען און זי האָט זיך צעשריען לאַנג און אומגעהאַריש.

1931

פּיוואָניע=בלעטער

פּאַרטאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער הימל האָט זיך גענומען לייטערן — געעפנט דאָ אַ פענסטער, דאָרט אַ פענסטער — אַרויסגעלאָזט דעם מזרח, אַ יונגן, אַ צעשטראַלטן, וואָס האָט זיך געטוקט אין די געוויקסיקע סאָסנעס, ווי אין בורשטין. דער מזרח איז אַ פאַל געטאָן אויף וואַגמאַנס ווילע מיטן רויטן דאַך, האָט זיך צעלייגט אויף דער וועראַנדע, ווי אין אַ דראָטענער שטייג, איבערגעדעקט מיט אַ טערקיש טוך, האָט געדרעמלט אַ פּאָפּוגיי. די בלומען אין די קלומבעס, וואָס פאַר דער ווילע, האָבן אויפגעהויבן די קעפּלעך און הונדערטער סאַמעטלעך, שוואַרצע, געלע, האָבן באַגעגנט דעם פרימאָרגן מיט צעעפנטע אויגן. צעבליטע אַקאַציע=ביימלעך, נאַסע פון רעגן, האָבן זיך געהילט אין ווייסן צוויט און די ליפט, אַ פרישע, האָט געאָטעמט מיט האָניק און מעד.

פון אונטער דעם טערקישן טוך האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון פויגל. דער פּאָפּוגיי האָט גערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— איגנאַץ! גוטשע! דזשען=דאָברי!

איגנאַץ וואַגמאַן, אין אַ גרויען כאַלאַט, וואָס מען טוט אָן אונטערוועגנס, אין אַ הוטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק, האָט זיך שוין אַרומגעדרייט אויף דער וועראַנדע. ער האָט געשלעפּט דעם רעכטן פוס און די הענט האָבן ביי אים שטאַרק געציטערט.

פאַרן לעצטן יאָר האָבן קרעדיטאָרן ביי אים צוגענומען די הייזער, דאָס אַייזן=געשעפט. היינט, מאָרגן וועט מען ביי אים צונעמען די ווילע, מען וועט צעשלעפּן דאָס מעבל. פונם גאַנצן עשירות וועלן אים בלייבן עטלעכע הונדערט פּראָטעסטירטע וועקסלען, דער פּאָפּוגיי, וואָס רופט אים און דאָס געשטאָרבענע ווייב ביי די נעמען.

עס האָט אים כמעט ווי נישט געאַרט, וואָס ער האָט פאַרלוירן די הייזער, דאָס אײַזן־געשעפט, האָט פאַרלוירן דעם נאָמען — „וואַגמאַן און שותפים". דער נאָמען האָט עקסיסטירט איבער פערציק יאָר, געווען באַקאַנט נישט נאָר אין פוילן, נאָר אויך אין דײַטשלאַנד, אין פראַנקרײַך. עס האָט אים אויך נישט געאַרט, וואָס נאָך הײַנט פאָרט ער אָפּ צו אַ טאָכטער קיין דאַנציג, ווו ער וועט דערציִען נאָך אַ יאָר, און אפשר נאָר חדשים, ווער ווייסט?

וואַגמאַן האָט זיך שטאַרק געערגערט, וואָס ער האָט געכאַפּט אַ גמילות־חסד בײַ פּאַיאַנסן. פינף טויזנט דאָלאַר האָט ער בײַ פּאַיאַנסן געכאַפּט. געמיינט, אַז מיט דעם געלט וועט ער, וואַגמאַן, זיך ראַטעווען. און ער האָט נישט בלויז פאַרלאָרן די פינף טויזנט דאָלאַר, ער האָט אויך פאַרלאָרן דעם איינציקן חבר — פּאַיאַנסן. זיי זײַנען נאָך חברים געווען פון דער טוואַרדע גאַס, ווו ביידע — איגנאַץ און טאַדעק — זײַנען געוואַקסן אויף איין הויף. ביידע האָבן זיך געשדכנט צו גוטשען. און גוטשע האָט אים, איגנאַצן, אויסגעקליבן. זיי זײַנען געבליבן חברים, געפאָרן איבער צוואַנציק יאָר אין איין קורפּלאַץ. פריער קיין קאַרלסבאַד, דערנאָך קיין נאַוהיים. און אַז וואַגמאַן האָט באַנקראָטירט, אַרײַנגעכאַפּט דעם חברס צען טויזנט דאָלאַר, האָט פּאַיאַנס געשוויגן — עס איז מסחר. איצט, די פינף טויזנט דאָלאַר, אַ גמילות־חסד — עס האָט אים ווי געטאָן, נים געקאָנט דעם חבר קוקן אין די אויגן.

דער פּאָפּוגײַ האָט גערופן און די אויסגעשרייען, פאַרשטיקטע, זײַנען געקומען, ווי פון וואַטע אַרויס:

— איגנאַץ! גוטשע! דזשען־דאָברי!

איגנאַץ האָט זיך צוגעשאַרט צו דעם פּאָפּוגײַ, ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טערקישע טוך פון דער שטײַג. דער פּאָפּוגײַ האָט צענומען אַ פליגל, ווי אַ דרייעק, געשאַרפט דעם שנאָבל אָן די דראָטן, געקוקט מיט איין אויג אויפן באַלעבאָס און איך די אויסגעשרייען איז געזעסן אַ ליִך, וואָס האָט נאָכגעקרימט:

— איג—נאַץ! גוט—שאַ!

איגנאַץ האָט נישט באַמערקט, ווי צו דער וועראַנדע זײַנען אונטערגעקומען דרײַ פאַרשוין — משה געוועלבניק, זרח קצב און לייזער

דער מילך־ייד — וואָס האָבן אים צענדליקער יאָרן צוגעשטעלט אין דער ווילע אַריין עסנוואַרג.

זרח קצב האָט זיך אַרויסגערוקט. ער האָט מיט ביידע הענט אַ ווייש געטאָן די רויטע באָרד, וואָס איז געווען געלבלעך אין די שפּיצן, און אָפּגעהוסט:

— אונדז זיינען מיר געמיינע לייט, פּאַניע וואַגמאַן...

וואַגמאַן האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט, ווי נישט צו אים וואָלט מען גערעדט. ער האָט געשטעקט דעם גראָבן פינגער דעם פויגל אין שנאָבל אַריין. די הענט אָבער האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן. דער רעכטער פּוס איז פול געוואָרן מיט נאָדלען און אַרום די שלייפן האָבן זיך אוועקגעשטעלט נאַסע טראָפּנס. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ צו די יידן, זיי געוויזן אויף די צימערן:

— געלט האָב איך נישט... נעמט וואָס איר ווילט...

די יידן זיינען געוואָרן דרייסטער, האָבן באַקומען מינעס, ווי זיי וואָלטן דאָ געווען די באַלעבאַטים. זרח קצב האָט באַטראַכט דעם אַלט־פּרענקישן פּאָרטעפּיאַן, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט. דער קצב האָט געפירט מיט זיינע שטייפע פינגער איבער די קלאַווישן און ביי יעדן דינעם קלאַנג זיך אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד אַריין, וואָס איז געהאָנגען ווי אַ שטיק קעלבערנע פעל. דער געוועלבניק האָט באַטאַפּט די אויסגעבעטע שטולן און דער מילך־ייד האָט געקלאַפּט מיט צוויי פינגער אין דעם דעמבענעם שרייב־טיש, ווי מען קלאַפּט אין אַ שטיקל געפעס צי ס׳איז נישט אָנגע־שפּאָלטן.

— ווילסט פאַרן חוב דעם שרייבטיש, — האָט וואַגמאַן אַ פרעג געטאָן דעם מילך־ייד.

— כ׳וויס — האָט דער ייד זיך געישובט — כ׳וועל זיך נאָך אַרומקוקן.

— זיי אַזוי גוט, לייזער, עפן, — האָט וואַגמאַן געוויזן אויפן שופלאָד פון שרייבטיש.

לייזער האָט געעפנט דעם שופלאָד. וואַגמאַנען איז מיט אַמאָל געוואָרן היים. ער האָט געוויזן אויפן כאַלאַט. זיך געבעטן:

— שלעפּ אַראָפּ, לייזער.

וואַגמאַן איז געבליבן שטיין אין אַ טשעסונטשאַ־רעקל, אין צעקנעפּלטע הויזן, וואָס זיינען געפאַלן איבער די פיס. ער האָט גענומען שפּילן די הויזן, געליטן וואָס די לעכלעך אַנטלויפן פון די קנעפּלעך, און אַן אויסגעמאַטערטער זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ זאַק מעל, אין דער געפלאָכטענער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן שרייבטיש.

איינאיין וואַגמאַן — דאָס האַנדלסהויז „וואַגמאַן". צען, צוואַנציק, דרייסיק, פערציק יאָר — אַלץ צעבראָקלט, אַלץ צעשטויבט, געבליבן זיינען פּראָטעסטירטע וועקסלען, וואָס מען וועט שוין קיינמאָל נישט אויסקויפן.

וואַגמאַן האָט גענישטערט צווישן די פּאַפּירן. ער האָט געעפנט אַ זאַמשענעם טייסטער, אַרויסגענומען דאָס ערשטע בריוול, וואָס גוטשע האָט אים געשיקט, אַרויסגענומען טרוקענע פיוואָניע־בלעטלעך, אַרויסגענומען גוטשעס אַ פאָטאָגראַפיע.

די צוואַנציק־יעריקע גוטשע, אַזאַ יונגע, ווי זי וואָלט געווען וואַגמאַנס אַן איניקל. ווען איז עס געווען? און איז עס טאַקע געווען? וואַגמאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך נישט געדאַרפט דערמאָנען, ווי גוטשע האָט אויסגעזען. אויגן מאַטע, טונקעלע, וואָס האָבן זיך געשאָטנט אינמיטן העלן טאָג. ליפּן וואַרעמע, ווי פאַרדויטלטער בעז. און די האָר, שוואַרצע, האָבן זיך געוויקלט אין דער בלאַסקייט פון פּנים, ווי עס פלעכט זיך אַ ווייסע זיידענע באַנד אין אַ שוואַרצן צאָפּ.

אַרום וואַגמאַנס מויל־ווינקלען, אַרום דער נאָז, האָבן זיך גענומען טראָגן שטיקלעך שפּינוועבס, שטיקלעך אלול־פעדעם. עס איז דאָך פרילינג, נישט האַרבסט, פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל אלול־פעדעם?

וואַגמאַן האָט צעריבן די טרוקענע פיוואָניע־בלעטער, זיי אַרייַנגעאָטעמט, טיף, טיף, ווי אַ דורשטיקער ציט אין זיך אַריין אַ פרישן געטראַנק און טוואַרדע גאַס, מיט די מענטשן, מיט די הייַזער, טוואַרדע גאַס מיט פופציק יאָר צוריק, האָט אין אים איפגעלעבט.

איינאיין, מאַדעק און זי — גוטשע — אין דרייען זיינען זיי אַוועק אין די לאַזשענקעס. עס האָט געשמעקט מיט אַקאַציעס, מיט

פיוואָניע־בלעטער. פון דעם צעריבענעם שטויב, וואָס ליגט אין וואַג־מאַנס הענט, גייען אויף פופציק יאָר. גייען אויף ריחות, וואָס שמעקן מיט האָניק, מיט מעד.

דער קאָפּ, וואַגמאַנס קאָפּ אינם היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק, האָט זיך גענומען בויגן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. ער האָט מער נישט געזען ווי די דריי ייִדן האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין די צימערן, זיך אָפּגעקליבן שטיקער מעבל. עס איז אים געווען גוט מיטן פיוואָניע־ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די צעריבענע בלעטער, עס איז אים געווען גוט מיט דעם פאַפוגײַ, וואָס האָט געריפן:

— איגנאַץ! גוטשע!!

— האַ? ער האָט אַ דרעמל געטאָן? — האָט וואַגמאַן געעפנט די אויגן, דאָס מויל און אַ לענגערע צייט זיי געהאַלטן אָפן, ווי נים געקענט פאַרמאַכן.

טאַדעק פאַיאַנס מיטן געשניצטן שטעקן אין דער האַנט, מיטן שטרויענעם קאַפּעליוש איבן רעכטן אויער, האָט זיך געדרייט אַרום וואַגמאַנען אין אַ רעדל, געסאָפּעט ווי אַ קעסל, וואָס לאָזט פאַרע, און קנוילנווייז אויסגעשריען:

— מסחר... שלעכטע צײַטן... בימט פליטה... פרעמדע בלוטיקן, דאַרף אַ קאָלעגע אוודאי און אוודאי בלוטיקן!... האָסט מיר צוגענומען פינף טויזנט דאָלאַר — כ'האָב געשוויגן! אָבער איצט אַ גמילת־חסד אויף עטלעכע טעג... פינף טויזנט דאָלאַר... די קינדער האָבן נישט געהייסן געבן... כ'האָב זיי נישט געהערט... אַלטע קאָלעגן, צוזאַמען געוואַקסן, צוזאַמען געפאָרן אין בעדער... כ'האָב דיר געבראַכט ס'געלט אין שטוב אַריין, אויג אויף אויג, האָסטו מיר נישט געדאַרפט אָנזעצן! הערסט, איגנאַץ — האָט טאַדעק געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש אַריין — אָן די פינף טויזנט דאָלאַר ריר איך זיך נישט פון דאַנען! ס'איז דאָך גזלה! הערסט, איגנאַץ, ס'איז גזלה!

די הענט בײַ וואַגמאַנען האָבן זיך געוואָרפן ווי אין הייליקן וויטוס־טאַנץ, די אויגן זיינען געקראָכן פון קאָפּ. ס'מויל איז געשטאַנען אָפן און אָנשטאָט ווערטער האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— טאַדעק, טאַדעק, טאַדעק...

וואַגמאַן האָט זיך אַ שטעל געטאָן, די צעשפּיליעטע הויזן האָבן זיך געגומען רוקן איבער די ביאָדרעס, אָנגעהויבן פֿאַלן איבער די פּיס. וואַגמאַן האָט קוים דערכאַפּט די הויזן. ער האָט זיי גענומען שפּיליען, איז רויט געוואָרן, בלאַס געוואָרן און די לעכלעך זיינען אַליין אַנטלאָפֿן פֿון אונטער די קנעפּלעך.

פֿאַיאַנס האָט נישט געקאָנט צוקוקן דעם חברס אומבאַהאָלפֿנקייט. ער האָט מיט רוגזה אַ נעם געטאָן ביי אים די הויזן, זיך צעבייזערט:

— גיב שוין די הויזן, גיב, דו ליימענער גולם!

ער האָט געוואָלט צוריקכאַפּן דאָס לעצטע וואָרט. עס איז געווען שפּעט. ר'האָט ביים חבר צוגעשפּיליעט די הויזן צו די שעלקעס און געפילט, ווי דער כּעס נעמט זיך אין אים זעצן. דאָס אויג איז געפֿאַלן אויפֿן בילד, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש.

— ווער איז עס, אַן אייניקל?

— ס'איז דאָך גוטשע — איז צו וואַגמאַנען צוריקגעקומען דאָס לשון.

— טאַקע גוטשע.

— ביידע — טאַדעק, איגנאַץ — זיינען געשטאַנען איבערן בילד. זיי האָבן געקוקט מיט יונגע אויגן אויף גוטשען, אויף די שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך געשאָטנט איבער די בלייכע באַקן, און נישט געוווּסט צי דער ווייטער ריח פֿון פֿיוואָניע טראָגט זיך פֿון בילד, צי פֿון די אַקאַציע־ביימער.

אברהם און הגר

אין מאַי, ווען דער מענטש ווערט אומרויִק, ווי די ערד, גראָבט זיך אין איר און דאָס בלוט נעמט האַסטיקער רינען פֿון די שמעקעדיקע גראָזן און פֿלאַנצן — אין חודש מאַי איז דאָס דאָרף געבליבן ליידיק. אַלט און יונג, מיט זויג־קינדער אויף די פּלייצעס — אַלע זיינען אַרויס פֿון דאָרף מיטן שפּראָץ אויף טאָג, וואָס האָט זיך גערויטלט, פֿאַרפֿלאַמט דעם גאַנצן מזרח. מען איז געגאַנגען אויף די פֿעלדער משפּחהווייז. די ערשטע האָבן זיך געפֿעדערט די אָרעמע, די „קוטניעס". דערנאָך זיינען געקומען די „בעק". די רייכע, די „עמלקים", זיינען געווען די לעצטע. דאָס דאָרף אַ יידיש, מיט יידישן נאָמען — „קרקע" — איז געלעגן עטלעכע ווערסט פֿון סמאַרגאָן.

דער קרקער רב, אַ צעוואַקסענער, מיט אַ צעפּלאָנטערטער באָרד, אַ שוואַרצער, וואָס איז געקראָכן אין די נאָך שוואַרצערע ברעמען און פּאות, איז געשטאַנען ביים אָפֿענעם פֿענסטער און האָט געשאַרפֿט אויף אַ שטיינדל אַ מוהל־מעסער.

ער האָט געקוקט אויפֿן ליידיקן דאָרף, וואָס איז געווען צעוואָרפֿן פֿון ביידע זייטן שליאַך. די הייזער, ווי סטאַדאָלעס, האָבן געגלאָצט מיט בלינדע ווענט אויפֿן זאַמדיקן וועג אַרויס. פֿון שליאַך איז ניט געווען צו זען קיין טיר, קיין פֿענסטער. דאָס האָט מען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אָנגעיאָגט אַהער יידן גזלנים, יידן פֿאַרברעכער, זיי באַזעצט אויף ערד און אָנגעזאָגט, שטרענג אָנגעזאָגט, טיר און פֿענסטער זאָלן אַרויס אויף די פֿעלדער, נישט אויפֿן שליאַך, זייערע גנבֿישע אויגן זאָלן ניט פֿאַלן אויף קיין דורכגייער, אויף קיין דורכפֿאָרער.

דער רב האָט געגלעט דאָס מוהל־מעסער און זיך אײַנגעהערט צי עס פּאָרט נישט אָן קײן בריטשקע. דאָס האָט דער טאָטערישער „מולאַ" פונם שכנישן דאָרף דאַביציש‏אָק געדאַרפט אָנפאָרן נאָך אים. פון הינטערן וועלדל האָט זיך געהערט אַ הירזשען — פאַרן רבס שטיבל, אויפגעשלאָגן נאָך דער מלחמה פון רויע קלעצער, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ בריטשקע געשפּאַנט צו צווײ פערד. אַ קלײנגעוויקסיקער טאָטער איז אַראָפּ פון דער קעלניע. דער „מולאַ" האָט געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך פאַרן רב, וואָס האָט געטראָגן די מוהל־מכשירים אין אַ קלײנער האַנט־וואַליזע. און אַז דער רב איז שוין געזעסן לעבן „מולאַ" אין דער בריטשקע, האָט די רביצין געלאָזט שטײן דאָס אויפגעווירעוועטע חלה־טײג און איז אַרויס באַגלײטן דעם מאַן:

— אַברהמל, זײ מצליח. און אויב די קדרים האָבן פיש, ברענג אַ פישל אויף שבת.

פון די שכירות, וואָס די ייִדישע פויערים האָבן געצאָלט דעם רב, ניט אין געלט, נאָר אין „נאַטור", האָט דער רב געלעבט אין גרויס דחקות. איז געקומען דער נאָך־שניט, האָבן צווײ רײכע פויערים זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ פור איבערן דאָרף און יעדער האָט געגעבן אַ פוד קאָרן, צווײ פוד קאַרטאָפל, באַזאָרגט דעם רב מיט ברויט אויף אַ גאַנץ יאָר. קײן בגד פאַר זיך, פאַר דער רביצין, האָט דער רב פון די שכירות זיך קײנמאָל ניט געקאָנט אײַנפּײַען. ער איז אויך געוואָרן אַ שוחט, אַ בודק, אַ מוהל, האָט געדאַט אַ לײכטע האַנט, נאָר אַ לײכטע, און זײַן שם איז אַריבער אַזש אין טאַטערישן דאָרף אַרײַן.

דער יונגער טאָטער איז פלינק אַרויף אויף דער קעלניע. די פערד זײַנען אַרויס פון דאָרף, זיך געטראָגן איבערן שטויביקן שליאַך. דער „מולאַ" האָט אַרויסגענומען פון אַ לויזן אַרבל אַ פּאַפּיר:

— דאָס איז פון ווילנער „מופטי". ער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל הײַנט, אינם נביאס יאָרצײַט, באַשנײַדן סיונגוואַרג. אַמאָל פלעג איך עס אַלײן טאָן... שוין יאָרן אָבער ווי ס'ציטערן בײַ מיר די הענט... דרײט זיך אַרום אין דאָרף אַ זעכצן יאָריקער יונג, אַ ניט־

באַשניטענער... און אַ נישט־באַשניטענער איז ערגער פון אַ געצנדינער, ס׳איז אַ קללה פון גאָט... האָבן די בהמות גענומען קרענקען... לעצטנס אָבער איז בײַ אײנעם געפֿאַלן אַ קו, בײַ אַ צװײטן אַ קו, האָב איך אָנגעשריבן װעגן דעם צום מופֿטי, אים דערצײלט, אַז אויף דער „קרקע“ װױנט אַ רב מיט אַ לײַכטער האַנט... דער מופֿטי האָט געהײסן פֿאָרן נאָך דיר, רב...

— װיפֿיל קינדער דאַרף מען דאָס באַשנײַדן? — האָט דער רב געפֿרעגט.

— אַ זעכצן־זיבצן שטיק — פֿון אַ װיג־קינד ביז אַ זעכצן יאָריקן פּויער.

דער „מולאַ“, אַ זקן, האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די ברײטע אַרבל פֿון זײַן װײַסן כאַלאַט און איז אַנטשװיגן געװאָרן.

דאָס, װאָס דער „מולאַ“ פֿון די „בני קדר“ איז געקומען צום קרקער רב, ער, אברהם, זאָל באַשנײַדן די „בני הגר“ — דאָס אַלײן איז שױן געװען אַ שטיק מן השמים. דער רב איז בײַ זיך געהױבן געװאָרן. ער האָט אַרײַנגעלאָזט אין דער פֿאַרפּלאָנטערטער באָרד אײן האַנט, אַ צװײטע, זיך אַ װיש געטאָן מיט די הענט איבער די אױגן און דער פֿרימאָרגן האָט גענומען פֿראַלן מיט אױפֿגעאַקערט פֿעלד, מיט טיפֿן הימל, מיט יונגער זון. די לופֿט איז פֿול געװאָרן מיט ריחות, מיט פֿלאַנצן, מיט פֿײגל. ער, אברהם, איז געפֿאָרן מל זײַן ישמעאלן, װאָס הגר האָט אים געבױרן.

דער רב האָט אַ צי געטאָן דעם „מולאַ“ בײַ אַן אַרבל, אים איבערגעריסן דעם דרעמל. ער האָט דעם „מולאַ“ געװאָלט פֿרעגן אין לשון־קודש און ס׳איז אַרױסגעקומען אַ צעדרײטער פּױליש־רוסיש:

— זענט איר טאַקע פֿון די אמתע מוסולמענער, געבױרן אין דער רעליגיע מאַכמעד?

— מיר זײַנען פֿון די בני הגר — האָט דער „מולאַ“ זיך תמעװאַטע אַרײַנגעשמײכלט אין דער באָרד אַרײַן — מען האָט אונדז אַהער געבראַכט אין פֿערצנטן יאָרהונדערט... מלחמה־געפֿאַנגענע.... דער קײניג האָט אונדז געגעבן ערד, װײַבער... אונדזער שפּראַך

האָבן מיר פאַרגעסן... די רעליגיע אָבער היטן מיר, דערציען די קינדער, ווי גוטע, פרומע מאַכמעדאַנער...

פון צעוואָרפענע שטיבלעך זיינען אָנגעלאָפן מיט אַ בילעריי דאָרפישע הינט מיט דרענגלעך צווישן די פאַרשטע פיס. די הינט האָבן אפנים דערקענט די פערד, דעם „מולאַ“ מיטן אָנטרייבער און זיינען איינציקווייז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין דער שטילקייט האָט געבלאַנקט דער וויסער, געוועלבטער מעטשעט, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דאָרף.

די דאָרף־זקנים זיינען אַנטקעגנגעקומען דעם „מולאַ“ מיטן רב. הינטער זיי — אַ האַלב דאָרף טאַטערן מיט די ווייבער, מיט די קינדער. מען האָט זיך אָפּגעגעבן „שלום“, גערעדט וועגן צעאַקערטע פעלדער, וועגן בהמות, וועגן די בשותפותדיקע שטיקלעך וואַלד, וואָס די קרקער פויערים האָבן געהאַט מיט די טאַטערן, געזען אויף טריט און שריט גאָטס האַנט.

אַ פויערטע איז אָנגעלאָפן, זיך נידעריק געבויגן פאַרן מולאַ, פאַר די זקנים:

— ער האָט זיך פאַרקייטלט אין שייער, מיין האַסיד, ער זאָגט, ער וועט זיך ניט לאָזן באַשניידן! אַז ווי איז צו דער מאַמען, ווען אַן אייגענער זון מאַכט זי צו שאַנד און צו שפּאָט פאַרן גאַנצן דאָרף!

— ווער, דער זעכצניאָריקער? — האָט דער מולאַ געפרעגט.

— יאָ, הייליקער.

— מען וועט אים בינדן, ווי אַ קאַלב — האָט דער מולאַ באַרויקט די אומגליקלעכע מוטער — נישט האָרעווען צווישן זיך אַ נישט־באַשניטענעם!

— נישט בלויז האַסיד, דער זעכצניאָריקער — האָט זיך אָנגערופן אַ טאָטער — סקליינוואַרג איז זיך אויך צעלאָפן, ליגן אַ גאַנצן פרימאָרגן אין טייך, ווי די קאַטשקעס.

— מיר וועלן זיי געפינען!

— זיי ברענגען איינס ביי איינס אַהיים!

— איז געגאַנגען! — האָט דער מולאַ אַ הייב געטאָן אַ האַנט.

די טאָטערן האָבן זיך צעשאָטן. נאָך זיי — ווייבער, מיידלעך,

הינט. טאַטעס, מאַמעס, האָבן געשלעפּט דאָס קליינוואַרג פאַר די הענט, פאַר די פיס, אַנדערע געבונדן מיט שטריק, ווי מען וואָלט זיי געשלעפּט צו דער שחיטה.

דאָס שטילע דאָרף איז פול געוואָרן מיט קולות, מיט געוויין, מיט געזאַנג פון אַלטע באָבעס. פון היימלעכקייט וועגן האָבן דאָ און דאָרט הינט זיך צעבילט. און צוויי גענדז האָבן פאַרוואָרפן די קעפּלעך אויף אַ קאַלירט קלייד, וואָס האָט זיך געטריקנט אויף אַ פּלויט, און זיך צעגודערט, זיך צערעדט — גאָן־גאָן — הויך און העכער, מיט אַזאַ רוגזה, ווי די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין.

דער מולאַ האָט געפירט דעם רב פון הויז צו הויז, ווו דאָס קליינוואַרג איז געלעגן צוגעבונדן צו די טישן מיט שטריק. מאַמעטאַטע, קרובים, זיינען געשטאַנען אַרום, מיט פרייד נאָכגעזאָגט די ברכה, וואָס דער מולאַ האָט געמאַכט, און דער קרקער רב, אברהם, האָט געשניטן, געמאַכט דאָס קליינוואַרג פאַר אמתע מאַכמעדאַנער.

מיטאָג צייט האָט אַ גרויסער עולם באַגלייט דעם רב. נאָך דער בריטשקע, ווו דער רב איז געזעסן, איז נאָכגעפאָרן אַ וואָגן אָנגעפּאַקט מיט קאָרן, מיט קאַרטאָפל, מיט הינער, מיט געגדז און מיט האָניק. אין קעשענע זיינען אויך געלעגן אַ הונדערט גילדן, געוואַרעמט.

אַרום, פון ביידע זייטן שליאַך, האָט דער מאַי געאָטעמט מיט הימל, מיט זון, מיט ביימער און וואַסער. פון לויטערקייט איז אַלץ געשווילן. דער מאַי איז אויך געלעגן אינם רב, אין זיינע צעוואַקסענע גלידער, אין דעם אויפגעבויטעטן בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין די הענט, אין די פיס. דער מאַי האָט אים איינגערוימט, אַז דאָס האָט אברהם ניט באַשניטן קליינוואַרג, נאָר צעשלאָגן כדרלעומרן מיט די מלכים. זיינע שוואַרצע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, טיפער. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די צעאַקערטע פעלדער, געזוכט הינטער די ביימער הגרן.

לייזער קירזשנער

„מיר, די חברה־קדישא פֿון דעמבלין, אַנטשולדיקן זיך פֿאַר די דעמבלינער אַרבעטער פֿאַר דער ניט טאַקטישער האַנדלונג לגבי זיי. אַלס צייכן פֿון חרטה גיט די חברה 400 זלאָטעס פֿאַר זייער אָרגאַניזאַציע און אויך אַ פֿאַרזיכערונג, אַז אַזעלכעס וועט שוין מער ניט פֿאָרקומען".

(אַן אַנאָנס אין דער „פֿאָלקסצייטונג").

1

מיטן שפּראָץ אויף טאָג, ווען די הענער זײַנען זיך צום צווייטן מאָל פֿאַרגאַנגען אין קרייען, האָבן זעקס שטעטלדיקע שנײַדער און שוסטער־גזעלן זיך אָפּגעשטעלט בײַם נײַעם בית־עולם מיט אַ פֿריש־צונויפֿגעקלאַפּטער מטה. נישט בײַם פֿאַרריגלטן טויער זײַנען זיי געבליבן שטיין, נאָר בײַ אַ פֿאַרוואָרפֿענעם עק גדר, וווּ צוויי ברעטער זײַנען געווען אָפּגעריסן. די מטה איז געווען צו ברייט, האָט ניט געקאָנט דורכגיין מיטן מת.

— וווּ זײַנען זיי? — האָט איינער צוגעלייגט אַ האַנט צום שטערן, געקוקט אויפֿן בית־עולם, וואָס איז נאָך פֿול געווען מיט שטיקער נאַכט.

— טאָקע וווּ זײַנען זיי? — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

באַלד האָבן די זעקס פּאָר אויגן גענומען קוקן אויפֿן פֿעלד, וווּ אַ נעפּל איז געקראָכן צווישן די מצבֿות, האָט פֿאַרשטעלט דעם קבֿרנס שטיבל. און איבערן נעפּל, וווּ די נאַכט האָט זיך גענומען אָפּטיילן פֿונם באַגינען, איז שוין געלעגן די זון אין ווייען. די זון האָט אָנגעהויבן בלוטיקן און פֿון אָרט זיך נישט געקענט רירן.

נאַכט, נעפּל, זון — ווּעמען איז דאָס אַלץ אָנגעגאַנגען, ווען דער זעקס־און־צוואַנציק־יאָריקער לייזער איז געלעגן אויף דער מטה מיט אויסגעשפּיגענע לונגען.

חברים זיינען געלאָפן צו חברה־קדישא, געבעטן אַ שטיקל קרקע, ווּ עס זאָל נישט זיין, אַבי נישט בּיים גדר, ווּ מען האָט באַגראָבן פּראָסטיטוטקעס און זעלבסטמערדער. די חברה קדישא האָט ניט געוואָלט הערן, געטריבן פון זיך די אַרבעטער, געגוואַלדעוועט.

— פאַר לייזער קירזשנער, דעם גוי־גמור? פאַר אים, פאַר אַזאַ יונג, וואָס האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שבת, נישט געוואָלט וויסן פון קיין יידישקייט, איז „קבורת־חמור“ אויך צופיל!

דריי טעג האָבן די שטעטלדיקע אַרבעטער זיך געדונגען מיט חברה־קדישא, געסטראַשעט, זיך אַפילו געכאַפּט שלאָגן און גאָר נישט געפועלט. האַרט בּיים פּלויט, צווישן צוויי ישטאָט־מוסרים, האָט פאַר לייזער קירזשנער געוואַרט אַן אויסגעגראָבענער קבר.

פיר חברים זיינען אַוועק מיט דער נאַכט אויפן בית־עולם. זיי האָבן פאַר לייזערן געגראָבן אַ קבר, געגראָבן אין דער שטיל און דווקא אין דער מיט פון גוטן אָרט.

— אָט קומען זיי! — האָט איינער זיך צעשריען.

— שטילער, איר קאָנט נאָך אויפוועקן דעם קברן מיט די זין.

איינציקווייז האָבן די פיר חברים זיך אַרויסגעשיילט פונם נעפּל. דאָס פייכטע גראָז האָט זיך געלייגט אונטער זייערע פיס און אַן אויסגעטראָטן וועגל האָט זיך געפּאַרעט, געבלישטשעט מיט פינקלדיקער ראָסע.

— וואָס שטייט איר, חברים?

— די מטה איז צו ברייט, גייט נישט דורך.

איין חבר האָט זיך אַ שטעל געטאָן צוקאָפּנס, אַ צווייטער צופוסנס — מ'האָט אַ הייב געטאָן דעם טויטן, און דער מת איז שוין געווען אויפן בית־עולם. באַלד האָבן פינגער זיך גענומען פלעכטן — אַ מטה פון צען פאַר הענט — און די לוויה צום אויסגעגראָבענעם קבר האָט זיך אָנגעהויבן.

ביים אָרט, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פאַר פושעים און

חצופות. איז מען געבליבן שטיין מיטן מת. איין שילד — „כאן מקום הקברות של מחללי שבת בפרהסיא“ (דאָ באַגראָבט מען די, וואָס זיינען מחלל שבת בפרהסיא), וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צו אַ דרענגל, האָט אַ חבר אַרויסגעריסן פֿון דער פֿייַכטער ערד. אַ צווייטער האָט אַרויסגעריסן אַ צווייטע שילד — „כאן מקום בית הקברות של נשים אשר לא זהרו טהרת ישראל“ (דאָ באַגראָבט מען ווייבער, וואָס גייען נישט אין מקווה אַריין) — מיט די שילדן אויף אַ פֿריער האָט מען געטראָגן לייזער קירזשנער צו זיין רו.

שאַ־שטיל האָט מען לייזערן אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַריין, נאָך שטילער האָט מען אים גענומען פֿאַרשיטן, און אַז דאָס געלבלעכע זאַמד, וואָס האָט געבלישטשעט אינם באַגינען, איז געבליבן ליגן ווי אַ פּריזמע, האָבן די צען חברים זיך אַ נעם געטאָן פֿאַר די הענט, געשלאָסן אַרום דעם קבר אַ קראַנץ. האַנט אין האַנט האָט מען זיך צוגעזעצט אויף די „קיטשקעס“, זיך געבויגן איבערן אָנגעשאָטענעם בערגל, זיך געזעגנט מיט אַ געזאַנג, וואָס האָט געפּלאַטערט אינם יונגן פֿרימאָרגן:

„ברידער און שוועסטער פֿון
אַרבעט און נויט,

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

זי פֿלאַטערט פֿון צאָרן, פֿון
בלוט איז זי רויט“.

2

— אַזאַ חילול־השם! אַזאַ נבלה!

חברה־קדישה־לייט זיינען געשטאַנען איבער לייזערס קבר, זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס מען האָט זיי אָפּגעטאָן אַזאַ מיאוס שפּיצל.

— מיר טאָרן נישט דערלאָזן — האָט דער גבאי, אַ פּליישיקער ייד מיט אַ ווילדער, געלער באָרד, געהעצט — אַז אַזאַ פּושע־ישראל, אַזאַ עוכר־ישראל, זאָל בלייבן אין שכנות מיטן אַלטן רב!

דער גבאי האָט זיך אַ דריי געטאָן צום זיבעציק־יאָריקן קברן:

— און שולדיק אין אַלעם ביסטו, הערשל! ביי אַזעלכע רייסערייַען האָסטו געדאַרפט וויסן, אַז די יונגאַטשעס וועלן נישט שווייגן! האָסט זיי געדאַרפט האָבן אויפן אויג, נישט גיין „פאָפן" מיט די הינער גלייך! און ווו זיינען דיינע בנים געווען? האָט דאָס טאַקע קיינער נישט געהערט ווי מען גראָבט ביינאַכט אַ קבר? און איצט האָבן זיי מטמא געמאַכט ס׳הייליקע אָרט! וואָס טוט מען? וואָס טוט מען, הערשל?

— פאַרפאַלן, — איז דער קברן געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— גאָרנישט פאַרפאַלן — האָט דער גבאי זיך אַ בייג געטאָן צום קברן, — הערסט, הערשל, אויב דו ווילסט בלייבן שטאָט־קברן, זאָלסטו היינט ביינאַכט מיט די זין דיינע אַריבערפעקלען לייזער קירזשנער אויפן אַלטן בית־עולם.

— ס׳איז דאָך חלול המת! — האָט דער קברן אויפגעהויבן די געדיכטע ברעמען, ווי בעזעמלעך.

— ס׳איז אַ פגר, נישט קיין מת! — האָבן דעם גבאים פליישיקע ליפן זיך געבלעזלט — און אויב דו, הערשל, וועסט ניט אָפטאָן היינט ביינאַכט דאָס שטיקל אַרבעט, וועט עס אַ צווייטער קברן טאָן! זאָג, דאַרפסט אפשר צוהילף אַ חברהמאַן צי צוויי, וועלן מיר דאָ זיין.

שפעט אין דער נאַכט איז דער גבאי געשטאַנען איבער לייזערס אָפענעם קבר. דער קברן מיט צוויי חברהלייט האָבן זיך געפאָרעט אַרום דעם טויטן, און אַז דער מת מיטן ארון זיינען שוין געלעגן אויף דער מטה, געווען איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער פלאַכטע, האָט דער גבאי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פלאַש בראָנפן:

— מיר וועלן נעמען צוביסלעך, האַ?

די פלאַש איז געגאַנגען פון מויל צו מויל. די חברהלייט האָבן אָרנטלעך אַריינגעצויגן, פאַרביסן מיט אייער־קיכלעך.

זיי האָבן אַ נעם געטאָן די הענטלעך פון דער מטה און זיך געלאָזט מיטן פעלד צום אַלטן בית־עולם. זיי האָבן נישט געפילט,

אַז די נאַכט איז אַ שטילע, אַ קילע, אַ בייסיקע. מען איז געגאַנגען גיך, מיט געבויגענע קעפּ. בלויז די לבנה, אַ רויטע, איז פאַרלאָפן דעם וועג, אָפּגענומען פאַר אַ ווייל דאָס לשון. אָט זיינען די שלאַכט־הייזער, און אָט דער אײַנגעפאַלענער גדר. היימלאָזע הינט האָבן זיך צעבילט.

— שווער געווען צו גראָבן אַ קבר, — האָט דער קברן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— וואָס, די ערד איז געווען האַרט?

— ניין, נאָר ווי דו גייסט מיטן שפּאַדל — אַן אָרון.

— שוין לאַנג, ווי מען איז דאָ ניט מקבר?

— אַ יאָר צוואַנציק.

— טאָ וואָס־זשע האָסטו געטאָן, הערשל?

— כ'האָב נישט טיף געגראָבן.

— אַ דאַגה, נו . . .

— וואָס, וואָס, חיבוט־הקבר פאַרדינען זיי, די פאַרשווינען!

דאָס גראָז אויפן גוטן אָרט איז געווען טיף, עס האָט דורכגענעצט די הויזן ביז צום לייב. פון צווישן די מצבות האָבן זיך אָפּגעריסן הינט מיט אַ בילעריי. די הינט, דרייסטע, האָבן געדרייט מיט די עקן, געשמעקט מיט די נעז, זיך געשאַרט אויף די אויסגעצויגענע לאַפּעס צום קבר, ווי די חברה־קדישא־לייט האָבן זיך געפאָרעט. דער גבאי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שטיין, געוואָלט פאַריאָגן די הינט. עס האָט זיך בלויז געהערט אַ פאַרשטיקט בילן.

— פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַזאַ געהינטעכץ? — האָט זיך ס'לייב ביים גבאי גענומען געדולען.

— פון די שלאַכט־הייזער.

מען האָט גיך פאַרשאָטן דעם קבר. צוזאַמען, קיינער זאָל נישט בלייבן הינטערשטעליק, האָט מען זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. מיילער פאַרקוועטשט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט צו ברענגען אַ וואָרט איבער די ליפּן, זיך געשעמט מיט דער אייגענער נבלה.

די הינט, אויסגעהונגערטע, זיינען באַפאַלן דעם קבר. זיי האָבן נישט געדאַרפט לאַנג שאַרן מיט די לאַפּעס. מיט אַ גרימערײַ האָבן

זיי זיך געקנוילט איבער די ברעטער, זיי גערוקט אַהער, אַהין און מיט אַמאָל — באַץ, — דער קנויל איז געלעגן אין קבר.

בלויז אַ צעשלאָגן הינטל איז געבליבן אָן אַ זייט. דאָס הינטל האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, פאַרריסן דעם פּיסק און זיך צעבילט אויף דער לבנה.

.1931

דאָס געזאַנג פון לערער

צען אין אָוונט האָט דער צוג, וואָס איז געגאַנגען פון דער רוסישער גרענעץ, זיך אָפּגעשטעלט אין אָרענטשיצע. קלמן, אָן אַ מאַנטל, אָן אַ היטל, איז אַרויס אויפן וואָקזאַל. נאָך אים — די לערער פון דעם שכנישן שטעטל — דריי יונגעלייט און צוויי מיידלעך. די לערער, וואָס האָבן קלמנען נעכטן באַגעגנט, אים אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל אַריין, ער זאָל ריידן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, די זעלבע לערער האָבן אים היינט באַגלייט. נאָך דריי מינוט, נאָך צוויי מינוט און דער צוג וועט אַוועקגיין. מען האָט זיך געדריקט די הענט, געקוקט אין די אויגן אַריין, מיטגעגעבן קלמנען אין וועג אַריין די פרייד, וואָס יונגע לערער פון יידיש וויטאָגן אויס אין די פאַרוואָרפנסטע ישובים.

— וואָס פאַר אַ יידישע שול מאַטערט זיך נישט, חבר טריוועס? — האָט אַ לערער אַ זאָג געטאָן און זיין ביינערדיק פנים, צעשמיסן פון ווינט, האָט געלאַכט.

— אוודאי מאַטערן מיר זיך!

— שוין דריי חדשים קיין שכירות נישט באַקומען — האָט אַ רויטע לערערין אויסגעזונגען די ווערטער און אירע יונגע בוזיקע פיס זיינען קיין רגע נישט איינגעשטאַנען, אַליין געווען אַ שטיק געזאַנג.

— ווען נישט אָבער אונדזער פרץ-שול, וואָלט ס׳שטעטל אינגאַנצן איינגעשלאָפן — האָט זיך אַ דריטער אָנגערופן — די דריי הונדערט קינדער, וואָס לערנען ביי אונדז, וואָלטן פאַרלאָרן געגאַנגען.

— גריסט די חברים אין וואַרשע — האָט די רויטע לערערין אַזאַ קוק געטאָן קלמנען אין די אויגן אַריין, אַז עס איז אים וואַרעם גע-

וואָרן — אין זאָגט זיי, אַז דעם געשיכטע־לימוד דאַרף מען אַנדערש אַוועקשטעלן, אינגאַנצן אַנדערש.

דער צוג האָט זיך גערירט. קלמן איז געשטאַנען אין אָפּענעם פענסטער. די נאַכט האָט זיך געלייגט איבערן וואָקזאַל, דערוויטערט קלמנען פון די חברים. דער וואַגאָן איז געווען ליידיק, אינגאַנצן ליידיק. אַ מאַט עלעקטריש לעמפל האָט געציטערט אין דער סטעליע, אָפּגעדעקט די האַרטע, נאַקעטע בענק. די לבנה, אַ פאַרשפּעטיקטע, איז נאָכגעלאָפן דעם צוג, געשפּרייט אַ גרינלעך ליכט, וואָס שרעקט איבער הינט און דאָ און דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשפּיצט וואָיען.

אַ בייסיקע קעלט איז געקראָכן אין די ביינער... קלמן האָט פאַרמאַכט דאָס פענסטער, זיך אויסגעצויגן אויף אַ באַנק און אונטערגעלייגט צוקאָפּנס דעם לעדערנעם פּאָרטפעל.

נאָך נעכטן איז ער, קלמן, געווען דער צענטער, ווו די אַלע פאַרוואָרפענע שטעטלעך, ווי ראַדיוסן, האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען, געדאַרפט שעפּן נייע כּוחות. היינט האָט זיך אַלץ געביטן. די פאַרוואָרפענע שטעטלעך, ווייט פון אַ באַן, זיינען די אמתע צענטערס. נישט וואַרשע. וואָס הוסט, שפּייט מיט בלוט, איז דער צענטער, נאָר די פאַרוואָרפענע ישובים, ווו די רויטע לערערינס לאַכן פון נויט. פאַרטרייבן דעם הונגער מיט געזאַנג. און וווהין פאָרט ער, קלמן? קיין וואַרשע? אויף גזשיבאָווסקע? פון איין זייט גאַס ציט זיך די יידישע גמינע, ווו עס שפּילט זיך ביזן היינטיקן טאָג אָפּ פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פון דער צווייטער זייט גאַס — טריוועסעס דריי־שטאָקיקע געביידע מיט אַ פונדאַמענט, וואָס וואָלט געקאָנט טראָגן אויף זיך צוואַנציק שטאָק. אין דעם פונדאַמענט, וואָס איז שוין אַלט געווען איבער הונדערט יאָר, האָט איינער פון די טריוועסעס באַגראָבן אין דעם לעצטן פּוילישן אויפשטאַנד אַן אוצר. אַזוי האָט מען געגלייבט אין דער משפּחה. קלמנס עלטער־זיידע, קלמנס זיידע, האָבן נאָך געקליבן מיליאָנען. קלמנס פאָטער, וואָס האָט איבערגענומען די מיליאָנען, שוין נישט געווינט צווישן יידן אויף גזשיבאָווסקע, האָט אין דער מלחמה דאָס גאַנצע פאַרמעגן פאַרלוירן. ער האָט זיך דערערשטער צוריק פאַרקליבן אין דער דריישטאָקיקער געביידע. גאַנצע

טעג איז ער געשלאָפֿן. מיט דער נאַכט איז ער אַראָפּ אין קעלער, האָט געריסן שטיינער פֿון דעם פֿונדאַמענט, געזוכט דעם אוצר. איינציקווייז זיינען אַהיימגעקומען אייך די דריי קינדער — זאָשע, אַלעק און קלמן. זאָשע, וואָס איז געהאַט אַנטלאָפֿן מיט אַ מאָלער, אַ פּאָלאַק, איז צוריקגעקומען מיט אַ צווייאָריק קינד, אַ הינקעדיקס. אַלעק, אַ קליינער, אַ דינער, וואָס האָט געשריבן נעאָ־קאַטוילישע לידער, איז געווען געשמדט. ער האָט זיך געליבט אין צוועלף־יאָריקע מיידלעך. עלטערע האָט ער פֿיינט געהאַט. טאַטע־מאַמע האָבן די צוויי קינדער צוגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס, נישט געזען קיין חטא, וואָס אַלעק איז געשמדט, וואָס דאָס הינקעדיקע אייניקל האָט נישט קיין טאַטן.

קלמנען האָט קיינער נישט אויפֿגענומען — נישט טאַטע־מאַמע, נישט זאָשע, נישט אַלעק. זיי האָבן נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן אָט דעם נאָמען — פֿון קאַמיל איז געוואָרן קלמן. און וואָס פֿאַר אַ רייד ? וואָס יידיש, ווען יידיש ? ווען די אַלע פֿאַרוואָרלאָזטע בערד, די פֿאַרפֿעטסטע כאַלאַטן, גאַנץ גזשיבאָווסקע, איז אַ שטיק זשאַרגאָן, וואָס גרילצט אין די אויערן.

קלמן איז אָנגעקומען קיין וואַרשע דריי ביינאַכט. ער האָט זיך געהייבן איבער אַ געדרייטער, טוכלער טרעפּ, לאַנג געשלאָסן אין דער פֿינסטער די שווערע פֿאָדער־הויזטיר. ער איז אַריין אין שטוב. עס האָט געשמעקט מיט יאָרעפּאָרם, מיט נישט געבאָדן לייב. די שטילקייט פֿון הינטער די שלאָפֿצימערן האָט זיך שווער געלייגט אויף אים, ווי הינטער די פֿאַרמאַכטע טירן וואָלט קיינער נישט געווען. און טיף אין די ווענט האָבן געהילכט טעמפּע קלעפּ. דאָס האָט דער פֿאָטער מיט אַ לאַמטערנע מיט אַ האַק־אייזן געזוכט אין קעלער דעם אוצר.

— ס'האָבן זיך געהערט טריט.

— ווער איז ? — האָט קלמן אָנגעצונדן אַ שוועבעלע.

ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. קלמן איז אַריין צו זיך אין צימער, האָט ליכטיק געמאַכט און זיך אַ שאַר געטאָן אויף צוריק. צווישן בעט און דער שאַנק איז געשטאַנען העלענקע, דאָס שטוב־מיידל, אַ פֿאַרווינטע. זי איז נאָך אַליין געווען אַ קינד, נישט אַלט געווען קיין צוועלף יאָר, האָט גאַנצע טעג אַרומגעשלעפּט זאָשעס הינקעדיק מיי־

דעלע אויף די הענט. העלענקע האָט אַ הייב געטאָן ס׳קורצע נאַכט־העמד, פאַרשטעלט דאָס לייב און געציטערט פון שרעק.

— וואָס איז, העלענקע? — האָט קלמן איר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ.

— אַלעק טשעפּעט זיך צו מיר — זיינען אירע קינדערשע פּלייצעס שמעלער געוואָרן, זיך געקאָרטשעט פון געוויין.

— האָסטו זיך בײַ מיר אין צימער באַהאַלטן?

— יאָ.

— קום מיט מיר, העלענקע, האָב נישט מורא, ער וועט דיר גאָרנישט טאָן.

אין קיך, אויף העלענקעס בעטל איז געלעגן אַלעק. ער האָט געקוקט מיט פּיבערדיקע אויגן אויפן ברודער און געשוויגן.

אַלעק האָט זיך מיט אַמאָל אַ שטעל געטאָן. אַ קליינער, אַ דאַרער, נישט גרעסער פון העלענקען, בלויז ס׳פּנים אַ ווייכס, אַ ווייבלעכס, איז פול געווען מיט צער. ער האָט זיך פאַרקרימט:

— כ׳קאָן נישט מער... כ׳ווער משוגע...

— וואָס איז דיר? — האָט קלמן אים אַרומגענומען.

— הערסט, קאַמיל, צי ווי דו הייסט דאָרט אויף דיין ייִדיש — קלמן — מיר זיינען איבעריקע. טאַטע־מאַמע איך, זאָשע. מיר האָבן געדאַרפט אומקומען מיט די משפּחה־מיליאָנען, ניט ליגן דאָ אויף גזשיבאָווסקע גאַס, אַנטקעגן דער ייִדישער גמינע. ס׳לעבן איז סטיל. און וואָס פאַר אַ סטיל איז דאָס צו שרייבן אויף גזשיבאָווסקע גאַס נעאָ־קאַטוילישע לידער? זיך אַרומצוטראָגן מיט אַ ממזר אַ קאַליקע, און דערצו נאָך אַ קאַטאָליק? כ׳קאָן נישט הערן, ווי דער טאַטע זיצט אָפּ גאַנצע נעכט אין קעלער, ווי אַ קראָט, רייסט דעם פונדאַ־מענט, זוכט אַן אוצר, וואָס קיינער האָט קיינמאָל מן־הסתם נישט אַוועק־געלייגט.... און דער נס האַלט אָן! די דריי־שטאָקיקע געביידע האַלט זיך אויפן צעבראָכענעם פונדאַמענט. ווען ס׳וואָלט איינמאָל איינגעפאַלן און אַן עק! קאַמיל, — האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום ברודער — זעסט אַליין, אַז ס׳איז מיר עפּעס אַנדערש נישט גע־בליבן ווי נאָכצולויפן יונגע מיידלעך... ווייסט גאָר וואָס, קאַמיל, קום, לאָמיר אַראָפּגיין אין קעלער אַריין, העלפן דעם טאַטן אוים־

גראָבן דעם אוצר, גראָבן אַזוי, אַז די ווענט זאָלן זיך צעשיטן, ס'זאָל פון דער געביידע קיין שריד ופליט נישט בלייבן, קום, קאַמיל!

קלמן האָט אײַנגענומען דעם ברודער, אים געהאָלפן זיך אויסטאָן, אים אײַוועקגעלייגט צו זיך אין בעט אַריין. דערנאָך האָט ער געמאַכט פינסטער. קלמן האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַ לעדערנער אָטאָמאַנע. ער האָט מער נישט געהערט, ווי טיף אין די ווענט זיצט דער פאָטער, רייסט שטיינער, גראָבט אַליין אונטער די געביידע, וואָס ער האָט נים געבויט. קלמן האָט מער נישט געהערט ווי אַלעק זיפצט פון שלאָף. און אַז קלמן האָט אַלץ אײַנגעשלעפערט, אַלע כוחות, וואָס ברענגען מיט זיך פאַרוויסטונג, איז אין אים אויפגעגאַנגען דאָס געזאַנג פון די לערער אין די פאַרוואָרפענע ישובים.

די זשאָלדעווקע שווילט

די שטערן האָבן זיך גענומען לעשן. די ליכטיקע נאַכט, אַ שטייפע, אַ קאַלטע, איז מיט אַמאָל פינסטער געוואָרן, זיך געריסן קיין מערב, זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ שוואַרצע וואַנט. און דער מזרח האָט זיך שוין געבלויט, געבלישטשעט מיט געפּראָרענעם טוי, וואָס איז געלעגן אויף די אָפּגעשלאָסענע פעלדער, זיך געוויקלט אַרום צעקרימטע, פאַרגעסענע ביימער.

אויף אַ זייטיק וועגל, ווו פאַרדאַרטע שטיקער בלאָטע האָבן געשטעקט ווי שפּיציקע שטיינער, האָט זיך געטרייסלט אַ וואָגן, זיך געטראָגן מיט אַ קלאַפּערייַ.

טיף אין וואָגן, אויף אַ בונט היי, איז געלעגן פישל, אַ צוועלףיאָריק יינגל, וואָס איז ערשטע מאָל געפאָרן מיט זיין זיידן אין „הויף" אַריין נאָך מילך. ער האָט זיך געטולעט אין זיידנס אויסגעריבענעם פעלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט געטריקנטע גאָמלקעס, מיט שמעק־טאַבאַק. ער האָט מורא געהאַט די שפּונטן זאָלן נישט אַרויסשיסן פון די באַרעלקעס מילך. די מילך האָט זיך געשוואָנקען, געפּליעסקעט, געשפּאַרט מיט אַ בולבעריי דאָ איין צודעק, דאָ אַ צווייטן. אַרום די צעלעכצטע קלעפּקעס פון אַ באַרעלקע האָבן זיך געבלעזלט ווייסע בלאָטערלעך.

— זיידע, אַ באַרעלקע רינט, — האָט פישל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פונם פעלץ.

— ווו רינט? — האָט דער זיידע אויפגעהויבן די ברעמען, אַ וויש געטאָן די באַרעלקע מיט די פינגער ווי מיט טרוקענע צווייגן און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפינקלט — די מילך איז צו־פעט,

שוויצט זי... וואָס שלאָפסטו נישט, פישל? וועסט דאָך ביינאַכט נישט קענען אויפזיין, נישט קענען פרעגן די קשיות, שלאָף!

דער זיידע, שלמה פּאַכטער, אַ זקן אין די הויכע זעכציקער, מיט בראָדעוועס אויף די הענט, אויף די האָריקע באַקן, אויף דער פליי־שיקער נאָז, שפּאָרע בראָדעווקעס, ווי דאַרע קאָרע־שוועמלעך אויף אַן אַלטן בוים, איז געזעסן אויף אַ בינטל פערד־שויטן און האָט גע־טריבן אַ פּאָר „גניאַדע", פויערישע פערדלעך. זיינע פיס, שווערע, קורצע, ווי קלעצלעך, וואָס זיינען געזעסן אין טיפע פילצענע שטיוול, האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון ביידע זייטן דישל, זיך נישט געוויגט, בלויז געריבן מיט די זוילן די פאַרטריקנטע שטיקער בלאָטע. און ס'האָט אויסגעזען, אַז עס איז גענוג שלמהס פיס זאָלן זיך אַוועקשטעלן אויף דער ערד, און דער וואָגן מיט די פערד וועלן בלייבן שטיין.

דער פאַכטער האָט זיך געאײַלט מיטן געמעלק אין שטאָט אַרײַן, געוווּסט, אַז ער וואָלט היינט צוויי מאָל אַזוי פיל מילך געקענט „פאַרצוקערן" און דאָ פירט ער אינגאַנצן זעקס באַרעלקעס און דאָס אויך נישט קיין פולע.

ס'איז געווען ערב־פּסח. דער קאַלטער באַגינען האָט געאָטעמט מיט פריש־געמאָלקענער מילך, מיט האָניק, מיט מאַי. דער פאַכטער האָט צוגעקנעפּלט זיין שמויסן פעלצל, געוווּסט, אַז דאָס פרעסטל האָט מער קיין האַפט ניט. לאָז נאָר די זון אַרויס און די געפרוירענע ערד וועט אויפטייען, זיך צעשפּילן אונטער די פיס, ווי גוט־אויסגעקנאָטן טייג.

דער אַלטער שלמה איז געווען גוט אויפגעלייגט. דעם גע־שניצטן „עמוד", וואָס ער האָט מנדר געווען אין שול אַרײַן, האָט מען נעכטן אַוועקגעשטעלט אין סאַמע מזרח. ער וועט, בלי נדר, אויך די מקווה לאָזן פאַרריכטן, וועט זען מען זאָל אַרויפציען אַ נייעם דאַך. לאָז די שטאָט ניט זאָגן, אַז שלמה „שווייגער" (פאַכטער) ווייסט נאָר ווי צו גיסן וואַסער אין דער מילך אַרײַן, אַז שלמהס מילך ווערט שטענדיק געדוּנגען.

דער הויף, ווו שלמה האָט געהאַלטן די פּאַכט, צוגענומען ס'גאַנצע מילכיקס, איז געלעגן אויף דער צווייטער זייט זשאָלדעוו־

קע. ס'וואסער איז דארט געווען פלאך, נישט דערגרייכט אפילו די קנעכלעך.

יעדן פארטאג, איידער שלמה איז אריבערגעפארן די זשאלדעווקע, האט ער זיך אפגעשטעלט ביים הילצערנעם יויזל, ווו א קוואל האט געשלאגן. דארט האט ער אנגעפאיעט די פערד און דערנאך די בארעלקעס מילך מיט וואסער. אזוי האט ער זיך געפירט איבער פערציק יאר, געהאט דערויף א חזקה נאך פון זיין טאטער.

אין תוך האט אים ווייניק געארט, וואס די שטאט רעדט אויף אים. ער האט געהאלטן, אז די מילך פון זיין פאכט איז צו־פעט, שאדט קינדער, עס איז געזינטער זי צו מישן מיט וואסער. קאן מען דען פארגלייכן זיין פאכט מיט אברושעס, צי מיט משה מילכיקערס? די קי זיינען אלע האלענדערסקע, שטייען אין אזא רחבות, קריגן צוויי מאל א טאג געקאכטע קארטאפל, ווען אנדערע פאשעט מען מיט שאלעכץ. איז טאקע קיין חידוש ניט, וואס די מילך קלעפט זיך ביי די מעלקערינס צווישן די פינגער, ווי שמאנט.

היינט אבער, ערב פסח, ווען דער חזן וועט זיך שטעלן דאווענען ביי שלמהס געשניצטן עמוד, היינט האט דער פאכטער אפגעמאכט זיך נישט אפצושטעלן ביים יויזל. די פערד וועט ער אנפאיען ביי דער לויפנדיקער זשאלדעווקע און אזוי קפאטשן אין שטאט אריין.

דער אלטער האט זיך צעפאכעט מיט די הענט, קוים צוגעקלאפט מיט דער צונג, ווי א פלעמל וואלט זיך געהאלטן ביים לעשן. די פערד האבן זיך צעהירזשעט און זיינען אריין אין א פינסטערניש, וואס איז געלעגן צווישן צוויי שורות טאפאלן.

באלד זיינען די ביימער געווארן שיטערער און דער באגינען, א טונקל־בלויער, א באגילדעטער, האט געטריבן פון זיך די נאכט און אפגעדעקט דעם הילצערנעם יויזל, וואס האט פארווארפן ס'קעפל אויף דער ברוסט און זיך צוגעהערט, ווי דאס קלארע קוואל־וואסער שלאגט איבער די ראנדן, בעט זיך מען זאל נעמען א טרונק.

די פערד האבן זיך א דריי געטאן צום קוואל, אזוי געוויינט געווען פון יארן. דער מילכיקער האט געוווּסט, אז מ'דארף א כאפ טאן די לייצעס, א קירעווע טאן רעכטס, נישט געבן דעם יצר־הרע קיין

פּתחון־פּה. און אַליין איז ער שוין געשטאַנען בײַ די פערד, אָפּגעשנאָלט פֿון געשפּאַן, אַרויסגענומען די צײַמלעך פֿון די פּיסקעס.

דער פֿאַכטער האָט זיך אַ בייג געטאָן צום אייניקל, צוגעלייגט אַן אַלט, פֿאַרוואַקסן אויער, געוואָלט וויסן צי דער „יונג" שלאָפֿט. בגנבה האָט ער אָנגעשעפּט אַן עמער וואַסער, לייכט אַראָפּגענומען אײַן צודעק, אַ צווייטן, געוואָלט דערגיסן די באַרעלקעס.

פֿישל האָט זיך אַ הייב געטאָן, דערזען דעם זיידן און זיך געפֿרעגט:

— וואָס טוסטו, זיידע?

— כ'פּאָיע די פערד, — האָט שלמה אַ נעם געטאָן דעם עמער וואַסער, אָפּגעגאָסן די הינטערשטע רעדער און מיט אַ שליידער צוגעדעקט די באַרעלקעס — אַ שומר אויף מײַן קאָפּ!

די פערד, אָנגעפּאָיעטע, האָבן געוואָרפֿן מיט די פּיסקעס, שנורן וואַסער האָבן זיך געצויגן פֿון די ציין, פֿון די נאָזלעכער. דער פֿאַכטער האָט פֿאַרקעלועט די פערד, אַליין זיך געזעצט אויפֿן בינטל „אויסגעסיסעטע" שויטן, אַראָפּגעהאַנגען די פֿיס ווי ליימענע און געפּאַכעט מיט די הענט איבער די פערד.

— אַ נו, וויאָ!

די זשאָלדעווקע האָט זיך שוין געזען, געלאָפֿן אין טאָל אַן אָנגעשוואָלענע, פֿאַרגאָסן שטיקער לאָנקע, וואָס האָבן געפֿינקלט אין פֿרימאָרגן ווי שויבן.

דער פֿאַרדרוס איז בײַ שלמהן צערונען. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס דער אייניקל האָט אים געשטערט, אים אויסגעהיט פֿון אַ חטא, און אַן אויפֿגעמונטערטער אַ זאָג געטאָן מיטן פּסחדיקן ניגון:

— אוי, עבדים היינו...

פֿישל האָט אויסגעצויגן די שטאַרע פֿיס. ס'איז אים געווען גוט, וואָס ער זיצט מיטן זיידן אויפֿן וואָגן, וואָס דער זיידע איז אויפֿגעלייגט, וואָס הײַנט איז ערב פּסח. דער מזרח האָט שוין געפֿלאַמט. אַ „סקאָוואָראָנעק" האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון דער לאָנקע, זיך געהערלט הויך, העכער, זיך צעזונגען, געוואָרן איינס מיטן באַגינען — אַ בלוי ביסל לופֿט אָנגעשטעקט מיט פֿעדערן.

די פערד זײַנען אַרײַן אין וואַסער איבער די לעטשלעך און פֿישל האָט דערפֿילט ווי די קילקייט הייבט זיך, ווערט טיפֿער.

— רוק דיך אַרויף, פישל, זאָלסט דיך נישט פאַרנעצן, — האָט דער זיידע אַ טאָרקע געטאָן דעם אייניקל, — פסח־צייט שווילט ס'וואַסער, פאַרגיסט, אַז כ'ווייס אַליין נישט, צי דער וועג איז מיט דער אָלשינע, צי אָט אָט דאָ.

דער פאַכטער האָט אַ קירעווע געטאָן דעם וואָגן, פאַרוואָרפן בשעת מעשה די פיס אונטער זיך און געטענהט צו די פערד:

— נו, וויאָ, וויאָ!

דער וואָגן האָט געסקריפּעט, ווי דאָס נישט־געאײלטע ראָד ביי אַ שטריק־מאַכער, און די פערד האָבן מיט די ברוסטן געשאַרט פון זיך גאַנצע פאָכערס וואַסער, געשלעפּט דעם וואָגן, וואָס איז שוין געזעסן איבער האַלבע רעדער אין דער זשאָלדעווקע.

דער פאַכטער האָט זיך געוואָלט אַ שטעל טאָן. פונקט דעמאָלט איז אַ ראָד אַרויף אויף אַ שטיין, מיט אַמאָל אויסגעבויגן דעם וואָגן, אַז שלמה מיט זיין גאַנצער עלטער האָט זיך אַ קייקל געטאָן. ער איז אַריין אין דער זשאָלדעווקע מיט אַזאַ קנאַל און פּליעסק, אַז פישל איז צעטומלט געוואָרן, זיך געווישט דאָס קאַלטע וואַסער פון די אויגן, פון מויל, פון האַלדז, ווי מען וואָלט אים אויך אונטערגע־טוקט אין טייך. און אַז דאָס יינגל איז צו זיך געקומען, האָבן די פערד, איבערגעשראָקענע, שוין אַרויסגעשלעפּט דעם וואָגן אויף דער צווייטער זייט זשאָלדעווקע.

פישל האָט זיך צעשריען מיט אַ פרעמד קול, געהערט ווי די ברייטע שטחים ענטפערן, האָט ער זיך געלאָזט לויפן מיטן ברעג וואַסער, גערופן דעם זיידן.

ס'איז געווען שטיל. בלויז דער ווינט איז אָנגעלאָפן פון די וויסטע פעלדער, מיט אַ שפּריץ געשליידערט ס'וואַסער און איז ווי־דער אַנטלאָפן.

פישל איז אַ פאַל געטאָן אויפן בונט היי, וואָס אויפן וואָגן, זיך געוואָרפן ווי אַ פיש, ווען מען שעכט אים לעבעדיק, און זיך צעוויינט אויפן קול. און אַז די טרערן האָבן זיך ביי פישלען אויסגעטריקנט און ער האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, איז דער „סקאָוואָראָנעק“ מיט אַ פייערדיק העלדזל, מיט אַ פייערדיק ברוסטל, נאָך אַלץ געשטאַנען אין דעם צעפלאַמטן מזרח און האָט געשפּילט.

א י ן ו ו י ל נ ע

אַ טאָג נאָך יום־טוב און דאָס בלעכענע שילדל „שבועות" הענגט נאָך אין ווילנער שול־הויף, ווו אַ קלויז הייבט זיך איבער אַ קלויז, דערציילט, אַז דאָ האָט געלערנט דער ש״ך, דאָרט דער ווילנער גאון. וואָס אמת, שווייגן די איבער צוואַנציק קלויזן און שטיבלעך, וואָס זיינען אַזוי צונויפגעקוועטשט אין איין הויף, אַז ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. ס'ריידן בלויז מיינע באַגלייטער — אַ „לינקער" יונגערמאַן, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן שולהויף, און לונסקי, דער אויפפאַסער איבער סטראַשונס ביבליאָטעק.

— איר זעט די שול? — ווייזט מיר דער יונגערמאַן אויף דער אַלטער קלויז, און ס'איז קענטיק, אַז ער נעמט זיך שטאַרק איבער— די אַלטע קלויז איז מיט פופציק יאָר עלטער פאַרן גירוש שפּאַניע, מיט פופציק יאָר עלטער פאַר אַייער אַמעריקע.

— מען האָט זי אויסגעבויט אין שנת ר׳, אין 1440 — העלפט אים אַרויס דער ביבליאָטעקאַר — און די קברנישע שול האָט מען אויסגעבויט אין רמ״ז, אין 1487.

— קאָן זיך אַייער אַמעריקע איבערנעמען מיט אַזאַ עשירות? — צעלאַכט זיך דער יונגערמאַן.

דעם ביבליאָטעקאַרס בלאַסע פּנים מיט דער פעך־שוואַרצער באָרד לייכטן פון תענוג, וואָס זיין ווילנע האָט אַזאַ עשירות. ער פירט מיט די פינגער פון איין קלויז אויפן צווייטן, רעדט גיך, אַז ס'איז שווער צו כאַפּן וואָס ער זאָגט:

— און דאָס איז די שול פון די ווילנער וואַסער־טרעגער, און דאָ דאַווענען די בעלי־עגלות און דאָרט — די קצבים. און דאָס —

די פועלים־שול... אין די מאַליאַרעס האָבן זיך אויסגעבויט אַ שול — איז ממש אַ וווּנדער.

— איר זעט די גרויסע שול? — שלאָגט אים איבער דער יונגערמאַן — דאָרט שטעקט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ באָמבע פון אַ האַרמאַט. דאָס האָבן יעקאַטערינע דער צווייטערס זעלנער באָמבאַרדירט ווילנע פאַר פוילנס ערשטער צעטיילונג.

ס'איז נאָך קיין ניין אַזייגער נישט. פון די שולן, ווו טירן און פענסטער זיינען ברייט צעעפנט, רייסט זיך אַ „שמונה־עשרה" אַריין אין אַ „הודו", אַ קאַפּיטל תהילים — אין אַ בלאַט גמרא. יידן שטייען אין קרענצלעך, האָבן צייט, טראָגן נאָך די שבתדיקע בגדים.

— מיר האָבן הײַ־יאָר אַ לאַנגן שבועות.

— יאָ, פיר טעג שבועות.

— איר מיינט, וואָס זייער חגא איז אויסגעפאַלן באַלד נאָך אונזער יום־טוב?

— ביי אונדז אין ווילנע איז שוין יאָרן חגא — יעדן טאָג האַלטן זיך אין איין צומאַכן געשעפטן.

— וואָס וועט זיין דער תכלית?

— צו דעם הונגער און צו די אַלע אַנשיקענישן איז צוגעקומען אַ נייע חלאת — אפשר די ערגסטע — נעכטן ביי אַ קהילה־זיצונג האָט מען צוגעגעבן, אַז צווישן ווילנער יידישע טעכטער, צווישן די אָרעמסטע, האָט זיך גענומען פאַרשפרייטן פּראָסטיטוציע.

— אין ווילנע? — האָבן יידן פאַרחידושטע זיך איבערגעפרעגט.

— יאָ, אין ווילנע.

— טאָ וואָס וועט זיין? וואָס שווייגן מיר?

— און אַז מיר וועלן שרייען? גיי שריי, ווען די שטאָט איז טויט, ממש טויט.

אָרעמעלייט מיט באַוואַקסענע קעפּ, ווי חכמים, דרייען זיך צווישן די קרענצלעך יידן. די אָרעמעלייט בעטלען נישט. זיי פאָדערן אַ מטבע, וואָס פאַר איר קאָן מען גאָרנישט קויפן אין פוילן, האַלטן אין איין איבערחזרן:

— גיט אַ גראָשן.

און אַז אַ ייד האָט אַ בעטלערין, מיט אַ זויג־קינד אויף דער

האַנט, געגעבן ניט קיין גראָשן, נאָר צוואַנציק, האָט די מוטער ניט געוווסט וואָס צו טאָן פון פרייד. זי האָט זיך געכאַפט קושן דעם יידס האַנט און אין אויסגעדאַרטן גרגרת האָט פאַרפעלט אָטעם:

— האַרעלע! האַ—רע—לע!

בלויז קינדער, פאַרשמאָדערטע, האַלב־נאַקעטע, זיינען געווען צופרידן מיט דער חנא. מען גייט ניט אין תלמוד־תורה, מען קאָן זיך פריי שפילן צווישן די קלויז־שפאַלטן און ליקעס אין באַהעלטעניש.

און אין סטראַשונס ביבליאָטעק, וואָס אויפן זעלבן שולהויף, זיצן צענדליקער סטודענטן, צענדליקער סטודענטקעס און מען גרייט זיך צו די זומער־עקזאַמענעס. פנימער יונגע, אויגן — הונגעריקע. האָר פאַלן חוצפהדיק איבער די שטערנס. מען שרייבט זיך בריוועלעך. מען זיצט איבער פאָליטישער עקאָנאָמיע, איבער יידישער געשיכטע. דאָ און דאָרט פאַרבלאָנדזשעט צווישן די סטודענטן אַ יונג, באַוואַקסן פנים אין אַ יאַרמלקע, וואָס שאָקלט זיך איבער אַ גמרא.

פון דער גאַס דערטראָגט זיך אַ געזאַנג, הייבט זיך העכער און העכער, ניט קיין יידיש געזאַנג. איבער דער דייטשער גאַס ציט זיך אַ פראָצעסיע. מיידלעך אין ווייסן טראָגן הייליקע פיגורן, טראָגן בילדער, ווי קאָלירטע בענדער ווינטלען זיך מיט אַ פלאַטער. ווייבער, מענער, באָרוועסע, אין די בלויזע קעפ, פאַרנעמען די גאַנצע דייטשע גאַס. אַ שטיל געזאַנג פראַלט אינם ענגן שולהויף, הייבט זיך איבער די זקנים־קלויזן, און דער פרימאָרגן, אַ בלויער, אַ טיפער, טראָגט אין זיך באַהאַלטענע אוצרות זון.

די פראָצעסיע בלייבט שטיין ביי דער „אָסטראָבראַמע“, מישט זיך אויס און פאַרלירט זיך אינם ים קעפ. מען קניט, מען פאַלט מיט די שטערנס צו דער ערד, בלויז די הייליקע פיגורן, די הייליקע בילדער, שטייען, דאַכט זיך, איבער די געבויגענע רוקנס, בלישטשען מיט גאָלד און זילבער. אַ ווייט געזאַנג, אַ ווייבעריש, מישט זיך מיט נאָך ווייטערע אָרגל־טענער, ווערט העכער, קומט נענטער, שפרינגט איבער קלויסטער־שפיצן, באָדט זיך אין די קאָלירטע שויבן, לעגלעכע, אויסגעבויגענע, ווי יונגע, דאַרע גלחים אין זייערע טענדי־וואַרענדעס.

— מיר זיינען דאָך אין מיטלאַלטער, — זאָג איך צום יונגנמאַן,

וואָס איז געשטאַנען פאַרגאַפט. — ראַטנמאַכט האָט טאַקע דאָ קיין שפור ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך?

אַז איר קוקט אויף ווילנע ווי אויף אַ שטאָט — האָט דער יונגערמאַן מיך אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט, זיך געלאָזט מיט מיר אויף גרויס־פּאָהולאַנקע, — ווילנע איז קיין שטאָט ניט, ס'איז אַ מוזיי. ניטאָ נאָך אַ שטאָט אין פּוילן מען זאָל אַזוי הונגערן ווי אין ווילנע. איר זעט דעם פינסטערן קעלער? אַזאַ נויט פּאַסט פאַר אַ מוזיי ניט פאַר מענטשן.

אין אַ קעלער אָן פענסטער, די לופט שלאָגט מיט צעפּאַרעט לעדער, מיט דורכגעווייקטע אָנוטשעס, זיצט אַ שוסטער איבער אַ פּאַק „כאָדאַקעס", שקראַבעס. ער האַלט אַ פאַרלאַטעוועטן שטיוול, לייגט אַ לאַטע איבער אַ לאַטע. אויף אַ צעוואָרפענעם שלאָף־באַנק זיצט ס'ווייב און זויגט אַ פּיצעלע. דריי קינדער וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע.

— איר האָט אפשר געלע שנורוואַדלעס? פרעג איך אים.

— אַמאָל פלעג איך האַלטן.

— און איצט?

— קיינער קויפט ניט — האַלט איך ניט.

— ניט גוט.

— וואָס הייסט ניט גוט? ס'איז ביטער! ווי לאַנג מען לעבט וויל מען עסן, און דאָ פראַצעוועט מען, האָרעוועט מען און מען קאָן ניט אויסאַרבעטן קיין צען פּוילישע גילדן אַ וואָך.

אויף גרויס־פּאָהולאַנקע שפּאַצירן גימנאַזיסטן, גימנאַזיסטקעס, מען רעדט אַ שאַרף, קלאָר לשון, ווי ס'וואָלט נישט געווען קיין יידיש, נאָר כּללים פון יידישער גראַמאַטיק — דאָס גייט מען אין גרופּעס צו דער אויסלייג־קאָנפערענץ, צונויפגערופן פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

— דאָס וויכטיקסטע אויף דער הייַנטיקער קאָנפערענץ — היצט זיך אָן אָפּגעבערענטער גימנאַזיסט — איז נאַטוראַליזירן די העברעיִשע ווערטער אין יידיש!

— שוין לאַנג צייט געווען!

— ווער דאַרף דאָס האָבן צוויי אָרטאָגראַפיעס?

— מײַן ברודערל — רופט זיך אָן אַ גימנאַזיסטקע אין אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק, װאָס זיצט ממזריש אויפן קלײנעם קאָפּ — האָט געװאָלט איבערלײענען: „ער איז אַן א כ ז ר צו זײַן אײגענער מוטער“, האָט ער איבערגעלײענט: „ער איז אַ ח ז י ר צו זײַן אײגענער מוטער“.

— און מײַן ייִנגסט ברודערל, װעלװקע — האָט זיך אָנגערופן אַ צװײטע גימנאַזיסטקע — פרעגט בײַם עלטערן: „משהקע, װי שרײַבט מען ב ה מ ה?“ — „װאָס דאַרפסטו שרײַבן „בהמה“?“ ענטפערט ער אים, „שרײַב אויף ייִדיש — ק ו“.

— אַז איר קוקט אויף אַ שפּראַך פון סאַניטאַרישן שטאַנדפּונקט, — האָט אַ גימנאַזיסט אָפּגעשטעלט די גרופּע דעבאַטאַנטן. — אויב קוקן, װאָס איז געזינטער פאַרן קינד — דאַרף מען זײַן קעגן אַלע שפּראַכן. איר װעט הײַנט אויסשנײַדן די העברעיִזמען, מאָרגן די העברעיִשע קװאַדראַטנע אותיות, פאַרװאָס טאַקע ניט זײַן מיט לײטן גלײַך, שרײַבן ייִדיש מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן? און איך זאָג אײַך, אַז די אַלע רעפאָרמעס, די נצחונות פירן צו מפּלות.

— אָט זײַנען די דעלעגאַטן פון ליטע!

— זעכצן אירע זײַנען געקומען!

— און אָט גײען די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן.

אַ זשװאַװע מײדל, מיט שװאַרצע, לאַכעדיקע אויגן, שטעלט אָפּ ש. ניגערן. ס׳װאַקסט גלײַך אויס אַ רעדל.

— אַנטשולדיקט, חבר ניגער, — הײבט אָן ס׳מײדל, — װי זעצט מען איבער אויף ייִדיש דאָס פּױלישע װאָרט „זאַװוד“ (Zawód)? „אָן מניע זראָביל זאַװוד“?

— אָט איז אָפּאַטאָשו, אַ בעלעטריסט — דרײט זיך ניגער אַרום פון דער מײדל.

ס׳מײדל שטײט שױן לעבן מיר, חזרט איבער די פראַגע, און די לאָבזאָװאַטע אויגן בלישטשען, נעמען זיך איבער.

— װאָס מײנט איר „זאַװוד“, — פרעג איך זי, — איר האָט געמאַכט אַ „ראַנטקע“ מיט אַ בחור און ער איז ניט געקומען?

— יאָ, יאָ.

— האָט ער אײַך אָ נ ג ע פ ײַ פ ט, הייסט עס?

— גוט! גוט!

די יוגנט לאַכט, קײַכט זיך פון געלעכטער, שטופט זיך אינם געפאַקטן קולטור־הויז, ווו זלמן רייזען שטייט שוין אויף דער עסטראַדע, באַגריסט די דעלעגאַטן און געסט.

מאַי 1931.

ש ט ע ט

קיין אָסלאָ

I

ווייסע נעכט

ס'איז ניין אין אָוונט, ס'איז שוין צען, עלף, און ס'וויל אַלץ נישט נאַכט ווערן. ס'ווערט אומהיימלעך. דער שנעלצוג בערלין — אָסלאָ טראָגט זיך צווישן שטיינערנע בערג טונעל־איין, טונעל־אויס. דער וועג ווערט אַלץ שמעלער, לויפט אַיין, דערמאָנט אַ „סענע־וויטש". דער געוויקסיקער נאָרוועגער האָט זיך דורכגעבויערט, דורכגעהאַקט אַ וועג צווישן די ריזיקע שטיינער און איז פאַרבליבן אַ קינד. דאָס זעט מען אָן די שטיבלעך מיט אַ סך פענסטער, גאַניק־לעך, געבויט מערסטנס פון האָלץ. די שטיבלעך גיסן זיך נישט צונויף מיט די שטיינערנע אָפּריסן, פאַסן זיך נישט אַריין אין דער פאַרוואַקסענער געגנט. זיי זעען אויס ווי אָפּגעמאָלענע, ווי שפּיל־צייג פאַר קינדער, ווו דערוואַקסענע מענטשן וווינען נישט.

ווו ס'אויג פאַלט, טוקט אויף אַ שפּריץ ליכט, מאַכט ווייסער די געקאַלכטע שטיבלעך, מאַכט ווייסער די אַזוי אויך ווייסע בע־ריאָזעס, — די אָרעמסטע ביימער, וואָס וואַקסן אויף דער מאָגער־סטער ערד, דאַרפן אינגאַנצן קיין ערד נישט. דער הרויסן איז פול מיט טראָפּנס ליכט, וואָס הערט נישט אויף צו טריפן, לאָזט ניט אַרויס די נאַכט פון איר באַהעלטעניש

דער צוג לויפט.

איך זיץ מיט די פּוילישע דעלעגאַטן אין אַ קופּע פאַר אַכט מענטשן. דער באַגאַבטער וואַצלאַוו שעראָשעווסקי, אַ גרויער אַל־טימשקער, קרוב צו זיבעציק, איז דער פּוילישער ערן־דעלעגאַט צום קאָנגרעס. אַ קליינער, אַ רירעוודיקער. ס'איז נישט קענטיק אויף אים, אַז ער איז עטלעכע און צוואַנציק יאָר אָפּגעזעסן אין סיביר.

נאָך אין די זיבעציקער יאָרן האָבן די רוסן אים פאַרשיקט. ער דערציילט וועגן גאָצן, גערשונין, לעגינען, — אַמאָליקע חברים זיינע. קוקט בשעת-מעשה דורכן פענסטער און פאַרגלייכט נאָרוועגישע שטיקער ערד מיט פּוילישע, רופט אָן יעדן בוים, יעדעס גרעזל ביים נאָמען. אינמיטן דערציילן כאַפּט זיך דער אַלטיטשקער, אַז ער האָט נאָך נישט איבערגעזעצט אין ענגליש זיין רעדע, וואָס ער קלייבט זיך האַלטן אויפן קאָנגרעס. ער שלעפּט פון אַלע קעשענעס פּאַפּירלעך, שרייבט, מעקט, ווייזט מיר אַ פראַזע אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף, און בעט כ׳זאָל אים העלפן עס איבערזעצן אין ענגליש. כ׳קען אים נישט איינריידן, ער זאָל בעסער זיין דרשה האַלטן אין פּויליש, — זיין ענגליש וועט סיי-ווי-סיי קיינער נישט פאַרשטיין.

מיט אים פאָרן — דער ראָמאַניסט גוטעל און דער קריטיקער ברייטער. מיט גוטעלן בין איך שוין באַקאַנט. מיר האָבן זיך פאַרן אָפּפאָרן קיין אָסלאָ געטראָפן אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון דעם יידישן און פּוילישן פען-קלוב אין וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן-פאַראיין.

אין דער אָפענער טיר פון אונדזער קופּע באַווייזט זיך אַן אַמעריקאַנער. כ׳דערקען אים אָן די קליידער, אָן די אויגן, וואָס קוקן יעדן איינעם גלייך אין פּנים אַריין. ס׳ווערט מיר היימלעכער. דער אַמעריקאַנער איז ד״ר ליטש, — רעדאַקטאָר פון ניו-יאָרקער „פאָרום״. ד״ר ליטש נעמט זיך איבער, ווי יעדער אַמעריקאַנער, וואָס ער פאַרשטייט קיין איין שפּראַך נישט אַחוץ ענגליש. שמייכלט דערביי אַזוי גוטמוטיק, אַז מען מוז אים מוחל זיין. כ׳באַקען אים מיט די פּוילישע קאָלעגן. אויף שטום-לשון פרעגן די פּוילישע דעלעגאַטן דעם אַמעריקאַנער, צי קאָנראַד געפעלט אים. ס׳אָפענע, קינדערשע פּנים צעשמייכלט זיך ביים ד״ר ליטש און ער ענטפערט:

— כ׳פאָר איצט פון לאָנדאָן, זיך געזען מיט דזשאָרדזש מור. מור האַלט נישט פון קאָנראַדן, טענהט, אַז אויב אַ שרייבער קען אַוועקוואַרפן זיין שפּראַך און אָנהייבן שרייבן אויף אַ פרעמדער, איז דער שרייבער קיין שרייבער נישט.

מיינע פּוילישע קאָלעגן פילן זיך געטראָפן, באַוואַרפן דעם „יענקי״ מיט צענדליקער טיטלען פון קאָנראַדס ביכער און איך זע, אַז אין פּוילן קען מען קאָנראַדן בעסער ווי נאָרווידן.

ס'לויפט אָן ד"ר ליטשש ווייב מיט אַ טעלעגראַמע. די טעלע־גראַמע איז פון העגרי קענבי, דער רעדאַקטאָר פון „סאַטערדיי רי־וויאו אָף ליטעראַטשור". קענבי שלאָגט פאָר אַ פאָנד פון צוואַנ־ציק טויזנט דאָלאַר, הייסט גרינדן ביים הויפט־פען־קלוב אין לאָנ־דאָן אַ ביוראָ פאַר איבערזעצונגען. מען זאָל איבערזעצן די בעסטע ביכער פון אַלע פעלקער און שפּראַכן, וואָס געהערן צום אינטער־נאַציאָנאַלן פען־קלוב.

דער עולם ווערט אויפגעמונטערט, רעדט העכער, אַז מען הערט איבערן גאַנצן וואַגאָן. צוממיינסטן באַוווּנדערט מען, וואָס די טעלע־גראַמע האָט געכאַפּט ד"ר ליטשן אינמיטן וועג. פון די צעעפנטע קופּעען נעמען זיך רוקן מענטשן. אָט איז דער סעקרעטאַר פון דייטשן פען־קלוב ד"ר מאַרהאָלץ און דער ראָמאַניסט האַנס בלאַנק. מען באַגריסט זיך ווי אַלטע באַקאַנטע, מען צעזעצט זיך און דער שמועס גייט ווייטער אָן, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין פרעמדע מענטשן, נאָר קרובים פון אַ צעצווייגטער משפּחה, וואָס האָבן זיך נאָך לאַנגע יאָרן ווידער צוזאַמענגעטראָפן.

ביים עולם איז אַפילו קשה, וואָס איך, אַ ניו־יאָרקער ביר־גער, בין דער דעלעגאַט פון ווילנער יידישן פען־קלוב. מען עפנט מויל און אויערן. מען ווייס אָבער וואָס יידיש איז, מען פרעגט נישט מער צי יידיש האָט אַ גראַמאַטיק. (דער נאָרוועגישער קיניג האַאַקאָן דער זיבעטער האָט עס מיך אַפילו יאָ געפרעגט, איז ער דאָך דער־פאַר צוריקגעשטאַנען, ווי יעדער קיניג). דער בלאָנדער ראָמאַניסט בלאַנק, וואָס ציט זיין יחוס פון ניינטן יאָרהונדערט, הויבט זיך אָן:

— מיר, שריפטשטעלער, גלויבן נישט אין קיין געאָגראַפישן צענטער. גוט, גוט, זייער גוט, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָלעגע אָפּאַ־טאָשו פאַרטרעט דעם ווילנער יידישן פען־קלוב.

די דייטשן פּיפּקען דיקע ציגאַרן, לאָזן קוימענס רויך, אַז מען זעט מער קיין פּנימער נישט. ס'הערן זיך נאָר קולות. דורך דעם אָפענעם פענסטער לויפן פאַרביי ווייסלעכע פעלדער, נאָך ווייסערע וועלדער און ס'וויל אַלץ נישט נאַכט ווערן. מען רעדט פויליש, יידיש, דייטש, ענגליש, מען פאַרגעסט, אַז ס'איז האַלבע נאַכט, מען דאַרף גיין שלאָפן.

— ווי קומט עס — חידושט זיך אַ קאָלעגע, — וואָס די איינווינער אין נאָרוועגיע זיינען פּראָטעסטאַנטן? אַזוינע ווייסע, אומרויִקע נעכט האָבן מער שייכות מיט קאַטאָליציזם, מיט האַלבּ־פֿאַרשאָטנטע קאַטעדראַלן?

— אָבער מיין הער — צעלאַכט זיך דער דייטש מאַרהאָלץ — דער קאַטאָליציזם איז לאַנג באַנקראָט!

— נישטאָ עפּעס שענערס און טיפֿערס ווי קאַטאָליציזם — פֿאַרטיידיקט דער קראָקעווער ייִד בּרייטער דעם קאַטאָליציזם — מיסטיש אוודאי נישט... וואָס איז דען מיסטיק? אַ דיאַלאָג צווישן מענטש און גאָט... אַ דיאַלאָג, וואָס גייט איבער אין אַ מאָנאָלאָג...

— וואָס דיאַלאָג, מאָנאָלאָג — וואַרפֿט אַריין דער סאָציאַליסט שעראָשעווסקי — פֿאַר מיר איז מיסטיק — רויך. אויב מיסטיק נעמט זיך נישט פֿון ענגלישן וואָרט „מיסט“ — נעפּל, — דאַרף עס אָבער דערפֿון שטאַמען...

אַלע ריידן. איין לשון רייסט זיך אַריין אין צווייטן און איבּער די קעפּ שטייט אַ געגודערײַ. בּרייטער שרייט איבּער דעם עולם:

— נעמט, למשל, אַזאַ קליינקייט — אינדיע... אַ קאַטאָליק פֿאַרשפּרייט אין אינדיע זיין גלויבּן מיט דער הילף פֿון שולן און אַ פּראָטעסטאַנט — מיט שפּיטאָלן... און ווו מיינע הערן איז פֿאַראַן מער גייסט, אין אַ שול, צי אין אַ שפּיטאָל?

— אָבער דער קאַטאָליציזם איז דאָך הינטערשטעליק — וויל דער דייטש נישט וויסן און שלאָגט איבּער דעם ייִד — ווו דער פּראָטעסטאַנטיזם זאָגט היינט „יאָ“, נעמט עס דעם קאַטאָליציזם אַ פֿופֿציק יאָר נאָכצוזאָגן דעם „יאָ“... און אויבּ איר זוכט מיסטיק, קאָלעגע בּרייטער, וועט איר אין אייער ייִדישער קבלה מער געפֿינען ווי אין קאַטאָליציזם...

— גערעכט, גערעכט — שטימט איין דער בּלאָנדער האַנס בּלאַנק און הערט נישט אויף צו פּיפּקען דעם סיגאַר — נעמט אַפֿילו אַזאַ שטיק ווי דער „דיבּוק“... בּין איך גערעכט, קאָלעגע אָפּאַטאָשו?

כ'גיב אַליין צו מיין האַמבורגער קאָלעגע, אַבי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פונם „דיבוק". איינער הערט מער נישט דעם צווייטן. פון דעם געדיכטן רויך רייסן זיך ווערטער אין דער ווייסער נאַכט אַריין. דער צוג נעמט גיין פּאַמעלעכער, שטעלט זיך.

— עדענבורג.

ס'קומט מיר אויפן זינען דער מיסטיקער סוועדענבאָרג.

כ'שטופּ זיך קוים אַרויס פון קופּע, עטעם אָפּ און בלייב שטיין אין קאָרידאָר ביי אַן אָפן פענסטער. לעבן מיר וואַקסט אויס אַ זעקס־פוסיקער מאַן, אָנגעטאָן ווי ער וואָלט זיך געקליבן צום נאָרד־פּאָל. ער איז אַ נאָרוועגער, ער ווייסט, אַז מיר פאָרן קיין אָסלאָ צום פּען־קאָנגרעס און גרויסט זיך דערמיט.

— דאָס הייסט נאָך נישט קיין ווייסע נעכט — נעמט זיך דער נאָרוועגער אַליין מער איבער. — אַרויף צו, העכער צו צפון... מען קען משוגע ווערן פון די נעכט... די לבנה, אַ בלויטיקע, שטייט אין אַ ווינקל, און די ווייסקייט טרייבט יונג און אַלט פון די בעטן... אַזוי האַלט עס דעם גאַנצן חודש יוני... העכער אַרויף איז אַליין ביינאַכט אַנדערש, אַליין... דער מענטש מוז ווערן אַ מיסטיקער... איר, פרעמדע, קענט עס נישט פאַרשטיין...

— סוועדענבאָרג איז אייך באַקאַנט? — פרעג איך אים סתם אַזוי.

— געוויס. ער איז אָבער קיין נאָרוועגער. אַ שוועד איז ער. כ'האָב ליב סוועדענבאָרגן... איך, אַמעריקאַנער, איז ער פרעמד, איר פאַרשטייט אים נישט... אים דאַרף מען לייענען אין די ליכטיקע יוני־נעכט... און מיך ציט נישט קיין אַמעריקע... כ'וואָלט בעסער געפאָרן קיין עגיפּטן...

— פאַרוואָס עפּעס עגיפּטן? — קוק איך אַרויף צום נאָרוועגער.

— כ'גלויב, אַז כ'האָב מן־הסתם דאָרט אַמאָל געלעבט... מיט אַ צוויי, דריי טויזנט יאָר צוריק... אַנדערש וואָלט מיך אַזוי נישט געצויגן אַהין... איך בין אַ טעאָסאָף...

ס'איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. כ'האָב זיך אַוועקגעשאַרט פֿון פֿרעמדן און בין אַריין אין מיין קאָפּ. ס'בעטל איז געווען געמאַכט, ס'בעטגעוואַנט — הערמיל ווייס. איך אָבער בין געווען וואַך.

אָפּגעהאַקטע ווערטער האָבן געקלאַפּט אינם פֿענסטער, אין דער טיר, מיך גערופֿן.

אָסלאָ, 17טן יוני 1928.

אין אָסלאָ

II

די „זקני ציון"

אָסלאָ. דער צוג דערנענטערט זיך צום וואָקזאַל. טרעגער באַפאַלן די וואַגאָנען, שלעפּן סגעפּעק דורך טיר און פענסטער. מיר גייען איינציקווייז אַרויס. אַ יידישע דעלעגאַציע פון איבער צוואַנציק מענער און פרויען קומען אונטער, גיבן מיר שלום.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מיך וואַצלאַוו שעראָשעווסקי.

— טאַקע, וואָס איז דאָס? — כאַפּט אונטער הער דייטש מאַרהאָלין.

— דאָס זיינען די „זקני ציון", — צעלאַך איך זיך — די אַנאָנימע יידישע וועלט־קאָנספּיראַציע...

מיינע פּוילישע קאָלעגן לאַכן מיט און זייערע איגן האָבן צו זאָגן:

— מיר האָבן אין אָסלאָ אַן אַמבאַסאַדע, פּאַרטרעטער, באַגעגענען איז מען אָבער געקומען אייך, אָפּאַטאָשו, נישט אונדז.

אַ יונגערמאַן, וו., דעם גערער רבינס אַ גלידשוועסטערקינד, וואָס וווינט שוין יאָרן אין אָסלאָ, האָט מיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל און איידער איך האָב צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, זיינען מיר שוין געווען ביים ברעג ים, ריכטיקער, ביי איינעם פון די אָסלער פיאָרדן.

אין דעם רייכן רעסטאָראַן „קינג", ביי אַ געדעקטן טיש, זיינען געזעסן אַ פינף מנינים יידן. די עלטערע אויבנאָן. אַראָפּצוצו דאָס יונגוואַרג — געוויקסיקע בחורים מיט מיידלעך. דער עלטסטער יידישער תושב פון נאָרוועגיע, אַ זקן אין די זיבעציקער, האָט זיך

אַוועקגעשטעלט איבער אַ גלאָז וויין און אָנגעהויבן אין אַ ליטווישן יידיש:

„...אונדזער ישוב אין נאָרוועגיע, וואָס באַשטייט פֿון אַ פֿופֿצן הונדערט מענטשן, איז נאָך גאָר יונג, ציילט קוים אַ האַלבן יאָרהונדערט. סרוב יידן וווינען אין אָסלאָ. זיי גייען איבער די דערפֿער מיט פּעק סחורה, האַלטן קראָמען. דער נאָרוועגישער גוי, וואָס קען נישט קיין אַנדער ייד, קוקט אויף יעדן פֿון אונדז, ווי אויף אַ שווינדלער, האַלט אונדז פֿאַר אַ נידעריקער ראַסע. און נישט נאָר אונדז, אַריבערגעקומענע. דער גוי מיידט אויס אונדזערע קינדער, וואָס זיינען דאָ געבוירן געוואָרן, געגאַנגען מיטן נאָרוועגער אין איין שול, ריידן דאָס זעלבע לשון. דער נאָמען ייד ווערט אין דער פּרעסע קיינמאָל נישט דערמאָנט. און טאַקע דערפֿאַר האָבן יידן אַליין זיך גענומען שעמען מיט יידיש, אָנגעהויבן צו ריידן אַ קורלענדער „דייטש"... און וועגן אונדזערע קינדער איז דאָך אָפּגערעדט. און מיט אַמאָל אַזאַ איבערראַשונג — אַלע נאָרוועגישע צייטונגען האָבן צוליב אייער אַהערקומען גערעדט וועגן „איסקע" — וועגן דער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט אונדז אַלעמען דאָ היינט אַהער געבראַכט. און נישט נאָר אונדז, דעם עלטערן דור. איר זעט אַראָפּצו דאָס יונגוואַרג? דאָס זיינען אַלע געבוירענע נאָרוועגער, פֿאַרשטייען קוים יידיש און אַלע זיינען געקומען אייך באַגריסן... לאָזן זיי וויסן, די „יאָקלס", אַז יידן זייען נישט נאָר „הויזירער", שווינדלער — יידן האָבן שטענדיק געהאַט גרויסע מענטשן און דאָ אויפֿן פֿען־קאָנגרעס זיינען זיי די זעלבע יחסנים ווי ענגלענדער, דייטשן, נאָרוועגער. לאָזן זיי וויסן די „יאָקלס", וועלן זיי אויך פֿאַר אונדז אַ ביסל דרך־ארץ קריגן".

אַזוי, מער וויניקער, האָט גערעדט דער עלטסטער פֿון די „זקני ציון", פֿון דער אַנאָנימער יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

י י ד י ש

18טן יוני. האַלב צען אינדערפֿרי איז דער קליינער, געוועלבטער אוידיטאָריום פֿון אוניווערסיטעט געפּאַקט. עס דרייען זיך דעלעגאַטן, עס קומען געסט. ביים אַריינגאַנג שטייט מאַדאַם סקאָט, די „מו-

טער" פון אינטערנאַציאָנאַלן פען-קלוב אין לאָנדאָן, אַ קליינע, רירעוודיקע ענגלענדערין, אַ קרובה פון דעם ראָמאַניסט וואַלטער סקאָט. זי האָט פאַר יעדן אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, בעט יעדן איינעם מען זאָל שטימען פאַר איר פאָרשלאָג, אַז אין די פען-קלובן זאָלן פרויען האָבן די זעלבע רעכט, וואָס מענער. מען דעבאַטירט דעם פוילישן פאָרשלאָג וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פרעמיע פאַר ליטעראַטור, אַ מין צווייטע נאָבעל-פרעמיע, מען רעדט וועגן איבערזעצונגען.

עס באַווייזט זיך בענדזשאַמין קרעמיע, אַ קרוב פון אַדאָלף קרעמיע, מיט אַ פעך-שוואַרצער באָרד, ווי ביי אַן אַסירישן מלך. אין לאַץ דער פראַנצויזישער „ווירטוטי-מיליטאַרי". ער קומט אַריין מיטן דיכטער דזשולעס ראָמיין און זיי פאַרנעמען דעם אויבנאָן. די דייטשן שאַרן זיך אַריין מיט אַ גאַנצן שטאַב — עקספּערטן, איבערזעצער, פּאָליטיקער, אַדוואָקאַטן. אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע דער דיכטער טעאָדאָר דויבלער, אַ באַוואַקסענער דייטש מיט אַ ווילדער באָרד. ער זעט אויס אי ווי אַ רבי, אי ווי אַ גענצדינערישער גאָט. עס זעצן זיך אויס האָלענדער, דענער, שפּאַניער, פּאָרטוגעזער. די סלאַווישע פעלקער פאַרנעמען דעם צענטער — פּאָליאַקן, יוגאָסלאַוון, טשעכן, בולגאַרן. די רוסישע עמיגראַציע נישט געקומען, נישט געהאַט אויף קיין הוצאות. עס באַווייזט זיך אַ דעלעגאַטקע פון אַפריקע, אַ צווייטע פון אויסטראַליע. אַמעריקע זיצט אָן אַ זייט, זיצט אָבער מיט מחשבות. און צווישן די אַלע לענדער איז פאַראַן אַ שפּראַך — יידיש, — נישט קיין לאַנד, וואָס פאַרטרעט דערווייל ניו-יאָרק, וואַרשע, ווילנע. מעגלעך, אַז אויפן זיבעטן קאָנגרעס וועט יידיש אויך פאַרטרעטן אַרגענטינע, אַפריקע — אַלע וועלט-טיילן.

דייטשלאַנד בונטעוועט זיך, ווערט געשטיצט פון פראַנקרייך, וויל נישט ליידן, וואָס ענגלאַנד האָט דריי שטימען — אַן ענגלישע, אַ שאָטלענדישע און אַן אויסטראַלישע.

— אויב אַזוי, — טענהן די דייטשן, — קענען מיר האָבן אַזוי פיל שטימען וויפיל דיאַלעקטן מיר האָבן.

— גערעכט, — שרייט קרעמיע.

דראָמאַטעאַ מעקיקעלאָר, אַן אויסטראַליערין מיט אַ סיגאַרעטל צווישן די דינע פינגער, אַפּעלירט, מען זאָל בײַ אויסטראַליע נישט צונעמען דאָס רעכט צו שטימען. זי גיט צו, אַז די ליטעראַטור ליגט נאָך אין די ווינדעלעך, ווערט געשריבן אין ענגליש, האָט אָבער מיט ענגלאַנד גאָרנישט וואָס צו טאָן, פּונקט ווי די אַמעריקאַנער ליטעראַטור. עס רעדט מיסטער פּאָוער פון שאָטלאַנד, פאַררופט זיך אויף יידיש.

— יידיש איז עפּעס אַנדערש, — שפּרינגען אויף די האָלענדער.

— עפּעס אַנדערש! — שרייט קרעמיע, וואָס וויל גלאַט ניט מען זאָל צופּיל דרייען אַ קאָפּ מיט יידיש.

— עפּעס אַנדערש, — שטעלט זיך אויף דער עלטער עסט־רייכער פּעליקס סאַלטען.

— מײַנע פּוילישע קאָלעגן קענען אויך באַשטעטיקן, — רוף איך זיך אָן, — אַז יידיש איז ניט קיין פּוילישער דיאַלעקט...

— אויב שאָטלאַנד האָט אַ שטים — שפּרינגט אויף מעאָדאָר דויבלער און זײַן רבישע באָרד ברוגזט זיך, — פאַרוואָס נישט אונדזער ברײַנשווײַגער דיאַלעקט? קיין פאַרגלײַך מיט יידיש! יידיש איז קיין דיאַלעקט נישט! ניין מיליאָן מענטשן ריידן יידיש! יידיש האָט אַ ליטעראַטור! און דערצו האָבן מיר אַלע אָנערקענט יידיש אויפן פינפטן קאָנגרעס! קיין פאַרגלײַך!

פון אַלע זײַטן טראָגט זיך:

„יידיש... יידיש... יידיש..."

בײַם קיניג

מאָנטאָג, עלף פאַרמיטאָג, האָט דער קיניג געדאַרפט אויפנעמען די דעלעגאַטן בײַ זיך אין פּאַלאַץ. דערבײַ האָט מען געלאָזט וויסן, אַז מען דאַרף זיך אָנטאָן „גאַלאַ". מאַרטין נעקסיע, דער דענישער ראָמאַניסט, אַגיטירט, מיר זאָלן נישט גיין.

— מיר האָבן אין קיניגלעכן פּאַלאַץ גאָרנישט אָנגעוואָרן, דאַרפן מיר אַהין נישט גיין, — בײַזערט זיך נעקסיע און זײַן איבסען־קאָפּ טרייסלט זיך.

— ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ צערעמאָניע...

— און אַז שוין יאָ גיין, איז אין וואָכעדיקע קליידער!

— וואָס דאַרפן מיר זיין פרימער פון קאָמוניסטן? — האָט דער אַמעריקאַנער ד"ר ליטש זיך אָנגערופן — די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַר־געשטעלט פאַרן ענגלישן קיניג „גאַלאַ" אָנגעטאָן.

— אָבער פּראָפעסאָר פּאַוולאָוו, וואָס האָט געפירט די דעלע־גאַציע, — וואַרפט איינער אַריין, איז אַריין צום קיניג אין זיין אַר־בעטס־רעקל.

— נישט קיין עסק פאַר קינסטלער, נישט קיין עסק, — האָט נעקסיע געטענהט זיינס.

— איך האָב נישט קיין פראַק, איך האָב בלויז דאָס בלויע רעקל, וואָס איך טראָג, — רוף איך זיך אָן.

— אין אָסלאָ קען מען קריגן אויף פראָקאַט.

— דאָס נישט.

אַרום עלף זיינען אַלע דעלעגאַטן געשטאַנען ביים קיניגלעכן פּאַלאַץ. צוויי זעלנערלעך, מיט ביקסן גרעסער ווי זיי אַליין, האָבן געהאַלטן אין איין סאַלוטירן. דעם קיניגס אַדיוטאַנט האָט אונדז אויפגענומען, איבערגעשטעלט לויטן אלף־בית אָן, ווי ביי שעקספּירן אין אַ דראַמע, האָט איין לאַנד נאָכן צווייטן אַריינגעמאַרשירט צום קיניג.

דער אַדיוטאַנט האָט גערופן:

— אַפריקע, אַמעריקע, אויסטראַליע... ענגלאַנד, פראַנקרייך...

יידיש:

די טיר עפנט זיך און איך גיי אַריין אין מיין טונקל בלוי רעקל. פון אַ ברייטן פּאָטעל טוט זיך אַ שטעל דער קיניג, האַאָקען דער זיבעטער, וואַקסט אויס איבער מיר ווי אַ תחום־שבת. ער גיט מיר די האַנט און בעט מיך זיצן.

גאָר אַ הויכער, אַ דינער. די הויט ברוין, די גלידער באַ־וועגלעך, ווי ער וואָלט אינגאַנצן געווען געמאַכט פון אַלט, בויגיק שטאָל. ביים זעצן בויגט זיך דער אויבערשטער טייל קערפּער, בלייבט הענגען אויפן אונטערשטן מיט דער שאַרפקייט פון אַ לאַנגער קלינג. וואָס קאָן יעדע רגע צופאַלן, איבערשניידן וואָס קומט איר אין וועג אַריין.

— איר פֿאַרטרעט יידיש? — פֿרעגט מיך דער קיניג אין ענגליש.

— יאָ, — חידוש איך זיך פֿאַרוואָס איך זאָג אים נישט מאַיעסטעט.

— איר קומט דאָך פֿון ווילנע?

— ניין, פֿון ניו־יאָרק.

דער אויבערשטער טייל קערפּער גיסט זיך צונויף מיטן אונטערשטן. טיילט זיך באַלד אָפּ און דאָס ברוינע פּנים לאַכט, די לאַנגע פּיס רוען נישט:

— ווי קומט עס?

איך דערצייל אים וועגן יידיש, וועגן יידישער ליטעראַטור. ער הערט מיט מויל און אויערן און רייסט מיך איבער:

— איר ווילט דאָך נישט זאָגן, אַז ביי אייך אין הויז רעדט מען יידיש? איך מיין, איר רעדט דען יידיש מיט אייער פֿאַמיליע?

איך שטויס זיך אָן, אַז דער קיניג מיינט העברעיִש און איך פּרוביר אים קלאָר מאַכן דעם אונטערשייד.

— יאָ, יאָ, איך האָב געמיינט העברעיִש — צעלאַכט ער זיך ווי אַ קינד — איך האָב אַ באַקאַנטן קען ער די ביבל אין אָריגינאַל.

— מיין צען יאָריק יינגל, קיניג, קען אויך די ביבל אין אָריגינאַל.

— אַזוי... אַזוי, — באַגלייט מיך דער קיניג צו דער טיר.

19 יוני, 1928

איבער דייטשלאַנד און האָלאַנד

(רייזע־איינדרוקן)

דער שנעל־צוג בערלין־האַאַג טראָגט זיך איבער דייטשלאַנד, שטעלט זיך בלויז אָפּ אויף צען מינוט אין האַנאָווער און פליט ווייטער. מען זעט נישט קיין ליידיק שטיקל פעלד — אַלץ באַאַרבעט, אַלץ פּאַרזייט. די ערד אָבער איז אויסגעמאַטערט און מאָגער — זייענען די שטיקלעך קאָרן־פעלדער, די שטיקלעך ווייץ־פעלדער שיטער און אויסגעקראָכן, אַז מען קען די זאַנגען ציילן. די טרוקענע לאָנקעס האָבן אַן אויסשיט. רויטע פּאַסן, פליכעוואַטע, ווי דאָס גראָז איז זויערלעך און אַ בהמה דערשמעקט עס אָן ריח, רייסן זיך אַריין אין די שטיקלעך לאָנקעס. ווי אַ קער מיט די אויגן — שטעט, שטעטלעך, דערפער און דער עיקר — פאַבריקן, פאַבריקן, פאַבריקן. די באַאַרבעטע שטיקלעך ערד האָבן אַ פּנים, ווי רעשטקעס, וואָס זייַנען איבערגעבליבן אין די פאַבריקן און מען האָט זיי צעוואָרפן איבער גאַנץ דייטשלאַנד.

די פּוילישע דעלעגאַטן צום פּע"ן־קאָנגרעס — פערדינאַנד געטעל, קאַזשמיעזש וויעזשינסקי און עמיל ברייטער — קוקן הזרכן פענסטער און זייַנען צופרידן, וואָס דייטשלאַנד קאָן זיך נישט איבערנעמען מיט אירע קאָרן־און ווייץ־פעלדער, מיט אירע לאָנקעס. זיי זייַנען אויך צופרידן, וואָס אין בערלין שטייען פּוסטע טויזנט דירות ליידיק — דירות פון אַכט, צען, צוועלף צימערן. פון די ליידיקע פענסטער גלאַנצן ווייסע שילדן — „צו פערמיטען" — און מען דינגט נישט. דער מיטלקלאַס איז אין דייטשלאַנד באַנקראָט.

וויעזשינסקי, אַ יונגער באַגאַבטער דיכטער, דרייט זיך מיט אַמאָל אויס צו מיר, קוקט מיט טיפע, בלויע אויגן און פאַרענטפערט זיך ווי אַ קינד:

— איר פֿאַרשטייט, אַפּאַטאָשו, איך בין אַ פּוילישער דיכטער, און פּוילן, דאָס אַלטע פּוילן איז פֿאַראָרעמט... די פּוילישע וואַליוטע — אַן אָרעמע, אַ קבצנישע... אין אַמעריקע זיינען מיר קוילנגרעבער און סטרוזשעס... אין פֿראַנקרייך דאָס זעלבע. מענטשן אָן אַ שפּראַך, אָן אַ צונג. דער צווייטער דור רעדט שוין קיין פּויליש ניט. ווער קען וואַרשע, ווער קען קראָקע? מען קען פּאַריז, לאָנדאָן, ווין, בערלין... אָבער וואַרשע? קיינער, קיינער! ווער ווייסט, אַז אונדזער נאָרוויד איז פֿון זעלבן טאַרמעסט וואָס אַ מיקעל אַנדזשעלאָ, אַ געטע, אַ בייראָן? קיינער ווייסט נישט! די וועלט ווייסט, אַז פּוילן האָט אַריינגעשטעלט אַ פּוס אין דעם דאַנציקער קאָרידאָר, ווייל אַן אַרויסגאַנג צום ים... די וועלט ווייסט אָבער ניט, אַז אין דאַנציקער קאָרידאָר וווינען צוויי מיליאָן פּאָליאַקן און אַ צען פּראָצענט דייטשן. דעריבער, אַפּאַטאָשו, האָב איך דאָס פּרעסישע דייטשלאַנד. איך האָב פֿיינט זייערע שטעט, זייערע דערפֿער, זייער עסן. די שלעכט געבראָטענע גאַנדז, וואָס מען האָט אונדז נאָר-וואָס געגעבן אין עסוואַגאָן, האָט עפּעס געהאַט אַ טעם? ס'איז דאָך געווען חלשות! אַזאַ טעם האָט פֿאַר מיר גאַנץ דייטשלאַנד! זיי האָבן אַ קאַנט, אַ בעטהאָווען, אַ ניטשע, אַ מאַרקס, אַן איינשטיין? איז ניטשע אַ פּאָליאַק, מאַרקס און איינשטיין — ייִדן, און קאַנטן מיט בעטהאָווענען וועלן מיר ביי זיי אויסבאָרגן!

און דער דיכטער, אַ שמאָלער, אַ דינער, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פֿענסטער פֿון וואַגאָן און זאָגט אויף גיך אָפּ אַ כּישוף-שפּרוך:

— גוט, וואָס דער קאָרן, דער ווייץ זיינען נישט אויפֿגעגאַנגען! גוט, וואָס די לאָנקעס זיינען פֿליכעוואַטע! מיט קאָרן, מיט ווייץ וועט איר, דייטשע פּרעסערס, הײַ-יאָר זיך נישט איבערנעמען!

ער צעלאַכט זיך קינדיש און פֿאַרשעמט, זעט אויס, ווי ער וואָלט געוואָלט צוריקכאַפּן די ווערטער, וואָס זיינען שוין ווייט פֿון אים. פֿלאַטערן איבער די מאָגערע פֿעלדער.

אין קופּע ווערט אומאָנגענעם שטיל. וויעזשינסקי וואַרפֿט אַפּער די לאַנגע פּיס, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, דעקלאַמירט אין אַ קלינגענדיקן דייטש רילקעס אַ ליד:

…איך קרייזע שאָן יאָרטאַוזענט
לאַנג, און איך ווייס נאָך ניכט,
בין איך איין פאַלקע, איין שטורם,
אָדער איין גראָסער געזאַנג".

דער צוג פליט. נעענטער צו דער האָלענדישער גרענעץ בייט זיך די לאַנדשאַפט. די פלאַכע שטיקער לאַנד נעמען זיך בערגלען. מען זעט נישט מער קיין הילצערנע הײַזער. שטיבלעך — געמויערטע, דעכער — רויטע. וואַלד — געמישטער — נאָדל מיט בלעטער. אויף די לאָנקעס — קי. רויטע, ברוינע, ווייסע מיט שוואַרצע פלעקן. קי — אויסגעקנאָטענע און צעוואַקסענע, אמתע „האָלענדערסקע" קי, מיט אָנגעשוואָלענע אײַטערס, וואָס לאָזן נישט גיין, וואָס יורן ווי גוט־אויפגעגאַנגען טייג.

מיר זיינען שוין אין האָלאַנד. לאָנקעס פעטע, פייכטע, באַקלאַבערט מיט בלומען און קי. אין די קאָרן־פעלדער קאָן זיך אַ מענטש באַהאַלטן. די קליינע אויסגעצוואָגענע שטיבלעך בלאַנקען. די רויטע דעכער, משופּעדיקע, זיינען צו לאַנג, גרייכן איבער די פענסטער. און ווי אַ קער — רויזן, טיולפּאַנען, נאַרציסן. און ווי אַ קער — זיצן אינם פאַרנאַכט יונגען, מוידן אויף די „קיטשקעס", מעלקן בהמות. און מען זעט דורכן וואַגאָן ווי בײַטשן מילך פאַלן אין די ווייסע עמערס, ווי ביקלעך שאַרן זיך צו באַערטע קי.

אין אונדזער קופּע, ווו עס זיינען דאָ צוויי ליידיקע פּלעצער, קומען אַריין צוויי האָלענדער — אַ טאַטע מיט אַ זון. ביידע ריידן ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש. דער פאָטער האָט פּלאַנטאַציעס אין יאַוואַ. דער זון, אַן עסעיסט, פאָרט צום פּע"ן־קאָנגרעס. מיר צערײדן זיך:

— וויפיל אײַנוווינער האָט האָלאַנד?

— איבער זיבן מיליאָן — ענטפערט דער פאָטער.

— און די זיבן מיליאָן האָלענדער האָבן אין די קאָלאָניעס איבער זעכציק מיליאָן שקלאַפן.

— זיכער — קוקט דער פאָטער אַ בייזער אויפן זון, וואָס קאָמפּראָמיטירט אים, דעם האָלענדער, פאַר אויסלענדער.

— ס'איז אמת, טאַטע.

— נישט אמת, — ווערן די בלויע אויגן ביים פֿאָטער בלויז ווײַסל — מיר האָבן געבראַכט אין די קאָלאָניעס אַרײַן קולטור, ציוויליזאַציע.

— ווער איז הײַנט צו טאָג דער גרעסטער האָלענדישער דיכטער?— פרעגט עמעצער פֿון אונדז.

— בוטענעס — ענטפֿערט דער פֿאָטער.

— אין פֿאַרגלײַך מיט די הונדערטער פּערזן-ציער, וואָס באַזינגען אונדזער פּוטער און קעז, איז בוטענעס אַפֿילו באַגאַבט — שמייכלט דער יונגער האָלענדער — מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז די לעצטע צוויי הונדערט יאָר האָבן מיר, האָלענדער, אָנגעוואָרן דעם חוש פֿאַרן פּלאַסטישן וואָרט... אונדזער קעז, אונדזער פּוטער, אונדזער טיי און קאַווע, אַפֿילו אונדזערע טיזלפּאַנען-און נאַרצים-פֿעלדער אין חודש מאַי, אונדזער האַפֿן — דאָס אַלץ האָט אַ שם איבער דער וועלט. דאָס אַלץ האָט רײַך און זאַט געמאַכט די האָלענדער, ס'האָט אָבער אויך אַוועקגעהרגעט דעם חוש פֿאַרן קינסטלערישן, מענטשלעכן וואָרט... איז געווען אַ מולטאַטולי, וואָס האָט געזאָגט דעם אמת, האָבן מיר, האָלענדער, אים דערפֿאַר פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה. מיר האָבן מולטאַטולין אַזוי אויסגעהונגערט, אַז ער איז אַנטלאָפֿן פֿון האָלאַנד און איז געשטאָרבן ערגעץ אין דײַטשלאַנד...

— און רעמבראַנדט? און וואַן-גאָג? — רײַסט דער פֿאָטער איבער דעם זון.

— איך רייד נישט, פֿאָטער, וועגן מאָלערײַ — און דער יונגער האָלענדער ווענדט זיך צו מיר — איר, אַמעריקאַנער, האָט זיך אויך נישט וואָס איבערצונעמען. אויב בײַ אײַך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זיינען נאָך הײַנט צו טאָג פֿאַראַן שטעט, ווו מען טאָר ניט דערמאָנען אין פֿאָלקסשולן דאַרווינס נאָמען, קאָן בײַ אונדז אין האָלאַנד הײַנט-מאָרגן דורכגיין אַ געזעץ (און ס'וועט מן-הסתּם דורכגיין!), אַז פֿאַרן וואָרט „גאָט-פֿאַרדאַמטער“ וועט מען אײַנזעצן אין תּפֿיסה, ווײַל ס'איז קעגן די „עשׂרת-הדיברות“ — דערמאָנען ניט גאָטס נאָמען אומזיסט. אַזאַ לאַנד קאָן האָבן גרויסע סוחרים, גרויסע אונטערנעמער, אַזאַ לאַנד קאָן הערשן איבער צענדליקער מיליאָנען שקלאַפֿן, אַזאַ

לאַנד קאָן אָבער קיין גרויסע דיכטער ניט האָבן. ווייל וואָס איז דיכ־טונג, אמתע דיכטונג? דיכטן — הייסט זיין אין שטענדיקן קאַמף מיט אַלעם, וואָס איז גרוי, וואָכעדיק, זאַט און ליגנעריש. בין איך גע־רעכט? — דרייט ער זיך אויס צו אונדז דריי.

— גערעכט.

— פּלוידערייען — שלעפּט דער פּאָטער אַ לעדערנעם האַנט־וואַליז פון דער איבערשטער פּאָליצע, און זיין בערדל, ווי ביי „אָנקל סעם", ציטערט פון כעס.

האַאַג. דער צוג בלייבט שטיין. מיר געזעגענען זיך:

— איז מאָרגן אָוונט באַגעגענען מיר זיך אין „פּולכרי סטודיאָ".

— דער יונגער האָלענדער איז גערעכט, — זאָגט געטעל.

— איך קען קיין איין האָלענדישן שרייבער נישט — רופט זיך אָן וויעזשינסקי.

— איך אויך נישט.

— און הייערמאַנס? — וואַרף איך אַריין.

— ער איז דאָך אַ ייד — זאָגט ברייטער, אַליין אַ קראָקער ייד.

דער וואָקזאַל איז כמעט ליידיק. די דריי, פיר טאַקסיס אַנט־לויפן מיט פּאַסאַזשירן. דער ראָטהויז־זייגער שלאָגט עלף און מיר שטייען איבער אונדזער געפעק און חידושן זיך, וואָס אין דער קרוינ־שטאָט האַאַג איז שוין נאַכט. עס קומט אָן אַ טאַקסי. אַ פּאָ־ליציאַנט וואַקסט אויס, באַגריסט אונדז, עפנט ס׳טירל פון דער טאַקסי און זאָגט דעם שאָפער:

— האָטעל טוירמינוס!

די טאַקסי שניידט דורך אַ פּאַרק. די אַלעע, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט אַלטע, צעצווייגטע דעמבעס, איז ליידיק. די גע־פלאָכטענע בענק גלאָצן — קיין איין פאַרליבט פּאָרל. עס ברענען לאַמטערנעס, פירן אַרויס דיביימער אינמיטן וועג, און די בלעטער ציטערן איבערן אַספאַלט.

האַאַג שלאָפט.

דער ניינטער פּע"ן-קאָנגרעס

די ווענט פון ריטערזאַל — די היים פון אַמאָליקע פירשטן — זיינען דעקאָרירט מיט פּאַרביקע, באַגילדטע הערבן. דער ענגלישער, דער פראַנצויזישער, דער אַמעריקאַנער, אַפילו דער כינעזישער. אַ לאַנד — אַ הערב. איבערן אַריינגאַנג, אויף אַ געשניצטן באַלקאָן עטלעכע און הערייסיק צעוויקלטע פּענער, לויט די לענדער, וואָס זיצן אין זאַל. אַ פּאַן — אַ ליטעראַטור. ס'ווערט אומהיימלעך, ווי ניט ליטעראַטורן זיינען זיך צונויפגעקומען, נאָר אַרמייען. איך נעם זיך איבער מיט יידיש, וואָס האָט ניט קיין מיליטערישע פּאַן, קיין מיליטערישן הערב, רעפּרעזענטירט נישט קיין געאָגראַפישן צענטער, נאָר אַן אידעיִשן. איך זאָג צו מיין שכן, דעם ד"ר לינטש, אַן אַלטן רעוואָלוציאָנער:

— וואָלט נישט שענער געווען, ווען ענגלאַנד איז פּאָרטראַטן אויפן באַלקאָן מיט שעקספּירן, מיט בייראָנען, מיט מערעדיטן... פראַנקרייך — מיט ראַבעלעין, מיט וויקטאָר הוגאָ... דייטשלאַנד — מיט געטען, מיט היינען. וואָס עפּעס מיליטערישע הערבן און פּענער?

ד"ר לינטש, אַן אירלענדער, וואָס איז שוין נישט איינמאָל געשטאַנען אונטער דער תליה און ציט זיין יחוס פון קאַרל דעם גרויסן, איז מיט מיר מסכּים אויף אַלע פּענער, אַחוץ דעם אירלענדישן.

דער ריטערזאַל, אַ געמיש פון גאָטיק און ראָמאַנעסק, איז געפּאַקט. דעלעגאַטן פון דער גאַנצער וועלט — פון איסלאַנד, פון כינע, פון תּל-אביב, פון אַרגענטינע, פון אויסטראַליע. מען רעדט אויף אַלע לשונות. אין פּרעזידיום כּמעט די זעלבע פּנימער, וואָס פאַראַיאָרן, וואָס פאַר צוויי יאָרן.

רעכטס — די קליינגעוויקסיקע „מאַמע״, מיסעס דאָסאָן סקאַט, די גרינדערין פון אַלוועלטלעכן פען-קלוב. זי שטעלט אָפּ יעדן דעלעגאַט, פאַרזיכערט אים, אַז ער איז איר קינד, אַפילו ציגיינער זיינען אירע קינדער, דען אין אירע אָדערן רינט ציגיינעריש בלוט. אירס אַן עלטער-זיידע, אַן אָנפירער פון אַ ציגיינערישן שבט, האָט הענרי דער אַכטער אויפגעהאַנגען. און דער פּלאַץ איז פאַרשאָלטן ביזן היינטיקן טאָג — ס׳וואַקסט דאָרט נישט קיין גרעזל. לעבן דער „מאַמען״ זיצט דער מאָגערער און שטייפלעכער גאַלסוואָרטי, וואָס רעדט בלויז איין שפּראַך, ענגליש, און נעמט זיך דערמיט איבער. נאָך אים — דער צעוואַקסענער און באַוואַקסענער דויבלער, וואָס האָט פּאַרטיקן פּאַטאָס אויף אַ גאַנצן מעת-לעת. מיט זיין דריי-פּונטיקער באָרד זעט דויבלער אויס אי ווי אַ רעמבראַנדט-רב, אי ווי אַ געצנדינערישער גאָט. לינקס — בענדזשאַמין קרעמיע, וואָס האָט בירושה קולטור-טרעגעריי און שתדלנות. ער, קרעמיע, מיטן סמאָלע-בערדל, איז דער פען-קלוב, ריכטיקער — דעם פען-קלובס געוויסן. נאָך אים, דער האָלענדישער נאַציאָנאַלער דיכטער בוטענס, וואָס קיינער האָט נישט געהערט פון אים און אים געלייענט — אוודאי נישט.

דער האָלענדישער פּרעמיער, בירנבּרוק, עפנט דעם קאָנגרעס. נאָך אים רעדט דער נאַציאָנאַלער דיכטער בוטענס, דערנאָך — גאַלסוואָרטי. גאַלסוואָרטיס ווערטער: „אויב גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָבן מענטשן באַשאַפן האָלאַנד״ — זיינען מער וויניקער דער אינהאַלט פון אַלע דריי רעדעס. די זיצונגען ווערן אַריינגעכאַפּט— איינס, צוויי, ווי חסידים אַ מוסף. אַלץ איז צוגעגרייט — די רעזאָלוציעס, אַפילו די דעבאַטן. ס׳רעדל פירן די שטאַרקסטע דריי מלוכות — ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די פאַרהאַנדלונגען געדויערן נישט קיין זעקס שעה. ס׳איבעריקע — פאַרוויילונגען, באַגעגענישן, באַנקעטן און דער עיקר — זויפן און פרעסן.

אַלע ווילן שלום, אַלע זיינען קעגן מלחמה, און אין נאָמען פון שלום ציטערן די טשעכן, האָבן מורא, אַז אויף דעם שטיק דייטשלאַנד, וואָס זיי האָבן צוגעקראָגן נאָך דער מלחמה, זאָלן די דייטשן נישט גרינדן קיין פען-צענטער. די „געשלאָגענע״ דייטשן פירן מלחמה

מיט די אייגענע ברידער, מיט דער האַמבורגער גרופּע, וואָס שרייבט אין אַ נידער־דייטשן דיאַלעקט (האַנס בלאָנק, מאַקס מיומען). די בעלגיער שטימען נישט מיט די פלעמער; סקאַנדינאַווער — מיט די ענגלענדער. מען שטייט אונטער די פענער, אונטער די הערבן און די אַפּעטיטן ווערן צערייצט, פאַרשאַרפט.

כמעט יעדעס יאָר גייען אָן דעבאַטן אויפן קאָנגרעס וועגן פען־צענטרען. מעג מען האָבן צוויי צענטרען אין איין קרוינשטאַט, צי נישט? היי־יאָר איז ווידער די פראַגע אויפן טיש, נאָר אַנדערש געשליפן. ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, זיינען איבער נאַכט געוואָרן קאָלעקטיוויסטן. מען דאַרף זיך נישט רעכענען מיט ליטעראַטורן, נאָר מיט קאָלעקטיוון, מיט קאָמפּאַקטע מאַסן. אַ פען־קלוב פון אַ פאָלק, וואָס האָט ביז צוואַנציק מיליאָן מענטשן, וועט האָבן איין שטים, ביז פערציק מיליאָן — צוויי שטימען. מער ווי פערציק מיליאָן — דריי שטימען. מער אָבער ווי דריי שטימען קאָן קיין פאָלק נישט קריגן.

שרייט אַ דעלעגאַט:

— וועט דאָך אויסקומען, אַז כינע וועט האָבן דריי שטימען און די נאָרוועגיער מיט אַ פראָזע, וואָס קאָן זיך ניט בלויז פאַרגלייכן מיט דער דייטשער, נאָר אויך מיט דער פראַנצויזישער, מיט דער ענגלישער, — נאָרוועגיע וועט האָבן איין שטים.

דער ריטעראַל געשווילט פון קולות, פון שפראַכן. איינער פאַרשטייט ניט דעם אַנדערן. לעבן מיר זיצט דער סקאַנדינאַווער גריוו. ער איז אײַנשטימיק מיט מיר, פאַרזיכערט מיך, אַז ער נעמט אַ וואָרט, אַז ער גייט אויפרייסן די פאַרזאַמלונג, וועט זיי זאָגן, די ענגלענדער, די פראַנצויזן, אַז מיר, קינסטלער, זיינען נישט געקומען קיין האַאַג מאַכן פּאָליטיק... אין קעגנטייל, מיר פאַרדאַמען יעדע פּאָליטיק... ס׳קומט צו דער פען־סעקרעטאַר, הערמאַן אולד, רעדט מיטן סקאַנדינאַווער. ס׳העלפט נישט. דער סקאַנדינאַווער בעט אַ וואָרט. גאַלסווערדי אַליין קומט אונטער, חימט דעם סקאַנדינאַווער עפּעס איין. גריוו בייט זיין שטעלונג, איז שוין פאַר די קאָמפּאַקטע מאַסן. מען שטימט די רעזאָלוציע. זי גייט דורך מיט אַ מערהייט פון פינף.

מיין כינעזער קאָלעגע — צע הסיונג קוואָ — פאַרלירט זיך ער מיט זיין מאָגערן באַגאַזש, אינגאַנצן אין דין ביכעלע לידער וועגן די פיר צייטן פון יאָר, האָט דריי שטימען און קנוט האַמסון — איינע. דער כינעזער אינם פראַק טיילט זיין ביכעלע מיט אַן אויפשריפט, דרייט זיך צווישן האַמען און דערציילט יעדן איינעם, אַז ער גלויבט ניט אין גאָט, גלויבט נישט אין יענער וועלט, גלויבט נישט אין קיין נשמה. מיט איר הייבט זיך אָן, מיט איר ענדיקט זיך. אים איז גוט — ער איז רייך — דער פאָטער זיינער האָט אים איבערגעלאָזט ריזיקע שטיקער לאַנד, שרייבט ער לידער וועגן די פיר צייטן פון יאָר.

וואָס האָט מען נאָך אָנגענומען אויפן עלפטן פען־קאָנגרעס?

1) די שטענדיקע רעזאָלוציע קעגן מלחמה.

2) אַ רעזאָלוציע איבערצוזעצן די בעסטע ווערק פון קלענערע ליטעראַטורן אין ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש.

גוטע, פרומע ווונטשן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט צושטאַנד קומען.

און ווייטער?

דער עלפטער פען־קאָנגרעס, ווי אַלע פריערדיקע קאָנגרעסן, זיינען נאָך צום וואָרט, צום אויסדרוק נישט געקומען, ווייל ס׳אמתע וואָרט, ס׳קינסטלערישע, איז נאָך אויף די קאָנגרעסן אַ ביי־זאַך. דער עיקר זיינען געהיימע פעדעם, וואָס האָבן מער צו טאָן מיט פּאָליטיק, ווי מיט ליטעראַטור. פעדעם, וואָס קיין קינסטלער דאַרף זיי נישט און ביי קיינעם הייבט זיך נישט די האַנט איבערצורייסן דעם פלאָנטער.

ס׳איז דאָ אַ לייפּציגער מאַרק, אַ לוויוויטשער יאַריד. ס׳איז אויך דאָ אַ יאַרמאַרק, ווו שרייבער פון דער גאַנצער וועלט קומען זיך צונויף. מען באַקענט זיך, מען רעדט זיך הורך, מען טרעפט זיך אויך מיט איבערזעצער, מיט אַרויסגעבער. מען דערמאָנט קליינע, גאָר קליינע ליטעראַטורן. דאָס איינציקע פּאָזיטיווע אין די קאָנגרעסן.

און ווי לאַנג די קרעמיעס (אַלע ליטעראַטורן האָבן קרעמיעס) וועלן זיצן אין פּרעזידיום, וועלן געבן דעם טאָן, ווען וואַסערמאַן,

דוהאַמעל, אַש, צאַפּעק, קאַרען-באַנדראָווסקי, יאָהאַן באָיער, די היי-
יאָריקע דעלעגאַטן, וועלן בלייבן שטומע צוקוקער, ווען דער פּען-
קאָנגרעס בלייבן אַ יאָרמאַרק פאַר ליטעראַטור, נישט מער.
לאַנג, לאַנג צייט איבערצונעמען די לייצעס.

האַג, 25 יוני, 1931

אין אַמסטערדאַם

I

פון די הונדערט-און-צוואַנציק טויזנט האָלענדישע יידן, האָט אַמסטערדאַם איבער זיבעציק טויזנט. איר באַגעגנט זיי בײַ דער באַן, ווו זיי לאָדענען סחורה, שלעפּן געפּעק. איר באַגעגנט זיי אין גאַס, ווו זיי שטופּן און שלעפּן גייענדיקע „געשעפטן". די געשעפטן זיינען צעלייגט אויף שטופּ-וועגעלעך. איר זעט זיי בײַ דער בריליאַנטן-בירזשע, ווו מען דרייט זיך גאַנצע טעג און מען זוכט אַרבעט. און אַפילו אויף די קאַנאַלן, וואָס שניידן די שטאָט אין גאַסן, און איבער די וואַסער-גאַסן ציען זיך שלעפּ-שיפן, — אַפילו דאָרט באַגעגנט איר יידן.

אויף אַ פאַראַנקערטער שלעפּ-שיף זיצן מענער, פרויען, קינדער. צווישן זיי אַ געוויקסיקער הונט פון דער וואָלף-פאַראַדע. איינער שפּילט אויף אַ האַרמאָניקע און דאָס קליינוואַרג טאַנצט. העמדער, גאַטקעס, גאַר ברייטע לייוונטענע הויזן, געפּלימטע קליידער — אַלץ איז צעהאַנגען אַרום דעם זעגלבוים, טריקנט זיך. צווישן דעם ביסל אָרעמקייט ווינטלט זיך אַן ארבע-כנפות. און אַז איך צערייד זיך מיט איינעם פון די שיפער, זאָגט ער מיר האַלב אין האָלענדיש און האַלב אין יידיש: „כ'בין אַ „יאָדע", טראָג אַן אַרבע-„כנצות".

פון ארבע-כנפות איז געוואָרן אַרבע-כנצות. און אַז איך פרעג אים אויף דער פאָרטוגעזישער קהילה, נעמט ער אַרויס פון מויל די הילצערנע פּיפּקע און צעלאַכט זיך:

— די משוגע פאָרטוגעזער? בײַם וואָטערלו-פּליין האָבן זיי די אַלטע שול. זיי ווערן אַלץ ווייניקער אין „מקום" (אין אַמסטערדאַם) און מער אין די משוגעים-הייזער.

— פֿאַרוואָס?

— ווייל די משוגע־פּאָרטוגעזער האָבן חתונה בלויז צווישן זיך. די קהילה זייערע גיט ביז צוויי טויזנט גולדן נדן אַן אָרעם פּאָר־טוגעזיש מיידל, אויב זי האָט חתונה מיט אַ פּאָרטוגעזער. מיין שנור, אַ פּאָרטוגעזערין (האָט דער שפּער געוויזן אויף אַן אָפּגעברענט מיידל, וואָס האָט געזויגן אַ קינד) האָט קיין „סענט" ניט באַקומען פֿון קהל, ווייל זי האָט גענומען מיין זון, אַן אשכנזי. גייען זיי אין שאול־תּחתּיה, די משוגע־פּאָרטוגעזער!

רעכטס פֿון וואָטערלו־פּלאַץ—דער פּאָרטוגעזישער בית־הכּנסת, געבויט אין ראָמאַנעסק סטיל, די ביבליאָטעק, וווּ אינמיטן טאָג האָב איך דאָרט קיינעם ניט באַגעגנט אַחוץ דעם ביבליאָטעקאַר, וואָס נעמט זיך איבער מיט זיין שבתי־צבי־קאָלעקציע. דאָרט זיינען אויך דער סעמינאַר און אַ שול פֿאַר פּאָרטוגעזישע קינדער.

לינקס פֿון דעם וואָטערלו־פּלאַץ — די קאַטוילישע „משה און אהרן קירך", וואָס איז שוין אַ צייט געשלאָסן; נישטאָ מער אין דער געגנט קיין קאַטוילישע מתפּללים, אָדער ווי די האָלענדישע יידן רופֿן זיי — „אמונה תּפֿל".

און דער וואַטערלו־פּלאַץ, גרויס ווי יוניאָן סקווער, איז גע־פּאַקט מיט יידן. שטעלן, געלענדערס, וועגעלעך — אומעטום פֿאַר־קויפֿן יידן עסנוואַרג, קליידער, מעבל, כּלערליי מכשירים. מען לאָזט ניט דורך קיין קונה. מען שרייט, מען שווערט, מען שילט, און דאָס דווקא אין יידיש. דער מאַרק געשווילט פֿון ריחות, קולות און שווייסיק לייב.

איך שטעל זיך אָפּ ביי אַ וועגעלע אייער. דער סוחר, אַ קנאָ־כיקער, אַ פֿאַרשוואַרצטער, זיצט איבערן וועגעלע און דרעמלט. די געלבלעכע האָר אויף דער גאָמבע און ליפּן, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געגאָלט, שטייען ווי פֿאַרזשאַווערטע שטיקלעך דראָט און פּאַסן ניט צום שוואַרצן פּנים. ער דערשמעקט אַ קונה און צעזינגט זיך:

— אַן איי? אַ ווייכס? אַ האַרטס?

— כ'בין נישט הונגעריק.

— איך בין אָבער הונגעריק — רופט זיך אָן אַ זקנה, וואָס שטייט אין שכנות איבער אַ וועגעלע פּאָמעראַנצן.

— טאָ נעמט, נעמט, גרויסמוטערכען, אויף מיין חשבון.

זי כאַפּט אַ האַרט איי, שיילט עס פלינק אָפּ, און איר שוואַרץ לענגלעך פּנים, ווי ביי אַן אַלטער ציגיינערין, ווערט אויפגערוימטער.

— נעמט נאָך אַן איי — בעט איך זיך ביי איר.

זי נעמט, ווערט אויפגעלייגט, און ס׳רעכטע אויג קוקט מיט אַ בלישטש אויפן אַרומיקן עולם.

— ווי הייסט איר, גרויסמוטערכען?

— פרומע — שטאָפּט זיך די זקנה מיטן געלכל — פרומע באָס־ניאַק.

— און יידיש, צי „יאָדיש“, קאָנט איר ריידן?

— כ׳רייד דאָך „יאָדיש“ — שמייכלט די אַלטיטשקע — כ׳גיי יעדן שבת אין שול אַריין „אָרען“ (דאַוונען). אַמאָל האָבן אַלע גערעדט „יאָדיש“. כ׳בין שוין, אָן אַ באַנעמעניש, ניין־און־זיבעציק יאָר אַלט, און ווען ניט דאָס אומגליק (וויזט זי אויפן לינקן אויג) — געהאַקט האָלץ, איז מיר אַ שטיקכען אַריין און כ׳האָב ס׳אויג פּטור געוואָרן...

— און קינדער האָט איר?

— געהאַט ניין — האָט זי אָפּגעזיפצט — און געבליבן איז איין ילד... ער האָט געמסחרט מיט בריליאַנטן, איז געווען רייך... האָט באַשעפטיקט פערציק און פופציק „קנעכט“ (אַרבעטער)... נאָכן קריג, ווען דער מסחר מיט בריליאַנטן האָט זיך אָפּגעשטעלט, זאָג איך צו אים: די געשעפטן זיינען „מכולה“ (שלעכט)? שנייד אַ קריעה און פּטור! האָט ער מיך נישט געפאָלגט, ניט געפאָלגט די מוטער זיינע, און איז געלאָפן נאָכן אשמדאי! איצט איז ער „געשחטן“ (אָרעם) ווי איך, שטייט מיט אַ וועגעלע קעז, אַ קרענק און ווייטאָג צו מיר...

ניט ווייט פון פרומע באָסניאַק זאַמלט זיך אָן אַן עולם. קעפּ איבער קעפּ.

— וואָס איז דאָרט? — פרעג איך מיין באַגלייטער.

— פּראָפעסאָר קאָקאַראָרוס האָט אַ ניי ליד, אַ נייע דרשה —

שמייכלט די אַלטע פרומע — ער דרשנט, ער דרשנט, נאַרט אַריין דעם עולם און זיי קויפן מציאות בײַ דעם שקרים־זאָגער...

— פאַרוואָס רופט איר אים פּראָפעסאָר?

— דאָס האָט אים די קיניגין ווילהעלמינע אַ נאָמען געטאָן — נעמט זיך די זקנה איבער מיטן טיטל — אַליין געקומען אין „מקום" אַריין קוקן ווי קאָקאַדאָרוס דרשנט...

איך בין אונטערגעגאַנגען.

קאָקאַדאָרוס, אַ געוויקסיקער, מיט אַ רויטן קאַרק, גאָלדענע רינגען אויף די פלײשיקע פינגער, שטייט איבער אַ פלאַכטע מעסערגאָפּל. ער דערציילט אַ מעשה, בראָקט אַריין אַ ווערטל, אַ הלצה, אַ גראַם. עולם לאַכט, קוועלט אָן, און דער פּראָפעסאָר טרייבט מסחר רעכטס און לינקס.

מײַן באַגלייטער שטעלט מיך פאָר:

— באַקענט אײַך, פּראָפעסאָר, מיט אַ יידישן דעלעגאַט צום פען־קאָנגרעס, וואָס קומט פאָר אין אונדזער אַמסטערדאַם.

דער פּראָפעסאָר לאָזט שטיין די קונים. די שוואַרצע אויגן, די גאָלדענע ציין — אַלץ בלישטשעט בײַ אים. ער צערעדט זיך, און גלייך מיט האַרץ:

— זאַנגווילן, נאַרדאַון — כ'האָב זיי אַלע געקענט. כ'קען אויך וואַסערמאַנען, צווייגן, שלום אשן... פון דער גאַנצער וועלט קומט מען אַ קוק טאָן אויף אונדזער אַמסטערדאַמער געטאָ... און ניט נאָר יהודים, ס'קומען קריסטן, אַ טאָמאַס מאַן, אַ ראָלאַן, אַפילו דער קאָמוניסט נעקסע. איר, אָבער, קינסטלער, האָט געדאַרפט פּראָטעסטירן אויף אײַער קאָנגרעס, וואָס האָלאַנד רייסט ביסלעכוויז אַראָפּ די יידישע געטאָ, אַזאַ אַלטע געטאָ, די שענסטע געטאָ אין דער וועלט... ס'איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן אויף וואָס אַ קוק צו טאָן... זיי „סגאַיעס" (גויים), מיינען, אַז אייראָפּע לויפט קיין אַמסטערדאַם אָנצוקוקן דעם פּוטער־מסחר, דעם קעז־מסחר! פאַרשוואַרצטע נאַראָנים, פאַרשטאָפּטע מוחות! זיי וועלן אַרונטעררײַסן די אַלטע יידישע הײַזערכער, מאַכן פון די שמאָלע געסלעך ברייטע „שטראַטן", אויס יידישע געטאָ — וועט קיין הונט נישט אַרײַנשמעקן קיין אַמסטערדאַם...

דער פּראָפעסאָר גייט מיטן זעלבן פּאַטאָס אַריבער צום מסחר. ער רעדט מיט האַרץ, אַרבעט מיט די הענט און שיט סיגעלט אין די הויזן־קעשענעס.

איבער די שטופּ־וועגעלעך, פון אַלע דריי זייטן וואָטערלו־פּלאַץ הייבן זיך געלענדערס צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער. ס׳איז ערב די שטאָט־וואַלן. אַלע פּאַרטייען — די בירגערלעכע, די סאָציאַליסטישע, די קאָמוניסטישע — האָבן דאָ רעדנער, ווילן קריגן די שטימען פון די יידישע פּעדלער.

מיין באַגלייטער זאָגט מיר:

— דער האָלענדישער ייד, דער אָרעמער, איז פאַרגרעבט, צו־ריקגעשטאַנען... ער אַרבעט אָבער שווער, פאַרדינט מיט די צען פינגער דאָס שטיקל ברויט, און אַ סך פון זיי וועלן דער בירגערלעכער פּאַרטיי קיין איין שטימע נישט געבן. די עלטערע וועלן שטימען פאַר אַ סאָציאַליסט, די יינגערע — פאַר אַ קאָמוניסט.

כ׳שנייד דורך דעם מאַרק. כ׳גיי פאַרביי די פּאָרטוגעזישע קינ־דער־שול. די פענסטער פון דער שול זיינען אָפן, אויף די בענק זיצן קינדער — ייִנגלעך, מיידלעך, — פון זעקס ביז צען, צוועלף יאָר. די לערערין, אַ דינע, מיט אַ גרויסן קאָפּ האָר, וואָס פּאַסט נישט צום יונגן פּנים, שטייט אויף דער קאַטעדרע. זי קלאַפּט לייכט אַ האַנט אין אַ האַנט און זאָגט מיט אַ ניגון:

די קינדערכיער האָבן איר בעסט געטאָן,
די קינדערכיער קענען נאָך האָוז גיין!
די קינדערכיער פון פּערייראָ;
די קינדערכיער פון סעקווייראָ;
די קינדערכיער פון דע ראָבּס;
די קינדערכיער פון דע קאַסטראָ;
די קינדערכיער פון דע מענדעס;
די קינדערכיער פון עספּינאָזאַ!

צו פיר קינדער, צו פינף, צו זעקס, שאַרן זיך אַרויס מיט זייערע ביכער די פּערייראָס, די סעקווייראָס, די עספּינאָזאָס — באַ־קאַנטע נעמען, וואָס אַ זיי וואַרעמען, אַ זיי יאָגן אָן אַ אומעט.

כּיקוק אויפֿן וואַטערלאָ־מאַרק, ווו ייִדן, שטומע, פֿאַרחושכטע, אָן אַ לשון, טרייבן מסחר. זייער „ייִדיש לשון" ליגט אין דער פּאָרטוגעזישער ביבליאָטעק — דער איינציקער, האָט מען מיר געזאָגט, עקזעמפּליאַר פֿון דעם ייִדישן בלאַט, וואָס איז אַרויס צוויי מאָל אַ וואָך — „דאָס דינסטאַגשע און פֿרייטאַגשע קוראַנט".

און איבער דער פֿאַרלאָזענער קאַטוילישער קירך הייבן זיך משה און אהרן, געהאַקט פֿון מירמלשטיין, קוקן אויפֿן אַלטן אַמסטערדאַמער רבס זון, אויף דוד ווייַנקאָפּ, דעם פֿירער פֿון די קאָמוניסטן, ווי ער רייסט זיך פֿונם הילצערנעם געלענדער, שטייט איבער די פֿאַרחושכטע פֿעדלער מיט נייע לוחות.

יוני 28, 1931

אין אַמסטערדאַם

II

ענגע, טוכלע געסלעך. שמאָלע הײַזער, אײנשטאָקיקע, צווײשטאָקיקע. דער אַרײַנגאַנג אין די הײַזער אַזוי שמאָל, אַז די טרעפּ, וואָס פֿירן פֿון אײן שטאָק צום צווייטן, האָבן זיך ניט געקאָנט אויסשטעלן. מען האָט זײ אַרײַנגעקוועטשט, כּמעט ווערטיקאַל. בלויז די טרעט־ברעטלעך געשטעלט אין דער קרום, מען זאָל זיך ווי עס איז קאָנען הײבן איבער די גאָרנס. אַ ניט־געניטער פֿיס מוז זיך פֿעסט האַלטן פֿאַר דער פּאָרענטש, אַנדערש האַלט ער אין אײן צוריקפֿאַלן.

די געסלעך זײנען אַן איבערבלײַב פֿון דער אַמאָליקער געטאָ, וואָס האַלט אין אײן פֿאַרשווינדן.

צווישן די הײַזער — אַ בײַכיקער שפּײַכלער. די טויערן — ברײט אויפֿגעפּראַלט. עלטערע יידן, אין הויזן און אין לײַבלעך, אויפֿגעשמירטע, עפּענען „ווײַנטוכעס" שמאַטעס. זײ קלײַבן אָפּ רעק, הויזן, וועסטן, און דער ליכטיקער נאָכמיטאָג איז דאָ, אַרום שפּײַכלער, אַ פֿאַרשטויבטער, אַ פֿאַרחושכטער, ניט אָפּצואָטעמען.

איך קוק זיך אײַן אין די „ווײַנטוכעס" אַלטוואַרג. באַקאַנטע שטעמפּלען — דיטרויט, מישיגען.

— מסחרט איר שוין לאַנג מיט אַמעריקע? — פֿרעג איך דעם באַלעבאָס, וואָס שטײט מיט אַ ציגאַר אין מויל און קאָמאַנדעוועט.

ער באַטראַכט מיך, צי איך בין טאַקע אַן אַמעריקאַנער, צערעדט זיך מיט מײַן באַגלײטער אויף האָלענדיש, און גיט מיר אַ יידישן „שלום־עליכם":

— פֿון נאָך דעם קריג אָן טרײַב איך מסחר מיט אַמעריקע...

דאָס אַלטוואַרג רייניקט מען, מ׳וואַשט, מ׳פאַרריכט אים... מענטשן זיינען פון דעם מסחר רייך געוואָרן, האָבן גרויסע געשעפטן אין ראָטערדאַם... און אין אַמעריקע איז אויך ניט פריילעך, אַ קריזיס, האַ? — וואַרט ניט דער סוחר אויף מיין תשובה, און ס׳איז קענטיק, אַז עס טוט אים הנאה, וואָס ניט בלויז איראָפּע, נאָר אויך אַמעריקע מאַטערט זיך.

די אַרבעטער, באַאַרנטע, אין די פערציקער, אין די פופציקער, טייל געגאָלטע, טייל מיט שטיקלעך באָרד, ווי ביי „אָנקל סעמען", הערן אויף איינציקוויז צו אַרבעטן, לייגן צו אַן אויער. דער באַלעבאָס ציט דעם ציגאַר און רעדט:

— אונדזערע גוייִשע היץ־קעפּ, די פאַרשטאָפּטע מוחות, האָבן פאַרגעסן, אַז עס איז אויס מלחמה, אַז די וועלט מוז סוף־כל־סוף קומען צו זיך. די האָלענדער האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן דאַרפן שטענדיק שפּייזן איראָפּע. האָט די רעגירונג אַריינגעלייגט הונדערטער מיליאָנען, גענומען אויסטריקענען אַ שטיק ים, מען זאָל קאָנען אַקערן און זייען. ווי אַ האָלענדער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, האָט ער עס אונטערגעטוקט אין דער „מקווה". און אַצינד זיינען אַלע קלוג, אַלע שרייען, אַז מען האָט עס ניט געדאַרפט, אַז די פּראָדוקטן, וואָס האָלאַנד ליווערט, האָט איראָפּע אויך אויפגעהערט צו קויפן. זי, איראָפּע, האָט שוין אייגענע... דערפון נעמט זיך דער קריזיס אין לאַנד. אַז ס׳איז היינט אין דער גאַנצער וועלט שלעכט... אַ קלייניקייט, צען מיליאָן אַרבעטסלאָזע אין אַמעריקע... מיט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק האָב איך דאָ, ביים אַלטוואַרג, געהאַט שטיין דרייסיק און פערציק „קנעכט" (אַרבעטער). און היינט איז קוים דאָ אַרבעט פאַר אַכט פאַרשוין. נו, פרנסה־געבערס! — הייבט דער באַלעבאָס די הענט אויף די „קנעכט", וואָס הערן זיך איין.

די פאַרחושכטע פּנימער שמייכלען, טרייסטן זיך מיט חלשות, וואָס אין אַמעריקע איז אַ קריזיס. מ׳גראָבט זיך אינם אַלטוואַרג, ווי קרעטן. שטויב הייבט זיך, קרעלט אין האַלדז, אין נאָז.

ניט ווייט פונעם שפּייכלער שעכט מען עופות. פאַריאַכמערטע יונגען אין בלויזע קעפּ קומען אָן מיט שטופּ־וועגעלעך. די לופט איז פול מיט פעדערן. עס טראָגט זיך אַ שווערער גערוך, וואָס

שמעקט מיט שלאַכט־הײַזער, מיט שול און־מקווה גאַסל. הענער קרייען מיט רוגז. צוויי שוחטים, אין ווייסע כאַלאַטן, די חלפים אין די מײַלער, שטייען איבער דער עבודה, — שנײַדן העלדזער און וואַרפן די געשאָכטענע עופות אין פעסער אַריין.

איך צערייד זיך מיט אַ קצב־יונג. מיר פאַרשטייען זיך ניט. עס מישט זיך אַריין מיין באַגלייטער און דער יונג צעשרייט זיך:

— זרח! זרח!

עס קומט אַרויס אַן עלטערער עופות־פליקער. בלוט אויף די הענט, בלוט אויפן פנים און אינם בלוט שטעקן פעדערן. זיי וואַרפן זיך איבער אויף האָלענדיש. דער עופות־פליקער לייגט מיט ביטול אַרויף די האַנט אויפן יונגנס קאָפּ און זאָגט צו מיר:

— אַ פינסטערע גזירה אויף אים! קען קיין „יאָדיש" ריידן, דער „שאַלעף" (יונגער שייגעץ), דער שמד־קאָפּ!

— וויפיל צאָלט מען אייך פאַר אָפּפליקן אַן עוף? — פרעג איך אים.

— ווי איינער — פינף סענט, צען סענט, און די פעדערן זיינען חצי — חצי: האַלב מיר, האַלב די שוחטים.

עס איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן עופות. די הענער האָבן דער־שמעקט בלוט, זיך צעקרייט מיט אַזאַ בייזער, אַז עס איז ניט געבליבן מיט וואָס צו עטעמען. עס איז געוואָרן אַ געלויף. וויפיל יונגען עס זיינען געשטאַנען אַרום — אַלע האָבן געטראָגן שטייגן עופות אין שלאַכטהויז אַריין.

מיין באַגלייטער, אַ יידיש־האָלענדישער שרייבער, ווייזט מיר אויף דער „מקווה כשרה", וואָס שטייט הינטערן שלאַכטהויז, קעגנ־איבער דער אשכנזישער שול. ער רעדט מיט ווייטאָג:

— דאָ האָט זיך גאָרניט געביטן — ווי מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, ווי אין די צייטן פון אַקאָסטען. דער האָלענדישער ייד האָט אָנגעווירן דאָס לשון, דעם פרצוף. איז געבליבן אַ טרוקענער ביין. ניטאָ קיין יידיש־האָלענדישע משפחה זי זאָל ניט האָבן קיין משומדים. און דאָס אַרט שוין קיינעם ניט. געבליבן איז דאָס שול־גאַסל, די מקווה און דער אַמאָליקער עיפוש, — קריגן זיי די גזירה!

די טרעפּלעך זײַנען באַזעצט מיט װײַבער, מיט קינדער. מען וואַרט אויף די מענער, וואָס דאַרפֿן קומען פֿון „מקום", און דער־ווײַל טרײַבט מען געשמאַק רכילות.

מײַן באַגלייטער קען מען דאָ, מען באַגריסט אים, מ׳גיט אים אָפּ כּבוד, און איינע רוימט אײַן דער צווייטער, אַז מען הערט איבער דער גאַס:

— ס׳איז דאָך פּאַן פּראַג, דער „יאָדישער" שרײַבער.

מיר בלײַבן שטיין בײַ אַ טרעפּל, ווו עס זיצן װײַבער מיט קינדער אין אַ קרענצל. מײַן באַגלייטער צערעדט זיך מיט זיי. אַן עלטערע פֿרעגט אויף מיר:

— אַך (אויך) אַ „יאָדע"?

אַ יידענע, צוגעבראָכן ווי אַ מערנצימעס, צעלאַכט זיך:

— אַ יאָדע, אַ יאָדע — — — מיר זײַנען אַלע יהודים. דער קוגל ליגט אונדז אַלעמען אויף די נעז.

— ווי הייסט איר? — פֿרעג איך בײַ די װײַבער.

— ווי מיר הייסן? — רופֿט זיך אָן אַ גרויע יידענע, — איך שיינדל, זי — גיטל, זי — רחל, און די, — האָט זי געוויזן אויף אַ יידענע, באַלײַבט ווי אַ האָלענדישע קו, — זי הייסט בלומע... אָבער וואָס האָב איך דערפֿון, וואָס איך „יאָדיש" רעדט?

— וואָס ווילט איר האָבן?

זי האָט גלייך ניט געענטפֿערט, בלויז די אויגן און די מויל־ווינקלען האָבן געבעטלט.

— די רויטע באָרד קומט! — האָט איינע אַ זאָג געטאָן.

— ברוך קומט!

אַ פּאַרשוין, מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ מינע און מיט אַ גאַנג, ווי דאָס געסל וואָלט געווען זײַנס, איז אונטערגעקומען:

— מען האָט דאָ נאָר־וואָס דערמאָנט מײַן כּשרן נאָמען, — האָט ער זיך באַגריסט מיטן האָלענדישן שרײַבער, — ווו אַ ברכה בין איך, ווײַל ברוך איז מײַן נאָמען. און איר, אַן אַמעריקאַנער, אַ יהודי — שלום־עליכם! ס׳וועט זײַן אַ ברכה צו מאַכן?

— רויטע באָרד!

— ביסט אַזוי אויך באַזײַנט! (שיכּור).

— מער מצווה די קינדער שאַקאָלאַד קויפן!

— מער מצווה מיר צו געבן אויף ציין, — האָט די גרויסע ידענע אַן עפּן געטאָן אַ מויל אָן ציין, ווי אַן אײַנגעפאַלענער קבר, — כּיקען, האַרעלע, קיין פּיצכען ברויט ניט עסן!

— שיינדל, — האָבן זי די ווייבער אַ שלעפּ געטאָן, — שאַנד און שפּאָט!

— שאָקאָלאַד! — האָט זיך אַ יינגל צעשריען מיט אַ געמאַכטן געוויין.

— שאָקאָלאַד! — האָט אים אַ מיידל אַרויסגעהאָלפן.

— כּ'וועל דיך „אַטעלעמיסע" (עד למיתה) שלאָגן! — האָט אַ מוטער אַ כאַפּ געטאָן דאָס יינגל, — ווי דאָס שרייט, אַ „קרימעלע" (אַ שטיקעלע) מכּה אין זיין קעל! שווייגסט, אַז נישט רוף איך אַ „שמירת" (אַ פּאָליציאַנט)!

אַ זקנה פון זעלבן הויז איז שוין געשטאַנען מיט אַ קערבעלע שאָקאָלאַד, געוואַרט אויף פּדיון.

— קריגסט, יינגעלע, שאָקאָלאַד, און דו אויך, מיידעלע, — האָב איך אַ נעם געטאָן די קינדער צו זיך, — וויפיל ווילט איר? צו צוויי שטיקלעך? איר קריגט צו דריי, אויב איר זינגט מיר אַ לידעלע אין „יאָדיש"!

— אין יאָדיש? — ציט ס'מיידעלע די שמאָלע אַקסלען, אַז זי קען ניט, — אין האָלענדיש קען איך!

— ניין, אין „יאָדיש".

— בערל, — לויכט ביי אַ מוטער אויף ס'פּנים, — דאָס לידכען, וואָס דו זינגסט נאָכן „המבדיל".

די ווייבער שטעלן אַוועק בערלען אויפן טרעפּל. ער בייגט ס'קעפּל רעכטס, לינקס, שעמט זיך און זאָגט מיט אַ ניגון פון בענטשן:

„אין גאָטס נאָמען לייג איך זיך נידער,
מיט אַל מיין געזונט און גלידער,
האָף איך, גאָט, אויפצושטיין,
און ווידער זאָגן — אמן סלה,
אַ גוטע נאַכט אַלע מאָל!"

ס'געסל הילכט פֿון אַפּלאָדיסמענטן. ווײַבער, קינדער, אַלע קײַען שאָקאָלאַד, אַלע לאַכן. ס'קליינוואַרג לויפֿט אונדז נאָך...

עס ווערט טונקל, עס ווערט קיל — דער קילער, האָלענדישער זומער. מיר גייען פֿאַרבײַ אַ שוסטער, — דוד עספּינאָזע, אַ דענטיסט — עספּינאָזע. אָט איז דאָס רעמבראַנדט־הויז. וואָס האָט רעמבראַנדטן געטריבן צו פֿאַרלאָזן זײַן פּאַלאַץ און צו באַזעצן זיך אין דער יידישער געטאָ? מײַן באַגלייטער רעדט שטיל:

— עס ווערט טרויעריק, אַז מען מוז ס'גאַנצע לעבן שרײַבן פֿאַר אַ הײַפֿעלע מענטשן, וואָס וווינען אין די געסלעך, זיצן אויף די טרעפּלעך, וואָס וועלן מאָרגן, איבערמאָרגן פֿאַרשווינדן. און אַז מיר שרײַבן שוין האָלענדיש, איז וואָס? און אַז יידן דינען שוין אין דער פּאָליציי, אויף דער פּאָסט, איז וואָס? מען האָט דאָ דעם ייד ניט ליב! אין דעם „ריטערזאַל“, ווו דער פּען־קלוב איז פֿאָרגעקומען, קומען קיין יידן ניט אַרײַן. איך בין אײַך מקנא, אָפּאַטאָשו, איר האָט צענטרען אין ניו־יאָרק, אין וואַרשע, אין מאָסקווע... און ווו ניט? „יאָדיש“... מיט גלײַכע שטימרעכט, ווי האָלענדיש, נאָרוועגיש, דײַטש... איר ווייסט, מײַן טאַטע האָט נאָך גערעדט „יאָדיש“. אַז ער פֿלעגט זיך קווענקלען, ניט געוווּסט, צי אַ זאַך וועט זײַן גוט, צי שלעכט, האָט ער געזאָגט: „עס קאָן גוט זײַן, עס קאָן שלעכט זײַן, עס איז אַ טשאָלנט געזעצט“. וואָס האָט ער נאָך געזאָגט? יאָ, אויף אַ מויד אַן אַרומשלעפּערין, אויף אַ שטיקל „טמאה“, האָט ער געזאָגט: „זי איז דאָך אַ כאָנטעסע־פּרינצעסע“. יאָ, מײַן טאַטע האָט נאָך גערעדט „יאָדיש“, און איר, אָפּאַטאָשו, שרײַבט „יאָדיש“... גוט, ס'איז מיר הײַנט גוט. קומט, מיר וועלן נעמען צו גלעזער ביר, מיר וועלן טרינקען פֿאַר אַ וועלטרעוואָלוציע. איר זענט אַ סאָציאַליסט? איך בין.

פֿון די שמאָלע קאַנאַלן איז אָנגעקומען די נאַכט, אַ קילע, האָט זיך געלייגט איבער מענטש און הויז.

„י אָ ד י ש“

די לעצטע פרוי צו ריידן דעם האָלענדישן יידיש. — זי איז געשטאָרבן אין 1930.

שמאָלע, דורכזיכטיקע קאַנאַלן. קליינע, שטיינערנע הייזער. דעכער, רויטע, הענגען טיף איבער די פענסטער. צווישן די קאַנאַלן אַ פירעקיקער מאַרק. אַן אַלטער קאַטעדראַל הייבט זיך איבער דער שטאָט. שטיין אויף שטיין, שטיין איבער שטיין, רויע, נישט אַרומגעהאַקטע — אַ טורעם, וואָס ווערט דינער און דינער, פאַרשפּיצט זיך, דערציילט ווי דער אַמאָליקער מענטש האָט געשטורעמט די הימלען. און פון דעם קאַטעדראַלס געזימסן קוקן אַראָפּ „כימערעס“ אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. און זייערע אויגן? ביי אַ מענטשן קאָן מען קיינמאָל ניט זען אַזוי פיל פּיין און טרויער.

אין אַ זייטיקער גאַס, וואָס פירט הינטער דער שטאָט — אַ הויז פון רויטע ציגל. אין דעם הויז צווישן אַלמערס ביכער, פאָליצעס ספרים, דרייט זיך אַרום ד״ר וואַן־קאַסטראָ. מיט זיבעציק יאָר צוריק איז וואַן־קאַסטראָ אין דעם הויז געבוירן געוואָרן. צו פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט ער שוין געהאַט געענדיקט דעם אַמסטערדאַמער ראַבינער־סעמינאַר. ער איז ענלעך געווען אויף דער מוטער, דער אשכנזורין, נישט אויפן פאָטער, דעם פּאָרטוגעזער. אַ געוויקסיקער. דאָס פּנים ליכטיק. די האָר און דער עיקר דאָס זיידענע בערדל — ליכטיקער. און די אויגן? בלוי, ווי דער רויִקער ים מיטאָג־צייט.

דער יונגער מנשה וואַן־קאַסטראָ האָט נישט געטראַכט וועגן רבנות. ער האָט זיך געטראָגן איבער דייטשלאַנד, איבער פראַנקרייך, איבער ענגלאַנד, איז איבערגעגאַנגען פון פילאָסאָפיע אויף פילאָ=

לאָגיע, ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט די פאַרגלייך־פילאָלאָגן, וואָס טיילן שפּראַכן אין „פאַמיליעס" און לאָזן בשעת־מעשה אַרויס כינעזיש, ווייל כינעזיש פאַסט זיך ניט אַריין אין קיין איין „משפחה", וואָס זיי האָבן צוגעטראַכט.

דער יונגער וואַן־קאַסטראָ האָט זיך געבונטעוועט, נישט געקאָנט מסכים זיין, אַז אין אָנהייב איז געווען איין שפּראַך.

ער איז דעמאָלט יונג געווען. ער האָט זיך געקליבן אויפצוטרייסלען די פאַרגלייך־פילאָלאָגיע, וואָס האָט פאַרריסן די נאָז, זיך געהאַלטן פאַר אַן איינגעפונדעוועטער וויסנשאַפט, וואָס מען קאָן פון אָרט נישט רירן.

איבער אַ חודש ווי וואַן־קאַסטראָ האָט פאַרבראַכט אין קאָרנוואָל, ענגלאַנד. ווי אַ פאַרוואָרפן דערפל, ווו אַ שטעטל ווייט פון אַ באַן, פון אַ טראַקט — וואַן־קאַסטראָ איז דאָרט געווען. ער איז געווען זיכער, אַז מיטן חורבן־ירושלים האָבן די רוימער פאַרשיקט מחנות יידן אין די קופּער־און צין־מינעס, וואָס אין קאָרנוואָל. נישט אומזיסט הייסן נאָך איצט אין קאָרנוואָל די אַלטע גיסערייען — יידישע הייזער. און אַ שטעטל, אַ גאַנץ שטעטל, הייסט — יידישער מאַרק. און אַז די פאַרגלייך־פילאָלאָגן האָבן אויסגעפּשטלט פונקט פאַרקערט, דערציילט, אַז קעלטישע נעמען האָט מען צעדרייט אויף יידישע, אויף העברעיִשע, אַז אין קאָרנוואָל באַווייזן זיך ערשט יידן אין צוועלפטן יאָרהונדערט און דאָס אויך וווּכערער, נישט קיין מינען־אַרבעטער — איז וואָס? ער, וואַן־קאַסטראָ, האָט געהאַט ראיות, שטאַרקע ראיות, אַז די טראַנספּאָרטן קופּער און צין, וואָס מען האָט געשיקט פון קאָרנוואָל קיין רוים, האָבן יידן געגראָבן אין די מינעס, האָבן יידן גערייניקט אין די גיסערייען.

וואַן־קאַסטראָ האָט געקליבן העברעיִשע ווערטער, וואָס די פאַרגעסענע קאָרנישע שפּראַך האָט איינגעזאַפּט אין זיך. און אַז ער איז שוין געווען אויפן שפּור, אַז קאָרניש איז קרוביש מיט סעמיטישע שפּראַכן, האָט ער מיט אַמאָל באַקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער, און געמוזט איבעררייסן די אַרבעט.

דער פאָטער, ר' ישראל וואַן־קאַסטראָ, דער לימבורגער רב, האָט צווישן אַנדערס געשריבן:

„...מנשה, טייערער זון, קום אַהיים. כּפיל זיך לעצטנס ניט מיט אַלעמען. איב ס'וועט זיין פון גאָט באַשערט, וועלן מיר זיך נאָך געזעגענען, וועל איך נאָך אַ קוק טאָן אויף דיר".

מנשה וואַן־קאַסטראָ איז שוין מער פון לימבורג נישט אַרויס־געפאָרן. דעם פאָטערס טויט, זיין צוואה, ער, מנשה, זאָל איבער־נעמען סרבנות, די אַלטע מאַמע, די קהילה, וואָס איז צוגעשטאַנען, און דער עיקר — גליקכן.

גליקכן נעמט זיך ניט איבער, וואָס זי איז שיין, וואָס זי איז פריילעך אָן אַ פאַרוואָס. זי נעמט זיך איבער מיט אירע „יאָדישע" לי־דער, וואָס זי איז די איינציקע אין לימבורג, וואָס רעדט נאָך „יאָדיש". איר באָבע, איר מאַמע, זי, גליקכן, זיינען דאָרפישע און אין האָלענדישע דערפער ריידן נאָך יידן „יאָדיש". דאָס אימפּאָנירט וואַן־קאַסטראָן. דערצו זיינען ביידע יונג, ביידע בלאָנד און אין שטעטל איז שבועות. גרינלעכע שטיקער ליכט קומען אַריין דורך די אָפענע פענסטער, קומען פון די פלאַנצן, פון די ביימער, פון דעם גראָז, וואָס אין געדיכטן סאָד. אין אַזוינע טעג בענקט מענטש נאָך געוויקסן, גייט אויס נאָך אַ צווייטן מענטש. אין אַזוינע טעג האָבן גליקכנס אָפּ־געדעקטע הענט און אַקסל געקילט ווי מירמלשטיין, געקילט ווי גראָז אין שאָטן, ווי פריש־צעאַקערטע ערד.

דעמאָלט איז נאָך דער מאַרק אינגאַנצן געווען באַוווינט מיט יידן. יידישע הייזער — שמאָלע, גאָר שמאָלע, מיט שווינדל־טרעפּ. דאָ האָבן געוווינט רייכע סוחרים, וואָס האָבן געשיקט קיין דייטש־לאַנד, אַפילו קיין פוילן, האָלענדישע קי און פערד. אַן אַלטע קהילה, די לימבורגער. אין פנקס איז פאַרשריבן, ווי אין די צייטן פון שבתי־צבי האָבן איבער צוואַנציק משפחות, כמעט די גאַנצע קהילה, פאַרקויפט די הייזער פאַר אַ שיבוש און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין באַגעגענען משיחן. צוויי יאָר שפעטער זיינען זיי צוריקגעקומען, האָבן געבראַכט מיט זיך צענדליקער נייע משפחות, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון כמעלניצקיס שחיטות.

הינטערן רבס הויז שטייט די שול, הינטער דער שול — דער בית־עולם. די שול איז ענלעך אויף אַ פעסטונג. דער דאַך אַ קיילעכדיקער מיט אַ גאַלערעע האָט אַרום און אַרום לעכער

פאַר האַרמאַטן. די נייע משפחות פון פוילן האָבן געבויט די שול, זיך פאַרזאָרגט פאַר אַן אָנפאַל.

פאַר די פונף־און־פערציק יאָר האָבן טייל משפחות זיך אי־בערגעקליבן אין גרעסערע שטעט, אַנדערע — אויפן בית־עולם. די קהילה איז געוואָרן מאָגער, גאָר מאָגער, קוים געקאָנט אויסהאַלטן דעם רב, וואָס איז איצט געגאַנגען געבויגן, מיט אַ גרוי, צעווינטלט בערדל.

עס איז געווען אַ שטיק נאָך מיטאָג, ווען דער רב האָט גע־קוקט אין קהלשן פנקס, נישט געזען, ווי דינע פאַסמעס ליכט רויט־לען זיך אַרום די פענסטער. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען געבונ־דענע העפטן. דאָס זיינען געווען די נאָטיצן, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד. דעמאָלט איז ער געווען יונג, דעמאָלט האָט ער זיך געקליבן איבערצוקערן אַ וועלט, דעמאָלט האָט גליקבן געזונגען אירע „יאַדישע" לידער. ער האָט דאָס אַליך געקאָנט אָנטאַפּן מיט די שפּיץ פינגער, ער האָט אַריינ־געאָטעמט שטיקלעך ריחות, וואָס האָבן דערמאָנט שטעט, מענטשן, זאַכן. און איצט? מענטשן און דורות האָבן זיך געקרייצט, אי־בערגעלאָזט נאָך זיך דאָ אַ קנייטש, דאָרט אַ ריח, און נישט גע־וואָרן. עס האָט אים ווי געטאָן. דאָס איגענע לעבן — צעטרענצלט, צעשטויבט. אָנשטאָט קינדער האָט גליקבן איבערגעלאָזט נאָך זיך „יאָדישע" לידער. אין לימבורג זינגט מען בלויז אירע ניגונים. די ווערטער פאַרשטייט קיינער נישט. און די צימערן שרעקן, טרייבן פון זיך.

אויף גיך האָט וואַן־קאַסטראָ עפּעס איבערגעשריבן פון אַ העפט, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין סענט פאָל, ענגלאַנד. ער האָט גע־שריבן און געלייענט:

„דאָ ליגט באַגראָבן דאָראָטי פענטריט, וואָס איז געשטאָרבן אין 1778, דער לעצטער מענטש, וואָס האָט נאָך גערעדט קאָרניש. מיט איר איז אויך אָפּגעשטאָרבן אינם סענט־פאָלער ישוב דאָס אַלטע לשון פון קאָרנוואָל".

דער רב האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס איבערגעשריבענע פאַפּיר־צווישן די שטאַרקע פינגער פון דער רעכטער האַנט, דעם שטעקן —

אין דער לינקער, און איז אַרויס פון שטוב. ער איז דורך דעם גע־דיכטן סאַד, וואָס האָט געשמעקט מיט צייטיקע עפל, מיט רייפע באַר־נעס. ביים אַרויסגאַנג פון סאַד, אויפן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט צום בית־עולם, האָט דער גערטנער אויסגעפּריבירט אַ יונגן שימל. דער פערד־הענדלער האָט ווילעריש צוגעקנאַלט מיטן בייטשל און גע־האַלטן אין איין איבערחזרן:

— איין „טוב“ פערד! גאָר איין „טוב“ פערד!

— וואָס זאָגסטו, פּיטער הענדריק? — האָט דער רב געפרעגט דעם פערד־הענדלער.

— ס'איז אַ גוט פערד — האָט דער פערד־הענדלער זיך פאַר־נייגט.

— ניין, — האָט דער רב געשמייכלט — האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט אַ „טוב“ פערד?

— נו, יאָ, געוויס, הער ראַבינער — איז דער פערד־הענדלער געוואָרן דרייסטער — מיר, לימבורגער פערד־הענדלער, ריידן דאָך „לאָשן קאָדיש“.

— וואָס? — האָט דער רב צוגעליטגט אַ האַנט צום אויער.

— וואָס וווּנדערט איר זיך, הער ראַבינער, — האָט דער פערד־הענדלער גענומען אויסרעכענען אַ צעטל העברעיִשע ווערטער — מיר האָבן גענומען פון יידן דעם קי־און פערד־מסחר, האָבן מיר אויך איבערגענומען פּלשון, כּמיין „ל אָ ש ן ק אָ ד י ש“.

דער רב האָט זיך צעלאַכט, דין און שפּיציק. ער האָט גענו־מען שאַרן מיטן שטעקן און זיך געלאָזט צום בית־עולם. נאָך פינף יאָר, העכסטנס צען, און עס וועט ניט בלייבן אין לימבורג קיין איין ייד. „לאָשן קאָדיש“ האָבן גויישע פערד־הענדלער איבערגענומען, „יאָדיש“ איז אָפּגעשטאָרבן מיט גליקבן. איצט דאַרפן בלויז קומען די ווייסגשאַפטסלייט און באַווייזן, ווי זיי האָבן באַוויזן אין קאָרנוואָל, אַז אין לימבורג זיינען קיינמאָל קיין יידן ניט געווען.

דער רב איז צוגעגאַנגען צו גליקבנס קבר. ווי ווייט ס'אויג האָט געקאָנט כאַפּן — מצבות. אַלטע, געבויגענע, אָפּגעריבענע און נייע, גאָר נייע. צווישן די מצבות האָט געבלוטיקט דער טאָג, זיך גע־זעגנט.

ר׳ מנשה וואַן־קאַסטראָ האָט זיך געווישט די אויגן, וואָס זײַנען אַצינד געווען רויט, געזאָגט מיטן ניגון פון קדיש:

„דאָ ליגט באַגראָבן גליקכן וואַן־פּראַג, וואָס איז געשטאָרבן אין 1930, דער לעצטער מענטש, וואָס האָט גערעדט אין היגן ישוב „יאָדיש״. מיט איר איז אויך אָפּגעשטאָרבן אין לימבורג ס׳יאָדישע לשון״.

1928

ביי פֿאָרדן אין פֿאַבריק

הונדערט און דרייסיק טויזנט ארבעטער. — יעדע פופציק סעקונדעס ווערט פארטיק אַן אויטאָ-מאָביל. — פיר הונדערט עקסידענטס אַ מעת-לעת. — יעדע דריי-פיר מינוט טראָגט מען אין שפּיטאָל אריין אַ פארוואונדעטן אַרבעטער. די עקסידענטס אין פֿאָרדס פאַבריקן ווערן ניט פארצייכנט אין דער דיטראָיטער פרעסע. (אינפאָרמאציע).

הינטער דיטראָיט אין אַ ליכטיקער געביידע, וואָס איז ברייטער ווי העכער, ענלעכער אויף אַ מוזיי ווי אויף אַן אָפּיס, קלייבן זיך מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. מען קומט אַהער אָנקוקן פאָרדס פאַבריקן. דאַכט זיך ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל האָבן געווען אין דיטראָיט און איז ניט פאַרפאָרן אַהער. בלויז צווישן די דיטראָיטער תושבים האָב איך באַגעגנט געבירטיקע, וואָס האָבן די פאַבריקן נאָך ניט געזען און זיינען אפילו ניט נייגעריק זיי אָנצוקוקן. אין זיין איי-גענער שטאָט האָט מען פאָרדן ניט ליב. מען האַלט אים פאַר אַ פרעמדן, פאַר אַ קאַרגן, וואָס ניט נאָר ער קהלט זיך ניט, ער גיט אַפילו קיין אָרנטלעכע נדבה אויך ניט.

יעדער באַזוכער מוז אונטערשרייבן אַ פאַפּיר, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען — צי ס'וועט עפּעס פאַלן אין קאָפּ אַריין, אַ מאַ-שין וועט אַריינכאַפּן אַ האַנט, אַ פוס, פייערדיקער שמעלץ וועט אויסברענען אַן אויג, אַ שטיק לייב, אַן אויער, צי אַ קעסל וועט עקס-פּלאָדירן — וואָס פאַר אַ שלעק און פּורעניות ס'זאָל ניט טרעפן, קאָן קיינער ניט האָבן קיין טענות צו דער קאָמפּאַניע.

אונטערגעשריבן, זיינען מיר — מאַנסבילן, פרויען, קליינוואַרג — אַריין אין אַ „באָס“, וואָס האָט געוואַרט פאַרן אָפיס. און ווי מען

האָט זיך געריסן פון אָרט, האָט דער פירער אונדזערער, אַ דורכגע־טריבענער שגץ, אָנגעהויבן צו זאָגן דעם פזמון זיינעם, וואָס ער חזרט איבער יעדע שעה פאַר אַ נייער פּאַרטיע באַזוכער:

— אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער אַקער לאַנד, אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער טאָן קוילן...

דער „באָס" האָט זיך געוויגט איבער אַ וועג געגאָסן פון קאָנקריט און פון דעם שיינעצם זאָגעכץ איז מיר געבליבן אין די אויערן — מיליאָנען־מיליאַסן, מיליאָנען־מיליאַסן.

אַרום און אַרום האָבן זיך געריסן געביידעס, הויכע, העכערע, אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרקאָפּטשעטע שויבן, מיט גלעזערנע דעכלעך און דעכער. די געביידעס האָבן דערמאָנט די אַלטע וואָקזאַלן אין פּאַריז, אין בערלין.

לאָקאָמאָטיוון האָבן געסאָפּעט, זיך געטראָגן מיט רוגזה, זיך געוועקסלט פון איין פּאָר שינעס אויף אַ צווייטער, אַרויסגעוואָרפן שטיקער רויך, וואָס זיינען זיך ניט צעפלויגן, נאָר געבליבן שטיין אין דער פייכטער לופט און האָבן געקרעלט אין האַלדז, אין דער נאָז.

ווי אַ וואָרף מיטן אויג — איבערגעוואַקסענע קוימענס פון גלאָז־הוטעס און אייזן־גיסערייען, הייב־מאַשינעס, צעהויקערט ווי קעמלען, בערג קוילן, בערג זאַמד, פאַרזשאַווערטע שיף־סקעלעטן, וואָס ליגן איינער אויפן צווייטן, איינער איבערן צווייטן.

דער „באָס" האָט דורכגעשניטן די שינעס, געפאָרן איבער שמאָלע וועגלעך, זיך פאַרקירעוועט אויף אַ בריק, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ לויפנדיק וואַסער. שיפן מיט פאַרריסענע נעז, מיט אָנגעצויגענע פענער, שלעפּ־שיפן און שיפלעך, אַ גאַנצער פלאָט איז געשטאַנען פאַראַנקערט און אַרבעטער, ווי היישעריקן, האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן סחורה. רויטע אותיות האָבן געפלאַטערט איבער דער יבשה, איבערן וואַסער, דערציילט וועגן דער לעגענדע „פאָרד", וועגן דער מלוכה „פאָרד".

דער „פירער" האָט אויפגעפּראַלט אַ טאָפּלטע טיר אין אַ זויערע כוואַליע, וואָס האָט געשמעקט מיט שייד־וואַסער, זשאַווער, האָט אַ וויש געטאָן איבערן פנים, שווער געמאַכט דעם אָטעם.

ס'קלאַפּערײַ, ס'פּייפערײַ, ס'בויערײַ, ס'גראַגערײַ, וואָס איז געהאַנגען פאַר די אויגן ווי אַ נעפּל, האָט איך אַ ווײַלע צוגענומען בײַ מיר די ראיה. ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען אויסשיילן רעדער, שווינדל־טרעפּ, קריכנדיקע וואַרשטאַטן, שטאָלענע און קופּערנע קעסלען און ווי אַ דריי מיטן קאָפּ — רערן, רערן, רערן. איבער דעם אַלעם האָבן זיך געגאַרטלט ברייטע לעדערנע פּאַסן, זיך געוויקלט אַרום די מאָטאָרן, אַרום די רעדער, געקרעכצט אין די ווענט, די שויבן, די אָפּגעדעקטע געדערים פון די געווערקן, אַפילו דער שטיינערנער דיל — אַלץ האָט געציטערט, זיך געטרייסלט.

כ'האָב זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ פוס, פאַר דער פּלייצע, דערפילט ס'בריט און כ'האָב זיך אומגעקוקט. מיר זײַנען געשטאַנען בײַ די ציגלנע אויוונס מיט די אָפענע פענסטערלעך, וווּ טויזנטער טאָן קוילן האָבן זיך געשמאָלצן, זיך געגאָסן און ס'פייער האָט געפלייצט, דערציילט, אַז ס'איז די נשמה פון אַלע פאַבריקן. כ'האָב געקוקט אין פייער אַרײַן דורך אַ בלויער שטיק גלאָז, געטראַכט וועגן מיסטישן „נהר דינור" (פייער־טײַך) און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס דער אַמאָליקער מענטש האָט שטענדיק געדינט צום פייער, וואָס רייניקט יעדע שמוץ און בלייבט אַליין ריין.

כמעט צום לעצט האָב איך דערזען דעם מענטש. אויסגעשמירטע, פאַרחושכטע, שטייען די אַרבעטער אַרום די וואַרשטאַטן, אַרום די קעסלען, אַרום די אויוונס, זעען אויס קליין־נישטיק. יעדער האַלט אָן אַנדער אינסטרומענט, שטייט גרייט, וואַרט, דער קריכעדיקער וואַרשטאַט זאָל זיך דערנענטערן צו אים. דער וואַרשטאַט איז פול מיט רויע שטיקלעך מאָטאָרן. איינער לאָזט אַראָפּ די בויער־מאַשין, דער צווייטער פּאַסט צו אַ שרויף און איידער מען טוט אַ פינטל מיטן אויג — דאָס שטיק מאָטאָר פאָרט שוין ווייטער. איין שטיק ווערט צוגעניטעוועט, צוגעשרויפט צום צווייטן און איידער וואָס ווען איז פאַרטיק אַ מאָטאָר

די אַרבעטער שטייען איינער לעבן צווייטן, ריידן ניט, טשאַטעווען, באַפאַלן די רויע שטיקער אויטאָמאַבילן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, די אָפענע פיסקעס פון די שנייד־מאַשינען, די פינקל־

דיקע בויערס, די פּאַסן וואָס וויקלען זיך, די אַלע משחיתים זאָלן אַמאָל ניט אַריינכאַפּן קיין האַנט, קיין שטיק קאָפּ.

אַרבעטער, וואָס פאָרען זיך אונטער די סקעלעט־אויטאָמאָבילן, שאַרן זיך אויף אויסגעבעטע וועגעלעך, וואָס זיינען צוגעפּאַסקעוועט צום געזעס, רוקן זיך נאָך די וואַרשטאַטן ווי קאַליקעס.

ס'איז געווען מיטאָג־צייט. יעדע פופצן מינוט האָט זיך געהערט אַ לאַנגער פייף. אַרבעטער האָבן זיך געביטן. די וואָס האָבן שוין געהאַט געגעסן זיינען אויסגעוואַקסן אַרום די וואַרשטאַטן, און די הונגעריקע זיינען זיך צעלאָפן, זיך צעשטעלט ווער אַרום די אָפּטריטן, ווער אַרום די בלעכענע קעסלען מיט פּאַריק עסן. מען קויפט שיסלען זופּ, פלעשלעך מילך, „איך מיר ביר", סענדוויטשעס.

דאָס פייפן שניידט זיך אַריין אין חלל, שרייט איבער דעם געפילדער. אַן אַ זייט שטייט אַ דאַרער פאַרשוין אָן הענט. ביידע הענט זיינען אָפּגעריסן ביז איבער די עלנבויגנס. ער האַלט אַ פייפל אין מויל און גיט סיגנאַלן.

מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט זיבן יאָר געאַרבעט ביי פאָרדן אין די פאַבריקן, ווייזט מיט אַ פינגער אויפן סיגנאַליסט:

— פאַרלירט מען ביי פאָרדן אַ האַנט, אַ פוס, צי גאָר ביידע הענט, איז מען פאַרזאָרגט מיט אַ שטעל אויפן גאַנצן לעבן.

אַן אויפזעער איז אונטערגעקומען, דערקענט מיין באַקאַנטן. מען האָט אונדז פאָרגעשטעלט. דער אויפזעער האָט מיר אַריינגעשטעקט אַ קנאָך מיט צוויי פינגער און צוגעגעבן:

— אַ בוי־מאַשין האָט עס אָפּגעריסן.

— האָט איר כאָטש געקראָגן גוט באַצאָלט?

— פאָרד האָט זיין פּרייז — האָט דער אויפזעער געשמייכלט — צוויי הונדערט דאָלאַר פאַר אַ פינגער.

— אַזוי ביליג?

— פאָרד טענהט, אַז ס'קומט גאָרניט — דאָס גיט ער פון גוטסקייט.

— אַזוי האָט ער אייך געזאָגט?

— ווער רעדט מיט אים, ווער זעט אים? כ'אַרבעט שוין דאָ פופצן יאָר, האָב איך פאָרדן דריי מאָל געזען. ס'ערשטע מאָל איז ער

געקומען מיט אַן ענגלישן פּרינץ, ס'צווייטע מאָל מיט טשאַפּלינען און ס'דריטע מאָל איז ער געקומען מיט עפּעס אַ רוסישן פּרינץ.

דער אויפזעער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צערעדט און האָט אונדז געלאָזט שטיין. מיר זיינען צוגעקומען צום אַרויסגאַנג. אויפן וואַרשטאַט איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער אויטאָמאָביל, אַן אָפּגעלאַקירטער און פינקלדיקער. די רעדער זיינען אַרויף אויף די שינעס. מען האָט אַריינגעגאָסן געזאָלין, אָנגעשרויפט דעם מאָטאָר און דער „גולם" האָט באַקומען לעבן, אָנגעהויבן סאָפּען. דער אויטאָמאָביל איז אַרויס מיט אַ פייף פון דער פאַבריק, זיך געטראָגן איבער אַ ליידיקן פּלאַץ אין אַ ראָד.

ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות אויפן מענטשן, וואָס בויערט לעכער, שרויפט שרייפלעך פיר-און-צוואַנציק שעה אין מעת-לעת, ווערט טעמפּ נאָך פינף, זעקס יאָר אַרבעט, אַבי פאָרד זאָל אויספירן זיין משוגעת, אַרויסוואַרפן אין ווייניקער ווי אַ מינוט אַן אויטאָמאָביל.

כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז פאָרד לייענט פאַרן שלאָף די ביבל, ווייס זיכער די מעשה מיט די זיבעציק מלכים, וואָס אדוני בזק האָט זיי אָפּגעהאַקט די גראָבע פינגער. ס'קאָן פאָרדן אַמאָל איינפאַלן אַ נייע משוגעת — אָפּצוהאַקן יעדן פון הונדערט און דרייסיק טויזנט אַרבעטער אַ פינגער — פאַר זעקס-און-צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר קאָן ער האָבן ס'פאַרגעניגן, קאָן ער דורכפירן זיין משוגעת.

.1929

אין שיקאַגער שלאַכט־הייזער

בײַ אַרמור און קאָ. אין די שיקאַגער שלאַכט־הײַזער קוילעט מען טעגלעך דרײַ טויזנט זעקס הונדערט בהמות, צען טויזנט אַכטהונדערט חזירים, צען טויזנט שעפּסן און אַכט טויזנט פיר הונדערט און פופציק קעלבער. (אינפאָרמאַציע).

מ׳האָט מיר געוויזן שיקאַגאָ. דער אויטאָמאָביל האָט געשניטן די שטאָט אין דער לענג, אין דער ברייט, זיך געטראָגן איבער בולוואַרן. דער בולוואַר בײַם „מישיגען לײק״ וואָלט געווען אַ שײנדל אַפילו אין ניו־יאָרק און נאָך אַלעמען זעט שיקאַגאָ אויס מיט איר גאַנצער רחבֿות, ווי אַ ניו־יאָרקער פאַרשטאָט.

דער שאָפער, אַ געבוירטיקער שיקאַגער, האָט מיך נישט געלאָזט אָפּעטעמען, זיך געהאַלטן אין איין איבערנעמען מיט זײַן געבורט־שטאָט:

— אַזוינע בולוואַרן האָט איר נישט אין ניו־יאָרק! איר האָט זיי אין אייראָפּע אויך נישט!

— און וואָס איז „ריווער־סײַד־דרײַוו״? — איז געזעסן לעבן מיר אַ ניו־יאָרקער, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע אַרײַן — און האָט איר אין שיקאַגאָ אַ „פלעט־אײַראָן־בילדינג״? אַ „וואָלוואָרט־בילדינג״? האָט איר אַ „וואָל־סטריט״?

— געהערט, געהערט — האָט דער שיקאַגער פעטער אַ נעם געטאָן סיראָד בײַם אויטאָמאָביל — דערפאַר שטײַגט שיקאַגאָ איבער ניו־יאָרק אין „האָלד־אָפּס״, אין רויבערײַען.

— דאָס, זעט איר, יאָ — האָט דער ניו־יאָרקער זיך צעלאַכט — דאָס וועל איך אײַך צוגעבן.

— איר וועט נאָך עפּעס אויך צוגעבן — איז דער שיקאַגער געוואָרן אויפגערהימטער — אַט פיר איך אײַך איצט אין אַ פּלאַץ...

— איר מיינט אוודאי די שיקאַגער שלאַכטהייזער — — —

— אַט דאָס מיין איך טאַקע — האָט דער שיקאַגער זיך צעשמייכלט פון איין אויער צום צווייטן — אַזוינע שלאַכטהייזער האָט איר נישט אין ניו־יאָרק. בלויז ביי אַרמור און קאָ. קוילעט מען טעגלעך דריי־און־צוואַנציק טויזנט שטיק, און איצט סווינטס? און איצט — — — —

אַ שאַרפער יאַטקע־ריח האָט אַ שפּאַר געטאָן אין די פּנימער, געאײַבלט די נאָזלעכער אַ ווייל און דער גערוך האָט זיך אויסגעוועפט. דער שיקאַגער האָט זיך אַפילו געגרויסט מיטן יאַטקע־גערוך, געלאָזט וויסן:

— זומער אין די היצן שפּירט מען דעם ריח אויף די בולוואַרן אויך!

מיר זיינען שוין געווען הינטער דער שטאָט, זיך דערנענטערט צו אַרמורס שלאַכטהייזער, וואָס האָבן געריסן די אויגן מיט זייער ב ר ײ ט און ה ײ ך. די פאַרשפּיצטע קוימענס, וואָס האָבן גערויכערט, די מאַסיווע געביידעס, וואָס זיינען געשטאַנען אײנע לעבן דער צווייטער, די באַנען, די לאַסט־אויטאָמאָבילן, די הורט־געשעפטן, ווי מען האָט געקראָגן אויפשניט, סטרונעס, קעמלעך, וואָס מען אַרבעט נאָר אויס פון דער בהמה — אַלץ האָט דערמאָנט גיכער אַ רייך פאַבריק־שטעטל, ווי שלאַכטהייזער.

פאַר די שלאַכטהייזער האָבן זיך געצויגן עטלעכע בלאָק שטאַלן, אָן דעכער, אויסגעשטעלט ווי שאַך־ברעטער. סטאַדעס קי, אָקסן, קעלבער, שעפּסן, חזירים, זיינען געווען צעוואָרפן אין די שטאַלן, געלעגן און געשטאַנען קופּעוויז, ווי קאָלירטע פעלדער. טייל האָבן זיך געריבן אָן די ווענט, אַנדערע האָבן זיך געטוליעט, געהויבן די אומבאַהאָלפענע פּיסקעס און די תמעוואַטע אויגן זיינען געווען בלויז צער.

אַן אומגעהאַריש מעקען האָט דורכגעזאַפּט די לופט און דער פרימאָרגן, אַ זוניקער, אַ שטייפער, האָט געציטערט, אײַנגערוימט מיט יעדן צעצוינענעם מע—עע:

— איזהו מקומן של זבחים — — —

פאַר די אויגן האָט זיך געיאָגט דער קווערשניט פון דער „עזרה“, פון דער „לשכת הטלאים“ — קאַמערן מיט שעפסן, מיט אָקסן, מיט קי.

אין אָפּיס פון אַרמור און קאָ. האָט מען אונדז אויפגענומען מיט אַזאַ שמחה, ווי מען וואָלט דעם גאַנצן פרימאַרגן געוואַרט אויף אונדז. כ'בין געווען זיכער, אַז מ'וועט יעדן איינעם פון די באַזוכער אונטער־טראָגן אַ פלייש־סענדוויטש.

דער „פירער“ מיט מעשענע קנעפּ האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ קורצע דרשה, דערציילט ווי די אַרמור און קאָ. איז זיך מוסר נפש פאַרן בירגער פאָלק, פאַרזאָרגט נישט בלויז די שטאָט מיט פלייש, נאָר זי האָט אויך אין זינען דעם פאַרוואָרפענעם פאַרמער. די שלאַכט־הייזער באַשעפטיקן אין שיקאַגאָ אַליין איבער עלף טויזנט מענטשן און די „סטאָקהאָלדערס“ זיינען רייך געוואָרן.

אויסגעהערט דעם פּזמון, זיינען מיר אַריין אין אַן עלעוויטאָר, וואָס האָט אונדז געבראַכט אין שלאַכטהויז.

דאָס שלאַכטהויז איז געווען אַזוי ברייט, אַזוי לאַנג, אַז מיטן אויג איז אוממעגלעך געווען אַרומצוכאַפּן די געביידע. ווי אַ קוק — שטיינערנע פאָדלאָגעס, רינעס, שלעפּ־מאַשינען, בלאַנקעדיקע קעס־לען און איבער די קעפּ קייטן, קייטן, קייטן.

דורך אַ זייטיקער טיר האָט מען אַריינגעלאָזט חזירים, ריכטיקער, מען האָט זיי אַריינגעשטופּט, ווייל דער חזיר האָט נישט געוואָלט גיין, האָט פּראָטעסטירט, געקריטשעט. מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אין די הונדערטער. אַ הינטערשטער פוס געפענטעט, האָט נאָכגעשלעפּט אַ קייט. די קייט איז געוואָרן פאַרטשעפּעט אין אַ שלעפּמאַשין, וואָס האָט אויפגעכאַפּט יעדן חזיר מיטן קאָפּ אַראָפּ אַזוי שנעל, אַז ס'איז צומאָל קיין צייט נישט געווען אַ פינטל צו טאָן מיטן אויג. די שלעפּמאַשין האָט זיך גערוקט מיט די חזירים, וואָס האָבן זיך געוואָרפן, געקריטשעט, געברוועט, אַז דאָס שלאַכטהויז האָט געציטערט פון די קולות.

דער „פירער“ מיט די מעשענע קנעפּ האָט אַריבערגעשריען די חזירים, זיך איבערגענומען:

— אין אַ שעה קוילען מיר צוועלף הונדערט שטיק!

די שלעפמאַשין איז אָנגעפּאָרן אויף אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע מיט רינעס. הינטער די צאַפּלדיקע חזירים זיינען אויסגעוואַקסן אַ פּאָר פּיס אין גומענע שטיוול, ס׳האָט זיך געזען אַ שטיק קאָלירטער רעגנמאַנטל. די זוילן און דער ווערך פון די גומענע שטיוול זיינען געווען אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס. קיין פּנים האָט מען נישט אַרויסגעזען, בלויז פאַרשאַרצטע הענט און אַ שפּיציקן מעסער, וואָס מען האָט אַריינגעפּעצט אין חזיר נאָכן צווייטן, איבערגעשניטן די אָדערן פון האַלדז. בלוט האָט „געשערגעט״, געכלאַפּעט אויף דער פּאָדלאָגע. די געוואַלדן זיינען געוואָרן העכער, פאַרגאַנגען די אויערן און די שויבן האָבן געציטערט.

דעם קוילערס שטיוול מיט די שמאַטעס זיינען געוואָרן רויט פון די איבערגעשניטענע העלדזער, פון די געוואַלדן, דער רעגנמאַנטל — פּורפּור און דער שמאָלער לאַנגער חלף האָט געפינקלט, געאַרבעט מעשים.

אַ ניט־געקוילעטער חזיר האָט זיך אָפּגעטשעפּעט פון דער קייט, איז אַ פאַל געטאָן פון דער שלעפמאַשין אויף דער פּאָדלאָגע מיט אַ שפּריץ, זיך גלייך אויפגעהויבן און אַן אויסגעשמירטס מיט רויטע פלעקן זיך גענומען טראָגן אין אַ ראָד, גיך, גיכער, ווי ס׳וואָלט משוגע געוואָרן. מיט אַמאָל האָט זיך דער חזיר צוגעזעצט, פאַרריסן דעם שנוק און זיך צעוויינט:

— כריו—וו—וו!

די באַזוכער האָבן כמעט פאַרגעסן, אַז קעגנאיבער קוילעט מען שעפּסן. די שעפּסן האָבן געשוויגן, צומאָל נישט אַרויסגעלאָזט קיין מע—ע. זיי האָבן זיך געטוליעט ביים אַריינקומען, שטיל געהאַנגען אויף די קייטן ביי די שלעפמאַשינען, נישט אויפגעהערט צו מאַכן מיט די פיסלעך, ווי זיי וואָלטן געזאָגט ווידוי. און ביים קוילענען האָבן זיי געשוויגן, אויסגעצויגן די פאָדערשטע פיס, געצוקט מיט די אַקסלען און שטיל, הוכט זיך, געכליפּעט, אין זיך, קיינער זאָל נישט הערן. אַזוי האָבן טאַראַם בולבעס „ברידערלעך״ געדאַרפט קוילענען יידן.

כ׳האָב געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון שלאַכטהויז, זיך מער נישט צוגעהערט וואָס דער „פירער״ דערציילט.

ס'האָט געשמעקט מיט געקאָכטע וועש, מיט אָנגעוואַרעמטער יאַטקע, מיט גאַרבאַרניעס, מיט חלשות.

דאָ האָט מען אָפּגעבריט די האָר, דאָ געשונדן די פֿעל. וועטערינאַרן אין ווייסן, ווי בעקערס, האָבן געבודקט. שנײַדמאַשינען האָבן געפּערטלט, געטרייבערט, געזעגט. קעסלען אוקראָפּ האָבן געפּאַרעט, אויוונס — געוועגדולט און קײן אײנער פֿון די עלף טויזנט אַרבעטער האָט נישט געזען ווי אַרום אים צאַפּלען זיך געקוילעטע נשמות.

בײַם אַרויסגאַנג, ווו מען האָט געבאַקן, געקאָכט דעם אויפּשניט, זײַנען געזעסן יונגע מײדלעך מיט גנבישע פּאַהלעך, מיט ממזרישע לעקעלעך. די ווײַסע פֿינגער מיט די מאַניקירטע נעגל האָבן אַראָפּגעכאַפּט פֿון די באַוועגלעכע טאַמבאַנקעס קאָשעקלעך וואַרעמען אויפּשניט, געשיקט געשטופּט די בלעטלעך אויפּשניט אין גלעזערנע סלאָיקעס, זיי פֿאַרשרויפּט מיט בלעכענע דעקלעך און מיט אַ שמייכל אויף די רויטע, אָנגעשמירטע ליפּן געזאָגט צו יעדן באַזונדער:

— מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָט ס'חזיר נאָך געלעבט! מיט אַ האַלבער שעה צוריק! לעבן מיר נישט אין אַ וווּנדערבאַרער צײַט?

כ'האָב שטאַרק חשק געהאַט אָנצוכאַפּן בײַם מײדל דאָס אָנגעפּודערטע שנוקל און עס אָפּצודרייען.

פֿאַרחושטע זײַנען מיר אַרויס אויף דער לופֿט, שטומע צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל און אונדזער שאָפֿער, דער שיקאַגער פּאַטריאָט, האָט זיך מער נישט איבערגענומען מיט די שלאַכטהײַזער.

.1929

ק ו ל ט ו ר

אין אַ געפּאַקטן וואַגאָן, ווו די באַהייצונג האָט געבריט די פיס, דער רויך פון סיגאַרן און סיגאַרעטן האָט געקרעלט די אויגן, איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. סיי די וואָס האָבן פאַרוואָרפן די קעפּ, פאַרמאַכט די אויגן, סיי די, וואָס האָבן אַריינגעקוקט ווער אין אַ צייטונג, ווער אין אַ בוך — ביי אַלעמען האָט געשוועבט דער מוח, עס האָט געצויגן אַ דרעמל צו טאָן.

צווישן די פּאַסאַזשירן איז געזעסן פלאַסטער, אַ ניו־יאָרקער לעקטאָר. ער איז געפאָרן קיין בעטל, ווו ער האָט געדאַרפט ריידן ביי אַ צווייג פון דעם אַרבעטער־רינג וועגן ווינטשעווסקין.

פלאַסטער איז ניט געווען אויפגעלייגט. פאַרן פאָרן האָט ער זיך געהאַט צעווערטלט מיטן ווייב. זי האָט אים נישט פאַרגונען, וואָס ער פאָרט יעדן זונטאָג אין אַן אַנדער שטאָט, זעט זיך מיט נייע מענטשן, ווען זי מוז בלייבן אין הויז מיט צוויי קליינע קינדער. אינמיטן פאָרן האָט פלאַסטער געביטן די וואַגאָנען, אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס, און די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט, געזוכט אַ דאַמע, צי אַ מיידל, ווו זיך צוצוזעצן. זיין בליק איז געפאַלן אויף זאַטע, צופרידענע פּנימער, אויף שאַכטלעך שאָקאָלאַד, אויף געשוואָלענע זונטאָג־צייטונגען, וואָס האָבן געוויגן אַ פונט און צוויי אַ נומער, און עס האָט פלאַסטערן אי פאַרדראָסן, אי וויי געטאָן, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד ליגט אין די הענט פון אַזוינע „בעביטס".

אין בעטל אויפן וואָקזאַל האָט אים קיינער נישט אָפּגעוואַרט. ער האָט אויפגעזוכט צווישן די פּאַפּירן אַן אַדרעס און האָט אָנגעקלונגען. אַ פרוי האָט אים געענטפערט:

— אָ, דאָס זענט איר, דער ניו־יאָרקער לעקטשורער?

— יאָ.
— מיין מאַן איז נאָר וואָס אַרויסגעפאָרן אייך באַגעגענען.
— זאָל איך צוּוואַרטן אויפן וואָקזאַל?
— געוויס, ער וועט יעדע רגע אָנקומען.

פלאַסטער האָט זיך געדרייט הין און צוריק איבערן שטיינערנעם וואָקזאַל, זיך איינגעהערט אין דעם הילך פון די אייגענע טריט, און דער פּאַרדראָס איז אין אים געוואַקסן. האַרט ביים וואָקזאַל, לעבן אַ פערד־שטאַל, זיינען געשטאַנען שאַפערס, סתם יונגען און עלטערע פאַרמערס. כמעט אַלע אין די בלויזע קעפּ. עס האָט זיי נישט געאַרט, וואָס אַ קאַלטער ווינט רויטלט די באַקן, די אויערן, די נעז. זיי האָבן געשפּילט אין פערדישע פּאָדקאָוועס מיט אַזוינע קולות און מיט אַזאַ האַרציק געלעכטער, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין גרעסערע פרייד אין לעבן.

עס איז אָנגעפאָרן דער סעקרעטאַר פונם אַרבעטער־רינג־צווייג. אַ שמאָל געפוצט מענטשל. דער שטייפער קאָפּעלוש ווילעריש אויף אַן אויער. ער האָט זיך געשאַרט צווישן די אויטאָמאָבילן, געוואָרפן רעכטס און לינקס:

פלאַסטער? — מיסטער פלאַסטער?

פלאַסטער איז אונטערגעגאַנגען. דער סעקרעטאַר האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן:

— נישט מיין שולד, פריינט פלאַסטער. די באַן איז היינט אָנגעקומען מיט פינף מינוט פריער. איך בין אין צייט.

ער האָט פלאַסטערן אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, אים געפירט צום אויטאָמאָביל. נאָך די ערשטע עטלעכע טריט האָט ער דעם לעקטאָר אָפּגעשטעלט און אים איינגערוימט:

— איידער וואָס ווען, פריינט לעקטשורער, האָב איך צו אייך אַ שטיקל בקשה. טאָקע אַ קלייניקייט — האָט ער אַ צי געטאָן צו זיך פלאַסטערן און גענומען שטעלן דראָבנע טריט — פון דער היים ביים פאַך בין איך אַ פריזירער, אַ דאַמען־פריזירער און אין בעטל האָב איך אַ באַרבער־שאָפּ, אַן איינגעצויגענע ביזנעס. איז וואָס? יאָ: האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר צוויי קאַסטימער, רייכע לייט, אַז דווקא איך זאָל זיי פירן קיין ניו־יאָרק אין אַ קאַבאַרעט...

אין אַ יידישן קאַבאַרעט, ווו עס טאַנצן... וואָס איז זיך דאָ צו שעמען? מיר זיינען דאָך ראַדיקאַלע מענטשן... ווו עס טאַנצן נאַקעטע מיידלעך... ע, ע, ע, פרײנט לעקטשורער, איר וועט זיך פון מיר ניט אַרויסדרייען — האָט דער סעקרעטאַר אַריינגעזעצט פלאַסטערן אינם אויטאָמאָביל, איז אַליין אויך אַריין און פאַרהאַקט נאָך זיך דאָס טירל — איר וועט מיר געבן דעם אַדרעס.

פלאַסטער האָט זיך אַ רוק געטאָן אינם ווינקל פונם אויטאָמאָביל, געדרייט מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם ריח פון אָדעקאָלאָן, פון שמעקעדיקע שמירעכצן, וואָס האָבן זיך געהערט פונם סעקרעטאַר. ער האָט נישט געוווּסט וווּהין און צו וואָס ער פאָרט. און צי דאַרף טאַקע אַזאַ פאַרשוין, וואָס חלומט וועגן אַ ניו־יאָרקער קאַבאַרעט און נאַקעטע מיידלעך, צי דאַרף ער אַ לעקציע וועגן סאָציאַלער פאָעזיע, וועגן ווינטשעווסקין?

פלאַסטער האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט טאַקע נישט געוווּסט פון אַזאַ קאַבאַרעט. און ווען ער וואָלט געוווּסט, ווי פאַסט עס פאַר אים, פאַר אַ לעקטאָר. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם שמועס:

— וווּהין פאָרן מיר?

— צום מיטינג.

— איך דאַרף זיך דאָך אַרומוואַשן פון וועג.

— ר'וועט זיך אַרומוואַשן, אַפילו איבערבייטן אויך, אויב איר זענט הונגעריק — איז דער סעקרעטאַר נישט געפאָרן, נאָר געפלויגן — מיר פירן זיך, אַז ס'קומט אַ לעקטשורער זיצט ער ביי אונדזער מיטינג.

די צוואַנציק מיטגלידער מיט די ווייבער, מיט די קינדער האָבן זיך קוים אָנגעזעצן אין דעם גרויסן פּרעקיקן זאַל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שפּייַכלער. די נאַקעטע ווענט האָבן פאַרגרעסערט די ליידיקייט, וואָס האָט אַזוי אויך געשווערט.

פלאַסטער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אומצוקוקן, ווי דער פאָרזיצער האָט אים צוגערופן און אים דערלאַנגט פאַפיר און פעדער:

— איר וועט אַזוי גוט זיין, פריינט לעקטשורער, אָנשרייבן וויפיל הוצאות איר האָט געהאַט און זיך חתמענען.

— צו וואָס דאַרפט איר עס? — האָט פלאַסטער דערפילט אויף זיך עטלעכע צענדליק פּאָר אויגן און דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין.

— איר פאַרשטייט, פריינט לעקטשורער, פאַראַן ביי אונדז יידן, וואָס האָבן שטענדיק טענות, זיינען אַלעמען חושד. ביי זיי קומט אויס, אַז די פאַרוואַלטונג לעקט אָפּ אַ ביינדל אפילו פון אַ לעקטשורער אייך, אַזוי, אַז איר שרייבט זיך אונטער, האָבן מיר שוואַרץ אויף ווייס!

בשעת פלאַסטער, אַ דערשלאָגענער, האָט אויסגעשריבן זיינע הוצאות, האָט די „גריוועגס קאָמיטע" געלאָזט וויסן אויפן קול:

— דערפאַר, וואָס גרין האָט אָנגערופן האַמערן „פּימפּ", וועט ער באַצאָלן צוויי דאָלאַר שטראָף.

— דערפאַר, וואָס קעלנער האָט ביים לעצטן מיטינג אויסגעהאַקט גאָלדשטיינען אַ פּאַטש, וועט ער באַצאָלן דריי דאָלאַר שטראָף.

די שווערע, אָפּגעאַרבעטע יידן, וואָס זיינען געזעסן ווי ביי אַן אָפּקומעניש, האָבן זיך ביים פּסק־דין אויסגעטשוכעט, געשמייכלט צו די פליישיקע ווייבער.

פלאַסטער האָט זיך געריבן די אויגן, נישט געוווּסט ווהין ער איז אַריינגעפאַלן. ער האָט געקוקט דורכן פענסטער, געזען ווי דאָ און דאָרט צינדן זיך לאַמטערנעס, ווי איבער די איין־שטאָקיקע הייזער ציען זיך ברייטע אויסגעקראָכענע וועגן, ציען זיך אין פאַרוואָרפענע ישובים, וווּ אַרבעטער־רינג־צווייגן פאַרנעמען זיך מיט קולטור.

ביים טיש איז געשטאַנען דער סעקרעטאַר מיטן פאַרלאָקטן קאָפּ. פון דער אייבערשטער רעקל־קעשענע האָט אַרויסגעשטעקט אַ ביינערנער קאַם. ער האָט אַפּעלירט צום עולם:

— פריינדע, ווי איר זעט שפּאָרט ניט די פאַרוואַלטונג קיין מי. יעדן צווייטן זונטאָג ברענגען מיר אַראָפּ פון ניו־יאָרק אַ לעקטשורער. דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. דעריבער אַפּעלירן מיר צו אייך, פריינדע, יעדער פון אייך זאָל אַריינשטעקן די האַנט אין קעשענע און ביישטייערן וויפיל ער קען.

דער סעקרעטאַר האָט אַ הייב געטאָן פון טיש אַ טעלער און דער טעלער האָט אָנגעהויבן גיין צווישן עולם, און ווען דער עולם איז געוואָרן אויפגערוימטער, לעבעדיקער, זיך געגרייט אויסצו=הערן די לעקציע, האָט פלאַסטער אַראָפגעלאָזט די אויגן. ער האָט נישט געקענט הערן דעם קלימפּער פון די מטבעות, ווי זיי וואָלטן נישט געפאַלן אינם טעלער, נאָר אָפּגעהילכט ווי דער קלימפּער פון דער „תציל=ממות“=פּושקע. און אַז ער האָט דערהערט, ווי מען רופט אויף דעם „באַוווּסטן לעקטשורער פון ניו=יאָרק“, האָט פלאַסטער, אַ דערשלאָגענער, אַ ווייטער פון סאָציאַלער פּאָעזיע, זיך אַוועקגעשטעלט ריידן.

דעטראָיט

יעדעס מאָל ווען כ'טו אַ קוק דורך מיין פענסטער, וואָס אויפן ניינטן שטאָק, דאַכט זיך מיר, אַז קיין דיטראָיט איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. דאָס האָט מען אַהער געבראַכט שטיקער פלעטבוש, שטיקער בראָנזוויל און זיי צעוואָרפן מיט דער ברייטער האַנט אויף מיילן.

ס'גלאָצן צו מיר אַרויף אָפּגעקראָכענע, „אָפּגעשאָסענע" דעכער געדעקט מיט פאַפּ, מיט סמאָלע, אָנגעפּיקעוועט מיט שרייענדיקע קוימענס פון רויטן ציגל, מיט ראַדיאָ־דראָטן. צווישן דעם אָנגעוואָרפענעם „דאַכווארג" רייסט זיך דאָ און דאָרט אַ וואָלקנקראַצער מיט קליינשטעטלדיקער גאווה, שטערט די אַרומיקע רחבות און ס'ווילט זיך אַ געשריי טאָן:

„העי, דראָנג, טו אויס ס'היטל און זעץ דיך!

דערפאַר קאָן זיך דיטראָיט איבערנעמען מיט אירע אויטאָמאָבילן. גאַנצע טעג ציען זיך איבער די גאַסן קאָלירטע פאַסמעס אויטאָמאָבילן, שטייען אויסגעשטעלט אויף יעדן ליידיקן פלאַץ, ווי אַרמייען, און ווו אַ קער הענגט אַ שילד: „יוזד קאַרס" *. און ס'קומט אויס, אַז ניט די בירגער האָבן די טעג דורכגעוואָרפן דעם פלאַן צו בויען אין דיטראָיט אַ סאָבווי, נאָר די גענוצטע אויטאָמאָבילן, וואָס שטייען אויף יעדער גאַס און געסל, ווי „העגט", וואָס זוכן אַרבעט. אויף יעדער מאַשין איז אויסגעשריבן מיט קרייד דער שפּאָט־ביליקער פּרייז — נאַ, קויפט!

דער יידישער ישוב, וואָס האַלט זיך אין איין איבערטאַשעווען, וואַנדערט פון איין פלאַץ אויפן צווייטן מיטן וווּקס פון דער שטאָט,

---

* „יוזד קארס" — גענוצטע אויטאָמאָבילן.

באַשטייט פֿון אַ זיבעציק טויזנט נפֿשות. כ׳בין דורכגעפֿאָרן אַ געגנט, וווּ ייִדן האָבן נאָך מיט אַ פֿינף יאָר צוריק געוווינט. הײַנט איז די געגנט באַזעצט מיט נעגערס. פֿון דעם ייִדישן ישוב איז געבליבן אַ זכר — אַ תּלמוד־תּורה, גרויס ווי אַ „פּאָבליק סקול". די געבײַדע פּוסטעוועט. די שוואַרצע אײַלן זיך ניט אָפּצוקויפֿן די געבײַדע, זײַנען זיכער, אַז מען וועט די תּלמוד־תּורה סײַ־ווי־סײַ זיי אָפּגעבן אָן געלט. דערווײַל קלײַבן זיך דאָרט נעגערלעך, וואַרפֿן שטיינער אין די אויסגעהאַקטע שויבן, וויגן זיך אויף די צעפּראַלטע טירן, טראָגן זיך דורך טיר און פֿענצטער ווי שדימלעך.

וויפֿיל לאַנדסמאַנשאַפֿטן איר האָט אין ניו־יאָרק, אַזוי פֿיל האָט איר אין דיטראָיט. דער מאַסשטאַב איז נאָר אַ קלענערער. אַ דיטראָיטער תּושבֿ האָט מיר אָנגעציילט מיט איין אָטעם הונדערט און אַכציק חבֿרות. אויף דער ייִדישער גאַס הערט מען פֿון זיי ניט. דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס אַחוץ „ביזנעס" לעבט דער פּשוטער ייִד מיט זײַן בית־מדרש, מיט זײַן חבֿרה, מיט דער היים, וואָס אויף יענער זײַט ים.

דער אימיגראַנט האָט זיך אַזוי איבערגעפּרעסן מיט דער אַמעריקאַנער שפּע, אַז אַפֿילו מאַרצעפּאַנעס האָבן אים אויפֿגעהערט צו שמעקן. מען לעבט נאָך אַלץ מיט פּוילן, מיט ליטע, מיט אוקראַינע. דאָרט איבערן ים איז נאָך אַלץ בײַם פּשוטן ייִד דער „משכּן של מעלה", וווּ מען האָט די נשמה איבערגעלאָזט, און אַהער קיין אַמעריקע האָט מען געבראַכט דעם טייוול, וואָס ווייס ניט פֿון קיין שבת, פֿון קיין יום־טובֿ, רק מען אַרבעט, נאָר מען אַרבעט.

און ניט בלויז בײַם לעבן גרופּירט מען זיך אין חבֿרות, נאָר נאָכן טויט אויך. דער דיטראָיטער בית־עולם, פּונקט ווי אַ ניו־יאָרקער, איז צעשניטן אין קוואַדראַטן. אַ קוואַדראַט מיט אַן אײַזערנעם פּלויט, מיט אַ געשניצטן טויער. און איבערן טויער באַגעגענען אײַך גאָלדענע אותיות, דערציילן, אַז ניט נאָר בײַם לעבן, אַז אַפֿילו נאָכן טויט גרופּירן זיך ייִדן לויט די שטעט און שטעטלעך, פֿון וואַנען זיי קומען. אויפֿן בית־עולם זעט איר איצט, אַז דער בית־מדרש־ייִד האָט זיך אין די שטאַטן ניט אײַנגעפּונדעוועט, אָפּגעאַרבעט אַ לעבן פֿאַרן טייוול און די נשמה האָט ער געלאָזט אין דער אַלטער היים. און

ס׳כאַפּט אַ מורא אָן — אַפילו דער טויט האָט ניט אָפּגעווישט ס׳בענקעניש.

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דיטראָיט דרייט זיך אַרום די פּאַרטייען און קינדער-שולן. פאַראַן דריי שלום-עליכם-שולן מיט אַ מיטלשול, צוויי לינקע, צוויי פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד און אַן אַרבעטער-רינג-שול. ברענגען די שלום-עליכם-שולן אַראָפּ אַ לעקטאָר, צי אַ שרייבער פון ניו-יאָרק, איגנאָרירן די איבעריקע שולן דעם גאַסט. און פאַרקערט אויך. יעדע פאַרטיי מאַכט שבת פאַר זיך, צעפּיצלט און צעברעקלט זיך. וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ געראַנגל צווישן קולטורן, קלאַסן שטייען באַוואָפנטע איינער קעגן צווייטן, יעדער איינער וויל איבעראַנדערשן די וועלט? דאָס וואָלט גוט געווען. ס׳איז אָבער ווייט דערפון.

די צוויי נעכטיקע שכנים — ביידע רייכע „ריעל עסטייטניקעס", רייכע „בילדערס", רייכע פאַבריקאַנטן, וואָס פלעגן שטיצן יידישיסטישע אינסטיטוציעס — האָבן איבערנאַכט געקראָגן „שטאַנדפונקטן". איינער איז אַוועק רעכטס, דער צווייטער — לינקס. ס׳איז באַקוועמער, ס׳פאַרקלענערט די אחריות, מאַכט לייכטער דעם עול און שווערער די קעשענע. דאָס האָט מען זיך גענומען אַפילו אין דער פילאַנטראָפּיע אײַנצופירן „סעקשאָן וואָירק"*. שטיצט איינער די דעקלאַסירטע יידן, איז בּיראָ-בּידזשאַן בּיי אים טריף — און וויצע-ווערסאַ. דער אמתער שאַפּ צי פאַבריק-אַרבעטער דאַרף זיך פונקט אַזוי שלעכט פילן (און אפשר ערגער) ביים לינקן חבר אין פאַלאַץ, ווי ביים רעכטן בורזשוי. און ביידע, אָן באַנעמעניש, וווינען זיך אין פּאַלאַצלעך, קומען זיך אַפילו צונויף בּיי אַ קערטל צי בּיי אַ שמחהלע. מען איז דאָך ניט קיין ווילדע „דזשיקאַנער", מיר זיינען דאָך עפּעס „בני-רחמנים", ליידן מיר מיטן אַרבעטער, זעען, ער זאָל ניט פאַרשוואַרצט ווערן, ער זאָל ניט בלייבן קיין „בידנער" בעל-מלאכה, ווען ביים האַנדל קאָן מען „אָפּזשיפּען", אָפּאָטעמען. אַ פּאַרוואַלטער פון פאָרדס פאַבריק האָט מיר געזאָגט, אַז

* „סעקשאָן וואָירק" — שטיק-אַרבעט.

פון די זעקס טויזנט יידישע אַרבעטער בײַ פאָרדן זײַנען היינט צו טאָג געבליבן זעקס הונדערט. וואָס איז געוואָרן פון די פינף טויזנט פיר הונדערט אַרבעטער? וועגן דעם הערט מען קיין וואָרט ניט.

כ׳האָב זיך באַגעגנט אין דיטראָיט מיט פינסקין, מיט מאַני לייבן. יעדער פון אונדז איז געקומען צו אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע. מאַני־לייב און פינסקי, וואָס זײַנען שוין אין ניו־יאָרק איבער אַ פערטל יאָרהונדערט, האָבן צופעליק געדאַרפט זיך באַגעגענען אין דיט־ראָיט, זיי זאָלן זיך באַקענען, זיי זאָלן כאַפּן אַ חברישן שמועס. און דווקא מיר, דריי ניו־יאָרקער שרייבער, האָבן צונויפגעבראַכט אַלע דיטראָיטער ריכטונגען אונטער איין דאַך. געקומען זײַנען לינקע און לינקע מיט אַ רעכטן אָפּנויג, געקומען זײַנען רעכטע און רעכטע מיט אַ לינקן אָפּנויג. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די „פּועלי־ציון" האָבן נאָך אין דיטראָיט „מאַסן" און אַפילו די ס. ט. האָט נאָך אָנהענגער. גערעדט האָט מען וועגן פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור, ריכטיקער האָט דער עולם אַרויסגערופן דעם שמועס. און איין קלייניקייט: פינסקי און מאַני־לייב, וואָס זײַנען איבער אַ פערטל יאָרהונדערט געווען פרעמדע, זיך אַפילו ניט געקענט, האָבן בײַ דער ערשטער באַגעגעניש כמעט אײַנגעשטימט. קיין חילוקי־דעות — נישטאָ קיין פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. גיי ווייס דעם כּוח פון אַ פערטל יאָרהונדערט זיך ניט קענען!

דאָס שיינדל פון די יידישע שולן איז די אומפּאַרטייִשע מיטל־שול, ווּ דער פּאַרוואַלטער איז חבר בערקאָוויטש. איך האָב געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט די תּלמידים — פּופצן־און זעכצן־יאָריקע בחורים און מיידלעך. זיי האָבן געהאַט טענות, שטאַרקע טענות, צו דער יידישער ליטעראַטור, צו די יידישע שרייבער. מען האָט מיך באַשאָטן מיט קשיות, און טייל גערעכטע קשיות:

— פאַרוואָס האָבן מיר ניט וואָס צו לייענען אין יידיש?

— אַזאַ אַלט פאָלק, דאָס „עם הספר", און אַזוי אָרעם אין שיי־נער ליטעראַטור!

— און דאָס וואָס מיר לייענען איז פול מיט „סעקס", ס׳מוז עפּנט זיך ניט דורכצורײדן זיך וועגן דעם איבערגעלייענטן מיטן לע־רער!

— און וואָס פּאַשען אונדז די לערער דווקא מיט אַמעריקאַנער טעמעס? פּיל אינטערעסאַנטער צו לייענען וועגן יידישן לעבן אין פּוילן, אין ראַטנלאַנד! דאָס אַמעריקאַנער לעבן קענען מיר!

— כ׳בין ניט איינשטימיק — שרייט אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן, רויטלט זיך און קאָן זיך ניט דערשלאָגן צום וואָרט. — איז אַ בוך גוט, קינסטלעריש, זיינען די „סעקס״ קאַפּיטלעך אויך גוט, ס׳וועט קיינעם ניט שאַטן, אַז מען וועט זיך דורכריידן וועגן זיי. פאַרקערט — איז ס׳בוך ניט קינסטלעריש, איז עס שלעכט מיט „סעקס״, צי אָן „סעקס״.

— כ׳זע גלאַט ניט וואָס מען האָט טענות צו דער יידישער ליטעראַטור? — רוקט זיך אַרויס אַן אָפּגעבערענט בחורל מיט אַ „פּאָעטישן״ קאָפּ האָר. — פאַרוואָס האָט דער קלאַס קיין טענות ניט צו דער מאָדערנער אַמעריקאַנער ליטעראַטור? שוירוווד אַנדערסאָן איז בלויז געשלעכט און אַלע דאָ אין קלאַס לייענען אים, לעקן די פינגער און גאָרנישט!

— מיר געפעלט טאַקע ניט שוירוווד אַנדערסאָן!

— „וויקטאָריע״ איז אויך אַ ראָמאַן, אַ ליבע... און אַזוי איידל — האָט אַ מיידל זיך אַזוי פאַרפלאַמט מיט די פּאָר ווערטער, אַז די איבעריקע מיידלעך האָבן אויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— נו, און כטעמפּעניום ליבע?

— און די ליבע אין „קידוש השם״?

— איך רייד וועגן „אָנקל מאָזעס״ ליבע — האָט דאָס פאַרפלאַמטע מיידל אַ שטאַמל געטאָן. — דאָס קאָן מען ניט לייענען אין קיין קלאַס.

— לאָזט מען דורך דאָס קאַפּיטל.

אַזוי בין איך געזעסן ביז אַ שטיק אין אָוונט אַריין מיט די יונגע יידישע אַמעריקאַנער לייענער, געהערט ווי מען באַוואַרפט מיך מיט גערעכטע קשיות און טענות און כ׳האָב אָנגעקוואָלן. איבער מיר פון דער וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט שלום-עליכם און פרץ און גוטמוטיק זיך צוגעהערט צום שמועס.

.1929

אין דער פראָווינץ

דער רעגן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון ביינאַכט, האָט געשמיסן אין די טאָפּלטע פענסטער פון וואַגאָן, געפּויקט איבערן בלעכענעם דאַך און האָט אויסגעזען צו ווערן שטאַרקער מיט דער שנעלקייט פון דער באַן, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די פלאַכע אָהייאָ-פעלדער.

ס'איז געווען זונטאָג נאָכמיטאָג. פּאַסאַזשירן האָבן געגענעצט איבער געשוואָלענע זונטאָגדיקע צייטונגען, געדרעמלט, געשפּילט אין פּאָקער.

אַ נישט-איבערגעלייגטער בין איך געזעסן ביים פענסטער, געקוקט ווי דער רעגן שטופּלט די שויבן, ווי דער לאָקאָמאָטיוו וואַרפט אַרויס מילכיקע קנוילן רויך, וואָס בלייבן שטיין אין חלל ווי וואַטאָווע אותיות, און די צעווייקטע פעלדער רויטלען זיך פון נאַסקייט.

דאָס אומבאַקאַנטע שטעטל, וווהין איך בין געפאָרן אויף אַ לעקציע, האָט געהאַלטן אין אַיינלויפן, איז קלענער געוואָרן ביי מיר אין די אויגן, און אַז דער צוג האָט זיך דערנענטערט צום וואָקזאַל, האָב איך זיך אַליין געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ משוגענער וועט אין אַזאַ גוס רעגן מיך קומען הערן ריידן?

דער וואָקזאַל איז כמעט געווען ליידיק. פון וואַרט-זאַל האָבן זיך אַרויסגערוקט עטלעכע יונגעלייט אין רעגנמאַנטלען, אין קאַלאָשן. זיי האָבן מיר געגעבן שלום, אַ כאַפּ געטאָן מיין וואַליז און מענטשן, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזען, זיינען מיר געוואָרן נאָענט. זיי האָבן פאַרצויגן אַ שמועס, וואָס איך האָב אים אָנגעהויבן ערגעץ אין ניו-יאָרק, אין וואַרשע, אין מאָסקווע.

אַ יונגערמאַן מיט אַ קאָפּ קרייזלעך, און מיט די „ליטעראַרישע בלעטער“ אין קעשענע, האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ווי אַן אַלטן חבר, געפירט צום אויטאָמאָביל. ער האָט גערעדט אין געהאַקטע שורות. די ווערטער, וואַגיקע, זיינען געפאַלן איבער דער נאַסער פלאַט־פאָרם ווי טראָפּנס רעגן:

— מיר האָבן דאָ אין שטעטל צוויי קינדער־שולן.

— ריכטיקער, צוויי האַלבע קינדער־שולן.

— אַ רעכטע, אַ לינקע.

— מיר האָבן אַ כאָר.

— אַ שטיקל דראַמאַטישע סטודיע.

— דאָס אַליין — האָט דער מיט דעם וואַליז אַ הייב גע־טאָן די האַנט ווי אַ דיריגענט.

— דאָס איז אונדזער גאַנץ ביסל עשירות — האָט דער דריי־טער אַן עפּן געטאָן כ׳טירל פון דער מאַשין — ס׳איבעריקע זיינען תּלמוד־תּורה־יידן, חברות, מנינים, מיט איין וואָרט — שימל. מען קאָן דעם עולם צו קיין אונטערנעמונג נישט צוציען. פאַלט טאַקע די גאַנצע אַרבעט אויף אַ קליין הייפעלע מענטשן.

כ׳בין אַריין אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל, און איידער מען האָט צייט געהאַט מיר איבערצוגעבן די מערקווערדיקייטן פונם שטעטל, האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט:

— אָט זיינען מיר שוין!

— וווּהין פאַרפאָרן מיר? — האָב איך זיך געפרעגט.

— אַזוי ווי מיר האָבן נאָך אַ פּאָר שעה צו דער לעקציע — האָט דער, מיט די „ליטעראַרישע בלעטער“, מיך אַריינגעפירט אין אַ פּריוואַט הויז — וועט איר דערווייל זיין מיין גאַסט. מיין נאָמען איז גרינשפּאַן. איר הערט אוודאי דעם נאָמען ס׳ערשטע מאָל. דאָ אָבער אין שטעטל בין איך אַליין — דער פאָרזיצער, דער „טרעזשורער“...

— ווען נישט חבר גרינשפּאַן — האָבן ביידע באַגלייטער אַרויס־געהאָלפן — וואָלטן מיר דאָ קיין קינדער־שול נישט געהאַט, קיין „דרייוו“ פאַרן איקאָר נישט געמאַכט... אַליין ליגט אויף זיינע פּלייצעס!

— יאָ, חבר אָפּאַטאָשו — האָט גרינשפּאַן אי זיך פאַרלוירן,

אי הנאה געהאַט פון די שבחים, וואָס מען זאָגט אים אין די איגן — מיר וועלן צוזאַמען עסן אָונטבּרויט, אויכהערן אַ גרוס... איר דאַרפט וויסן, אַז אין דער פּראָווינץ איז דער עולם אויסגעהונגערט נאָך אַ וואָרט... אַ פּאַרטיי־חבר כאַפּט זיך נאָך אַמאָל אַריבער צו אונדז, אָבער אַ שיין־שרייבער — זעלטן.

דאָס גרויסע עסצימער האָט אויסגעזען יום־טובדיק. אַ לאַנגער פּירעקיקער טיש איז געווען געדעקט ווי אויף אַ שמחה. צוגעבּרוינטע בּולקעלעך, געהאַקטע און מאַרינירטע הערינג, איילבּירטן, היימישע קאַראַפּינקעס ווײַן, זיינען געווען צעשטעלט איבערן ווייסן טישטעך.

צווישן די בּענקלעך האָבּן זיך געטראָגן יינגלעך, מיידלעך, געלאָפן פון איין צימער אין צווייטן, ווי זשרעבּעקלעך.

יונגע מאַמעס מיט קרישקעלעך אויף די הענט זיינען געזעסן פאַררויטלטע, שעמעוודיקע, געהעצקעט סקליינוואַרג, וואָס האָט אויסגעדרייט די הענט, געריסן בּיי די מוטערס די האָר, די נעז, זיך געצויגן מיט די הענטלעך צו די עלעקטרישע פלעמלעך, געגודערט.

די מאַנסבּילן, אָפּגעבּרענטע, אָפּגעאַרבּעטע, זיינען געזעסן שווערע אַרום טיש, ווייניק גערעדט. און דאָס וואָס דער רעגן איז געפאַלן אויף דער הילצערנער וועראַנדע מיט אַ קלימפּער, געפּאַטשט אין די שויבּן — דאָס האָט געווירקט דער עולם זאָל זיך רוקן איינער צום צווייטן, פאַרציען ווער אַ סיגאַר, ווער אַ סיגאַרעט.

ס'האָט געשמעקט מיט יום־טוב, מיט ווינדלעך, מיט משפּחה.

גרינשפּאַן איז אונטערגעקומען מיט צוויי יינגלעך. הינטער אים איז געשטאַנען ס'ווייבּל, אַ יונגע מיט רויטע בּאַקן, ווי זי וואָלט היינט אַריבּערגעקומען פון אַ דאָרף. זי האָט געהאַלטן אַן אויסגעקנאָטן קינד.

— בּאַקענט אייך מיט מיין משפּחה — האָט גרינשפּאַן זיך געשמאָלצן פון נחת — דאָס איז מיין בּכור, פישל הייסט ער, איז אַלט עלף יאָר. דער יינגערער, משה'לע, איז ניין און דאָס פּיצעלע איז זיבּן חדשים.

— דער עלטערער איז אַן אמתער פּאָעט — איז די פאַררויטלטע מאַמע רויט געוואָרן — ער רעדט בּיי אונדז אין גראַמען.

— לאָז, לאָז — האָט דער פאָטער אָפּגעשפּאַרט ס'ווייב מיט דער האַנט און אַוועקגעשטעלט דעם עלף־יאָריקן בכור אַזוי, אַז ביים יינגל איז די מראה אַוועק פון פנים — פישל, זאָג דאָס ליד וועגן פרילינג!

— שעם דיך ניט, פישל, זאָג — איז דער לערער אויסגעוואַקסן מיט אַ העפט, וווּ ס'ליד וועגן פרילינג איז געווען פאַרשריבן.

ס'איז געוואָרן שטיל. ס'האָט זיך געהערט ווי די זייגער־קינדער וואָרקען און ווי דער רעגן שמייסט אין די פענסטער.

פישל האָט אַ שנוף געטאָן מיטן נעזל, געקוקט מיט פאַרלאָרענע אויגן אויפן לערער. דער לערער האָט אָנגעהויבן די ערשטע שורה:

„נאָכן ווינטער קומט דער פרילינג"...

די ווערטער, דראָבנע, זיינען געפאַלן פון פישלס מויל מיט אַ קלונג, ווי ער וואָלט געשאָטן טרוקענע אַרבעס אין אַ מעדניצע.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט. די מאַמע, אַ פאַרפלאַמטע, האָט געטאָרקלט דעם פאָעט:

— פישל, האָסט דאָך אַ לידל וועגן האַרבסט אויך? — און בשעת מעשה האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר — וועגן וואָס שרייבט דאָס נישט? אַ דאגה ביי אים אַ לידל!

— נו, חבר אָפּאַטאָשו — האָט דער באַלעבאָס זיך צוגעזעצט לעבן מיר — זאָגט מיט אַן אמת, די לידער טויגן צו עפּעס? כ'מיין, ס'איז גוטע לידער?

— גוטע, גוטע.

אַ קליינע, דאַרע מאַמע האָט צוגעפירט אַ מיידל, וואָס איז געגאַנגען אָן השק. די קליינע מאַמע איז געווען פון אַרום בערדיטשעוו, נישט געקענט אַרויסריידן קיין האַ און דאָרט, ווו מען האָט נישט געדאַרפט קיין האַ, האָט זי יאָ אַרויסגערעדט. זי האָט גערעדט צו גרינשפאַנען און געקוקט אויף מיר:

— אַייער פישעלע איז טאַקע אַ „פּאָהעט", אָבער מיט מיין העלענען האָב איך זיך אויך נישט וואָס צו שעמען! זי שרייבט ענגלישע לידער, וועט „מירצעשעם" שרייבן יידישע אויך... נו, העלען, שעם זיך נישט...

— וואָס לידער, ווען לידער — האָט זיך אַ מאַנסביל אַרויס־געשאַרט פון הינטערן טיש — מיר זיינען געקומען הערן אַ גרוס פון רוסלאַנד, נישט קיין לידער!

— גערעכט — האָט זיך אַ צווייטער אַ הייב געטאָן — לאָמיר לי־בערשט עפּעס נעמען אין מויל אַריין! אַ קאַפּיטשקע ווייַן!

— נו, קומט עסן, קומט — האָט דער באַלעבאָס מיר גענומען רוקן איין טעלער נאָכן צווייטן — מיר האָבן דאָך אַוועקגעשטעלט צום עסן!

— חבר אָפּאַטאָשו, איר זייט טאַקע געווען אין אָדעס אויך? — האָט זיך צו מיר אַ בויג געטאָן אַ פּאַרשוין אין אַ לעדערנעם רעקל.

— געווען.

— טאָ ווי זעט איצט אויס אָדעס? — האָבן די אויגן ביי אים זיך אַ צונד געטאָן — שיין ווי אַמאָל?

— אָדעס איז שיין.

— הערסט, ליובאָטשקע — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן סווייב פאַרן האַנט. — ז' י' זאָגט, אַז אָדעס איז נאָך אַלץ שיין! מיר זיינען דאָך געבוירענע אָדעסער! מיר האָבן דאָרט געאַרבעט ביז 1922. כ'בין געווען קאָמיסאַר איבער דרוקערייען, איז מיר איינגעפאַלן אַ משוגעת דאָ אַהערצוקומען, פּעדלען מיט אַ וואָגן אויבסט... אַי, חבר אָפּאַטאָשו, אָדעס, אָדעס, אָדעס! ווי קומט מען צוריק אַהין? אָבער פּושקינסקאַיאַ איז אַ שיינע גאַס, האַ?

— זייער שיין.

— הערסט, ליובאָטשקע? ווער עס רעדט אַ שלעכט וואָרט אויף ראַטנלאַנד, מעג אים סמויל פאַרקרימט ווערן!

— מיר וועלן גיין — האָט דער באַלעבאָס מיר צוגעטראָגן דעם מאַנטל — שוין דאָ אַן עולם.

אויף דער גאַס האָט געכליאַפּעט. די אויטאָמאָבילן האָבן גע־סאָפּעט, זיך געברוגזט און איך האָב אַלץ נישט געגלייבט, אַז אין אַזאַ שלאַקסרעגן זאָל קומען אַן עולם הערן אַ לעקציע.

1929

אין ראַטנפאַרבאַנד
1928

אויף דער גרענעץ

די באַן דערנענטערט זיך צו דער פּוילישער גרענעץ. איבער אַ קליין געמויערט הײַזל, ווו מען זעט קיין ציווילן מענטשן ניט, ס'דרייט זיך בלויז די גרענעץ-וואַך מיט ביקסן, דווקא דאָ הענגט אַ ריזיקער פּוילישער אָדלער געגאָסן פון גיפּס. די וואַגאָנען זײַנען כמעט ליידיק. מען רעדט נישט, מען רופט נישט אויס די סטאַנציע און עס ווערט אומהיימלעך. אין פעלד צווישן בייטן גרינס זיצט אַ פּויערטע און אַרבעט. דערלעבן פירט אַ געשפּאָרעטער האָן עטלעכע הינער, גייט גדלותדיק, דעם קאַם פּאַררייסן, ווי אַן אָפּערע-זינגער.

דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, גליטשט זיך צווישן סאָסנאָוון וואַלד אַ מינוט, צוויי און בלייבט שטיין אין אָפענעם פעלד פאַר אַ הילצערנער געביידע, ווו ס'הענגט אַ רויטע שילד — פ. ס. ס. ר. — די מלוכה פון אַרבעטער קלאַס.

אַ יונג אין שטיוול ביז איבער די פּאַכוועס שפּרינגט אַרויס פון דער געביידע מיט אַ פּעקל בריוו. בײַ זײַן ברייטן לעדערנעם פּאַסעק, וואָס נעמט אַרום די גרייע בלוזע, הענגט אַ רעוואָלווער. ס'פּנים איז בײַ אים קינדיש, די אויגן בלוי. מיט צוויי שפּרייז איז דער יונג אין וואַגאָן. נאָך אים אַ צווייטער אין בלויזן קאָפּ מיט אַ גאָגאָל-פריזור. ס'העמדל מיט טראָלדן גרוי, דערמאָנט אַן אַמאָליקן רוסישן עקסטערן.

דער לאָקאָמאָטיוו נעמט ווידער סאָפּען, לאָזן קוימענס רייך. אויף די פעלדער זיצן פּויערטעס, גראָבן, יעטן, ווי אויף דער פּוילישער זײַט. די רוסישע גרענעץ-וואַך שפּאַצירט איבער די ליידיקע וואַגאָנען, דערנענטערט זיך צו מיר:

— בירגער, זייט אַזוי גוט, אײַער פּאַס.

— אַ, אַן אַמעריקאַנער פּאַס, — שמייכלען די בלויע אויגן, ס׳יונגע פּנים.

ס׳ווערט היימלעכער, ס׳ווילט זיך פרעגן, פאַרוואָס די טאַשמע אויף דײַן היטל איז בלוי, צי זײַן חבר מיטן שווײַבער האָר איז טאַקע אַן עקסטערן, צי די פּויערטעס, וואָס זיצן און יעטן בײַטן גרינס אויף דער רוסישער זייט, חברן זיך מיט די פּויערטעס פון פּוילישער זייט. די צונג טוט זיך אַ דריי און איך פרעג:

— ווייט קיין שעפּעטאָווקע?

— אָט איז שעפּעטאָווקע, בירגער.

אַ טרעגער מיט קאַלמיקישע אויגן נעמט מײַנע וואַליזעס, טראָגט זיי אין צאָל־קאַמער. מען צעלייגט דאָס געפּעק אויף לאַנגע טאָנ־בענק, וואָס זײַנען צעשטעלט איבערן גרויסן זאַל ווי אַ „חית“. די ווייסע ווענט זײַנען אויסגעהאַנגען מיט שרייעדיקע פּלאַקאַטן, מיט ידיעות וועגן מיטינגען, וועגן ליטעראַרישע אָוונטן. ס׳העגנען גע־כתיבעטע שול־פּראָגראַמען. אויף די אָוונטקורסן לערנט מען עקאָ־נאָמיע, סאָציאָלאָגיע, פון אַריטמעטיק ביז העכערער מאַטעמאַטיק. די באַאַמטע, די טרעגער, די פּעקער זײַנען כמעט אַלע יונגע מענטשן, ווייניק אין מיטעלע יאָרן און קיין אַלטע לייט זעט מען כמעט נישט. כ׳קוק איבערן עולם, אויף די פאַרקלעפּטע ווענט און ס׳גלייבט זיך מער נישט, אַז כ׳געפין זיך אין אַ רוסישער טאַמאָזשנע. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז כ׳בין אין ניו־יאָרקער אַרבעטער־אוניווערסיטעט צי אין קאָרידאָר פון רענד־סקול.

כ׳פרעג מײַן טרעגער מיט די קאַלמיקישע אויגן, צי ער באַ־זוכט די אָוונטקורסן.

— איך נישט, בירגער, צו שווער, — און ער לייגט צו די פינגער צו זײַן קליינעם שטערן — מײַנע חברים לערנען. אָט דער מיט די געקרײַזטע האָר, וואָס פאַרקלאַפּט דעם קאַסטן, דער זיצט אויף גאַנצע נעכט און לערנט.

די רעוויזיע געדויערט נישט לאַנג. צומיינסטן זוכט מען „וואַ־ליוטע“. מען טאָר נישט אַרײַנפירן קיין טשערוואָנצעס, וואָס מען קען אײַנהאַנדלען פאַר פופציק פּראָצענט אין אייראָפּע. אַ דאַמע צע־

ווינט זיך. בײַ איר אין אונטערקלייד זײַנען צען פּאָר זײַדענע זאָקן אײַנגעפּאַסטריגעט. מען געפינט בײַ מיר אין דער וואַליזע ביכער, מאַנוסקריפּטן. דער שײגעץ, וואָס רעווידירט מײַנע זאַכן, אַנטשולדיקט זיך, וואָס ער פאַרשטייט נישט קיין יידיש און ער רופט צו אַ חבר, אַ ייד. ס׳קומט אונטער אַ זשוואַווער בחור, קוקט אַרײַן אין „פערד־גנב“ און ס׳פּנים בײַ אים לויכט אויף:

— זענט איר אָפּאַטאָשו?

ער דריקט מיר די האַנט. ס׳ווערט ליכטיקער אין די אויגן, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אויך אַ צד אין דער משפּחה.

דער טרעגער נעמט מײַן געפּעק, טראָגט עס אין דער רוסישער באַן, וואָס גייט קיין כאַרקאָוו. וואַגאָנען ברייטע, באַקוועמע, צו פיר מענטשן אין אַ קופּע. מיט מיר זיצט אַ דײַטש, וואָס פירט אין אַ דרוקערײַ אַ נײַעם סאָרט „לינאָטיפּ“־מאַשין. ער רעדט קיין וואָרט רוסיש ניט און פילט זיך פאַרלוירן. ס׳קומט אַרײַן אַ ברייט־ביניקער מאַן אין מיליטערישע קליידער. ס׳פּנים אַ יידישס. ער דערקענט אין מײַן מאַנטל, אָן די שיך, אַז כ׳בין אַן אַמעריקאַנער. מיר צערײדן זיך. כ׳קוק זיך אײַן אין דעם אויבל (מעדאַל), וואָס ער טראָגט. אויפן אויבל איז אויסגעקריצט דזשערזשינסקיס בילד.

— וואָס איז דאָס, אַן אויסצייכענונג? — פרעג איך אים.

— יאָ, — צעשמייכלט ער זיך, — כ׳בין אַ טשעקיסט, איצט רופט מען עס ג. פּ. או. איר, אין אויסלאַנד, האָט זיך אוודאי אָנגעהערט שווידערלעכע זאַכן וועגן אונדז. ווען נישט מיר, די איבערגעבנסטע קאָמוניסטן, וואָלטן די שונאים פון סאָוועטנמאַכט שוין לאַנג אַרײַן אין זאָטל. און ער רעדט מיטן יידישן אַקצענט, דערציילט מיר די געשיכטע פון טשעקאַ. ער קען זיך נישט זאַט אָפּלויבן דזשערזשינסקין, דערציילט, ווי ער, דער טשעקיסט, האָט דורכגעמאַכט אַלע באָלשעוויסטישע מלחמות, אָנגעפירט מיט אַ באַטאַליאָן זעלנער, ווי די „ווײַסע“ האָבן אים דורכגעשאָסן. ער צעקנעפּלט דעם שינעל, דאָס לײַבל, ווײַזט מיר ווי די קויל איז אַרײַן אין דער ברוסט און אַרויס דורך די לאָפּאַטקעס. אַליין איז ער אַ ווילנער, הייסט הוראָוויץ, האָט ברידער אין ניו־יאָרק. ביז פופצן יאָר האָט ער געלערנט, געלייענט מענדעלען, שלום־עליכמען, גע־

זונגען בײַ חזנים. און ער צעזינגט זיך אין קאָפּ דעם וואַרשעווער חזן סיראָטעס אַן „אל חטא", פאַרגײט זיך אויף אַ בײַ־קול. די אויגן בײַ אים לאַכן, ס׳פּנים שמעלצט זיך פון נחת און מיר גלויבט זיך נישט, אַז איך זיץ מיט אַ טשעקיסט.

דער צוג טראָגט זיך פאַרבײַ קלײנע ישובים, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, לאָזט אַראָפּ פּאַסאַזשירן, נעמט אויף. ווי פון אונטער דער ערד וואַקסן בײַ יעדער סטאַנציע אויס האַלב־נאַקעטע ייִנגלעך, הינקעדיקע, בלינדע, אַלע אויסגעשמירט ווי שדים. זיי לויפן אַן, דרייען מיט די פאַרוואַקסענע קעפּלעך צו מען שפּירט זיי נישט נאָך, בעטן מיט פאַרווײנטע פּנימער:

— ברויט, ברויט...

פון די צעריסענע לאַכעס קריכן אַרויס אָפּגעכמאַליעטע קניען, שטיקער בויך, שטיקער פּלײצע. אויגן פינקלדיקע, כיטרע, קוקן אויף דיר מיט שנאה, מיט רציחה. ס׳באַווײַזט זיך אַ מיליציאַנט. די חברה צעשיט זיך, קריכט אויף אַלע פיר אונטער די וואַגאָנען. מען ליגט אין באַהעלטעניש ווי טשטשורעס. און ווי נאָר דער מיליציאַנט טוט זיך אַ דריי אַוועק, שטעקט מען אַרויס די קעפּלעך, מען שטײט שוין ווידער פאַר די אָפענע פענסטער פון די וואַגאָנען און די אויסגעקרימטע פּנימער ווײנען אַן טרערן:

— ברויט, ברויט...

דער טשעקיסט קלאָגט זיך, אַז די הײמלאָזע קינדער זײנען אַן איבערבלײַב פון ז׳עם אײן־און־צוואַנציקסטן יאָר, ווען עס האָט געבושעוועט הונגער, צינגע, טיפוס. די רעגירונג האַלט אין אײן עפענען הײמען פאַר זיי. אַנדערע האָבן געניאַלע פעיִקײטן. אַ סך פון זיי קען מען נישט אײַנהאַלטן אין די הײמען. ווינטער, ווען ס׳איז קאַלט, זיצן זיי נאָך. מיטן זומער צעלויפט מען זיך, מען שלאָפט אין די אויסגעליידיקטע פעסער פון סמאָלע און סטאַדעסווײַז טראָגן זיי זיך איבער ישובים. נאָך אַ יאָר־צוויי און מ׳וועט די מכה אויך אויסהײלן.

דער צוג לויפט איבער פעלדער. די ערד איז שוואַרץ, פעט, די תבואה אָבער איז שיטער. עס נעמט זיך פון דעם קאַלטן זומער

און פֿון די צו־אָפּטע רעגנס. גאַנץ אייראָפּע קלאָגט זיך, אַז עס איז הייער קיין זומער ניטאָ.

אין קופּע קומען אַריין צוויי פּאַסאַזשירן — אַ ייד, אַן אינזשינער, און אַן אוקראַינער אַרבעטער. דער אינזשינער האָט אַמאָל געלערנט העברעיש. דער שרייבער ציטראָן איז געווען זיין לערער. פֿון יידיש אָבער איז ער ווייט. זיינע קינדער פֿאַרשטייען שוין קיין יידיש ניט. דער אַרבעטער רעדט אוקראַיניש.

— וואָס רעדט איר — פֿרעג איך אים, — קליינרוסיש?

— נישט קיין קליינרוסיש, — באַליידיקט ער זיך, — כ'רייד אוקראַיניש, ווי יידן ריידן י י ד י ש, ניט קיין דייטש.

— איך שיק אויך מיין מיידעלע אין אַ יידישער שול, — רופֿט זיך אָן דער טשעקיסט און רוימט מיר איין מיט ביטול אויפֿן חשבון פֿון אינזשינער — דער אינטעליגענט איז דאָך אַ „ספּעץ“, נישט קיין קאָמוניסט.

מיר זיינען שוין אין בערדיטשעוו. דער וואָקזאַל איז איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. כ'דערזע ס'ערשטע מאָל עלטערע יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס. דאָס יונגוואַרג אין קאָלירטע העמדלעך. די מיידלעך — רויטע טיכלעך אויף די קעפּ. איך גיי אַרויס אויפֿן וואָקזאַל. שטייט אַ גרופּע מיידלעך, ריידן וועגן די עקזאַמענעס.

— איר רעדט טאַקע יידיש? — פֿרעג איך זיי.

מען קוקט מיך אָן פֿאַרחידושט, מען דערקענט אין מיר אַן אויסלענדער און אַ מיידל ענטפֿערט:

— וואָס דען זאָלן מיר ריידן, רוסיש? אוודאי יידיש

דער צווייטער קלאַס, דער „וייכער“, איז כמעט ליידיק. דאָ פֿאָרן באַן־אָנגעשטעלטע, אויסלענדער און רייכע „נעפּ“־לייט. געפּאַקט זיינען די „האַרטע“ וואַגאָנען, דער דריטער קלאַס, ווו דאָס פֿאָלק פֿאָרט. מען זיצט איבער צעעפֿנטע פּעקלעך עסן, מען פֿאַרטרינקט טיי פֿון בלעכענע טשייניקעס און מען לייענט ציטונגען. דער עולם שמועסט אויפֿן קול — רוסיש, אוקראַיניש, יידיש. מען רעדט וועגן פּאָליטיק, וועגן דער מלוכה. מען קריטיקירט דעם, יענעם. די קריטיק איז אַ קאָלעקטיווע. כמעט אַלע ריידן וועגן זומער־אָפּרו. מען פּלאַנעוועט צו פֿאַרברענגען וואַקאַציע אין קרים, קאַווקאַז,

מאסקווע. עס גלייבט זיך נישט, אז דאס ריידן ארבעטער מיט צעיוירענע הענט, אפגעארבעטע גלידער.

דער צוג שטייט 20 מינוט אין קאזאטין. איך גיי אראפ אויפן וואקזאל עפעס איבערבייסן. דער טשעקיסט פארשליסט מיט זיין שליסל די קופע, דעם וואגאן, פארמאכט ס׳פענסטער און זאגט אן דעם קאנדוקטאר אכטונג צו געבן — קאזאטין איז בארימט מיט אירע גנבים.

איבערן וואקזאל טראגן זיך היימלאזע קינדער צו פינף, צו צען. איך בין אומרויק און זאג צום טשעקיסט:

— איינער פון אונדז האט געדארפט בלייבן אין קופע.

— ביטאג איז נישטא וואס מורא צו האבן, — פארזיכערט ער מיך.

מיר טרינקען אויס טיי, פארבייסן קעז=סענדוויטשעס און גייען ארויס. ביי אונדזער וואגאן שטייט שוין א קרענצל מענטשן. דער קאנדוקטאר זאגט, אז די היימלאזע האבן צוגעפאסט א שליסל. געעפנט די קופע און ארויסגעשלעפט א העלן מאנטל. די קינדער, וואס שטייען דא, האבן געזען, ווייסן ווער עס האט עס געטאן. איך לויף אריין אין קופע — מיין מאנטל פעלט. אויף די איבערגעצויגענע זיין=פלעצער טריט פון נאסע, בארוועסע פיסלעך. דער טשעקיסט האט אויפגעהויבן א טרעוואגע, פארהאלטן עטלעכע יינגלעך, וואס האבן געזען ווי מען האט צוגעשלעפט דעם מאנטל, מורא געהאט אבער צו זאגן, מען זאל זיי דערפאר די בייכער ניט אויפשניידן. דער קאזאטינער ג. פ. או. האט ארויסגעשיקט דעם חברה=מאן. דערווייל האט מען געגעבן דעם דריטן קלונג און איך האב געמוזט אריין אין וואגאן אן א מאנטל. דער טשעקיסט האט מיך געהאלטן אין איין בארויקן.

— מען וועט אייער מאנטל געפינען, זיכער געפינען... קיינער וועט אזא מאנטל נישט קויפן, מורא האבן צו קויפן... פון קיעוו וועל איך נאך אמאל אנקלינגען... און דער קאנדוקטאר וועט ביי מיר פליען. ס׳איז זיין שולד, ער האט געדארפט היטן, אז איך האב אים געהייסן... מען וועט אים געפינען, זיכער געפינען... א שאד, די פארשיווצעס האבן קאליע געמאכט די שטימונג...

— קויפן וועט אים טאַקע קיינער ניט קויפן, האָט דער אינ־זשיניער געשמייכלט, נאָר צעשניידן אויף היטעלעך קען מען אַזאַ פּאַלטאָ.

מיר איז טאַקע געוואָרן אומעטיק און נישט אַזוי פאַרן פּאַלטן ווי פאַר די מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען געלעגן אין די קעשענעס.

דער צוג איז געפלויגן, זיך געהויבן איבער די שינעס. אין קופּע איז געוואָרן שטיל. איינער האָט געעפנט אַ ביכל, דער צווייטער אַ צייטונג. מען האָט זיך געוויגט, געדרעמלט, דער טשעקיסט האָט יעדע האַלבע שעה מיך געטרייסט:

— מען וועט אים געפינען, מען וועט געפינען אייער מאַנטל! פון קיעוו קלינג איך אָן מען זאָל אַ זוך טאָן! עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען געפינט.

אין וואַגאָן ווערט מען געוואָר פון דער גנבה און יעדע ווילע קומט איינער מיך טרייסטן.

עס ווערט טונקל, דער צוג דערנענטערט זיך קיין קיעוו, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ ריזיקן וואָקזאַל. איך דערהער ווי מען רופט:

— אָ—פּ—אַ—ט—אָ—ש—ו!

עס קומען אונטער מאַרקיש, אויסלענדער, מאַרשאַק און אַ חברה יונגוואַרג. מיר גייען אַריין אין וואָקזאַל, זעצן זיך איבער פלעשער ביר, ריידן אַלע אינאיינעם. ס׳קומט אונטער אַ יונגערמאַן מיט אַ פּושקע:

— גיט עפּעס פאַר די היימלאָזע קינדער, פאַר די קינדער, וואָס טראָגן זיך אַרום סטאַדעסווייז איבער די ישובים! גיט, חברים!

אין כאַרקאָוו

שוין פינף טעג ווי כ'בין אין כאַרקאָוו — די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, וואָס ציילט בײַ אַ הונדערט טויזנט ייִדן.

אין גאַס, אין טראַמווײַ, אין רעסטאָראַן, אויף מיטינגען, אין קינדערהיימען, אין שולן און בתי-מדרשים — איין זאַך וואַרפט זיך אין די אויגן — דער מין מענטש איז אויסגעוואַקסן. די שפּלדיקע, די וואָס מען האָט געדאַרפט האַקן ס'ציינגל, האָבן באַקומען לשון. אין די שענסטע שטאָט-רעסטאָראַנען, געוועזענע מיליטערישע קלובן, עסן אונטער אָלעאַנדרעס און פּאַלמען דער דעקאַן פון אוניווערסיטעט, זעצער פון כאַרקאָווער „שטערן“, דער שוסטער פון אַ שוך-קאָאָפּעראַטיוו און דער אויסגעשמירטער פּויער, וואָס קערט די גאַסן. צו אַזאַ מדרגה האָט אייראָפּע און אונדזער אַמעריקע דערווייל נאָך נישט דערגרייכט. אַלע עסן דעם זעלבן מיטאָג, וואָס באַשטייט פון דריי געריכטן און קאָסט אַן ערך פערציק סענט. און מען עסט נישט סתם. מען רעדט דברי-תורה, און מיט לשון קומען אַרויס דווקא יענע, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געשוויגן.

קעגנאיבער מיר זיצט אַ מיידל מיט אַ ביינערדיק פּנים, ווי בײַ גאָרקין, אַן אמתע סקיטין. זי קוקט אַרײַן צווישן איין געריכט און צווייטן אין קראַיעוויטשעס פיזיק.

— איר זענט אַ סטודענטקע? — פרעג איך זי.

— ניין, — ווערט בײַ איר ס'פּנים שענער פון דעם שמייכל, פון די גרויסע, ווייסע ציין — כ'אַרבעט אין אַ וועשערײַ, כ'פּרעס העמדער, און אין אָוונטן לערן איך. כ'גרייט זיך אין „אַרבפאַק“, אַרבעטער-פאַקולטעט.

— און איר זענט אַן אויסלענדער? — פרעגט מיך אַ צווייט מיידל, וואָס עסט אויך בײַ מײַן טיש.

— יאָ, אַן אַמעריקאַנער.

— כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט זיין אין אַמעריקע! — לייכטן ביים מיידל אויף די אויגן, סיפּנים, די בלאָנדע האָר — דאָרט קען מען זיך שיין אָנטאָן — און זי האָט אַ פּיר געטאָן מיט דינע פינגער איבער איר אָרעם באַטיסטן קליידל. — פרויען פּודערן זיך ביי איך, שמירן די ליפּן?

— נישט אַלע.

— אָבער מען שטערט נישט.

— ניין.

— ביי אונדז אין סאָוועטנלאַנד קוקט מען קרום אויף אַזאַ פרוי...

— איר זייט אַזוי אויך שיין, ביתּערין, — וויל איך זי טרייסטן,— צו וואָס דאַרף מען זיך שמירן?

— כ׳וויל זיין נאָך שענער — צעלאַכט זי זיך אויפן קול.

— אַ בורזשואַזע אידעאָלאָגיע ביי איך, חברטע — רעדט אַרויס דאָס סקיטישע פּנים פון דער פיזיק.

— כ׳בין אַזאַ גוטע קאָמוניסטקע, ווי איר!

* * *

זונטאָג פרי, ווען כ׳בין נאָך געלעגן אין בעט, האָבן זיך שוין קלויסטער־גלאָקן צעקלונגען און אַזוי שטאַרק און פון אַלע זייטן, ווי כאַרקאָוו וואָלט נישט פול געווען מיט פאַבריקן, נאָר מיט קלויסטערס. כ׳האָב זיך אָנגעטאָן און בין אַרויס אין גאַס. די גאַסן, ברייט ווי סלאַווישע פּנימער, זיינען געווען כמעט ליידיק. כ׳בין אַריין אין איין צערקווע, אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער. די קלויסטערס זיינען פול געווען מיט עלטערע און מיטליאָריקע ווייבער. ווייניקער מאַנס־בילן און קיין יונגוואַרג האָב איך אינגאַנצן נישט געזען.

— ווו איז ס׳יונגוואַרג? — פרעג איך ביי אַ פרוי מיט אַ „שמיילי״ פּנים.

ס׳יונגוואַרג איז אין די קלובן, ביתּער, — האָט זי גערעדט פרום, — יאָגן זיך נאָך קאָמסאָמאָלקעס... זיי וועלן זיך אָפּ־

יאָגן, אָפּיאָגן, עלטער ווערן און זיך אַרומזען, אַז מען האָט נאָ־ריש געלעבט... מען וועט צוריקקומען אין דער צערקווע...

— כ'האָב מורא, אַז נישט, בירגערין, — איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר אַ ברייטער פּויער, ווי אַ מאָנומענט. — דער מענטש האָט געקראָגן אַ נייע רעליגיע, אַן אַרבעטער־רעליגיע... נישט אָט־די — האָט ער געוויזן אויף דער צערקווע — וואָס פּאַכעט מיט דער נשמה, און די „כאַלאַטניקעס" האַלטן זי אויף מיט ווייַרוך און תפי־לות.

כ'בין אַרויס אויף דער גאַס. די יולי־זון וואַרעמט, צעלייגט זיך איבער די ברוקירטע מערק, איבער די בייכיקע הייַזער, עולם שפּאַצירט אין ווייסע אויסגענייטע העמדער. פאַרבונדן מיט טראָלדן. ס'קומען אָן אַרבעטער־קלובן מיט פענער, מיט מוזיק, מען קלייבט זיך פאָרן הינטער דער שטאָט אָפּרוען. בעטלערס, אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע, קעפּ באַוואַקסענע, ווי ביי אָריענטאַלישע חכמים, לאָזן נישט דורכגיין:

— גיב עפּעס, חבר!

אין אַ ווינקל שטייט אַ רוסישער גלח אין אַ פאַרשמאָלצעווע־טער קאַפּאָטע, די לאַנג פאַרוואָרלאָזטע האָר צונויפגענומען אין אַ קנופּ קוקן אַפיר פון אונטערן אָפּגעבליאַקעוועטן שטייפן קאַפּע־לוש. דער הייכער, אויסגעדאַרטער גוף טוט זיך קיין ריר נישט, ווי עס וואָלט ניט געווען קיין מענטש, נאָר אַ גיפּסענע פיגור אין אַ קלויסטער נישע. בלויז די האַנט, די רעכטע האַנט, באַוועגט זיך, בעט נדבות.

כ'דריי זיך אַריין אין מאַרק. עס זיצן ברייטגעזעסיקע גויעס אי־בער ערדענע טעפּ שמאַנט, איבער עמערס צוואָרעך, איבער ווייַסע, צענפונטיקע קעזן. מען שלעפּט קונים, מען רופט פאַרבייגייער:

— פרישער שמאַנט, פרישער קעז! קויפט, בירגער! קויפט!

עלטערע יידן פאָרן אָן מיט וועגעלעך קאַרשן, מיט וועגעלעך אַפּריקאָסן. אין אַ בודקע שטייט אַ ניט־געגאָלטער יונג, פאַרקויפט פלעשער ברויטקוואַס, שלעפּט מיט אַ גרייצער די פּראָפּנס, וואָס רייסן זיך אַרויס פון די שמאָלע העלדזלעך מיט אַ שאָס. ער ווענדט זיך צו מיר אויף יידיש:

— אויסלענדישער קוואַס, מיסטער. אַ מחיה!

— וואָס, חבר, מען האַנדלט? — גיי איך אונטער און הײס זיך געבן אַ פלעשל קוואַס.

— אַי, ווען איך קאָן זיך אַריבערכאַפּן קיין ניו־יאָרק! — פאַרכליניעט זיך דער יונג. — כ'האָב דאָרט צוויי ברידער ביזנעסלײט.

— און דאָ טויג נישט? — פרעג איך אים.

— ניין! פאַרוואָס? מען זאָל נאָר לאָזן האַנדלען, איז כאַרקאָוו אַ שטאָט, ווער מיר גוטס גינט... איר, אַמעריקאַנער, ווייסט דאָך יאָ, אַז ניט אַלץ איז דער בעל־מלאכה... אַז אָן דעם סוחר האָט דער אַרבעטער אַ שײן פּנים... מען יאָגט אונדז, מען טרײַבט אונדז, און דעם „נעפּמאַן" לעבט זיך אַלץ בעסער ווי דעם אַרבעטער.

דערבײַ שטייט אַן עלטערער ייד מיט אַ בערדל, וואָס וויל ניט גרוי ווערן. פון דעם צעקנעפּלטן רעקל, וואָס איז פול מיט לעכער ווי אַ זיפּ, קוקן אַרויס צוויי ציצית. דער ייד קוקט אַרײַן אין אַ ספרל. ס'געשעפט זײַנס איז אַ געפלאָכטן קאָשיקל אָנגעפּאַקט מיט שרײַבפּאַפּיר, קאָנווערטן, מאַרקעס. ער פאַרקויפט לוחלעך, בענטשערלעך, סידורימלעך, אַלץ געדרוקט אין בערדיטשעוו.

— ווי לערנט זיך אין כאַרקאָוו, זיידעניו?

דער ייד הייבט אויף די אויגן פון דעם משניותל „ברכות", באַטראַכט מיך און ס'פּנים צעשמייכלט זיך:

— וואָס דען האָט איר געמיינט, מען לערנט ניט? מען לערנט, מען האָט געלערנט און מען וועט לערנען... און איר זעט אויס צו זײַן אַ ניט־היגער — באַטאַפּט ער מיט צוויי פינגער מײַנע מלבושים.

— כ'קום פון וואַרשע.

— פון וואַרשע? — פאַררייסט דער ייד ס'בערדל — און ווי האַלט אין וואַרשע מיט יידישקייט? מען לערנט אין די בתי־מדרשים ווי אַמאָל?

— מען לערנט ווייניקער.

— אָבער מען לערנט — טענהט דאָס יידל זײַנס.

— און יידן האַנדלען? — וויל איך אַ קער טאָן דעם שמועס.

— וואָס דען זאָל מען טאָן? לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע ווילט זיך ניט! קיין אמתער ייד קאָן בײַ די סאָוועטן ניט אַרבעטן. מען מוז מחלל שבת זײַן. דערצו האָבן זיי ניט קיין שטעלעס פֿאַר אַלעמען. האַנדלען יידן.

— און ווען מען לאָזט אײַך אַרויס פֿון דאַנען, וואָלט איר געפֿאָרן? — פֿרעג איך דעם זקן.

— ניין. מען טאָר ניט איבערלאָזן אויף הפקר סיביסל יידן — שמייכלט דער אַלטיטשקער גוטמוטיק. — דערצו איז קיין יושרדי־קערע מלוכה, ווי אונדזערע, די סאָוועטישע, אויף דער וועלט ניטאָ. ווייזט מיר נאָך אַ מדינה, מען זאָל זיך אָננעמען די קריוודע פֿון יתומים און אלמנות? אַחוץ בײַ אונדזערע נביאים און אין סאָוועטנ־לאַנד, וועט איר עס ניט געפֿינען. ווען ניט די אונדזעריקע, די יעוו־סעקן, וואָלט זיך דעם ייד זייער גוט געלעבט. און ווי דאַוונט איר, יונגערמאַן?

— כ׳דאַוון ניט.

— זענט איר דאָך אַ גוטער גוי, אָבער ניט קיין ייד. וואָס הייסט איר דאַוונט ניט?

— וויפֿיל פֿאַרדינט איר, זיידעשי, אַ וואָך? — רייס איך אים איבער.

— ווי אַמאָל... צען רובל, פּופֿצן... אַבי ניט אָנצוקומען צו קינדער.

— וואָס, זיי ווילן אײַך ניט האַלטן?

— און ווען מײַן זון וואָלט מיך אָפּגעגילדט, וואָלט איך בײַ אים געווען, ווען זײַן יינגל וואַקסט אַן ערל, אַ ניט־געמלטער?

— און רבנים האָט איר דאָ אין כאַרקאָוו?

— ווי דען? פֿיר רבנים.

— און זיי בעטן נדבות ווי די רוסישע גלחים?

— זאָגט כאָטש להבדיל — האָט דער זקן זיך געבעטן בײַ מיר, — די רבנים אונדזערע לעבן זיך גאַנץ שיין, מיר האַלטן זיי אויס בכבוד.

— זיידעניו, גיט מיר אַ מאַרקע און אַ קאָנווערט — איז אונ־טערגעקומען אַ יונגערמאַן אין אַן אויסגענייט העמדל.

— ווען ניט די שקאָצים, די קאָמסאָמאָלצעס, וואָלט סאָוועטנ־לאַנד געווען די בעסטע מדינה — האָט דער זקן מיר געוויזן אויפן יונג, וואָס האָט געשמייכלט. — דאָס איז אונדזער שוחטס יינגסטער זון, און ריידן רעדט ער דווקא יידיש.

— איר וועט זיך טשעפען צופיל צו קאָמסאָמאָלצעס, זיידעניו, וועט מען אייך קאָנפיסקירן ס׳געשעפט — האָט דער יונג זיך צעלאַכט אויפן קול און באַצאָלט פאַר דער מאַרקע מיטן קאָנווערט.

ער האָט געשטעלט עטלעכע טריט און באַלד זיך אויסגעדרייט:

— זיידע, איר האָט דאָך מיר געגעבן צוויי מאַרקעס פאַר איינער.

— וואָס, וואָס, עטלעכע „יאַטן" זיינען זיי — האָט דער זקן אַרויפגעלייגט דעם יונג די האַנט אויף דער פלייצע און ס׳האָט אויס־געזען, אַז ער איז אים אַלץ מוחל.

דער מאַרק איז פול געוואָרן מיט קונים, מיט וועגעלעך בלו־מען. די זון, טרוקן ווי פייער, האָט אַרויסגעלויכטן פון יעדן גריבל וואַסער, זיך געשפילט מיט די וועגעלעך אויבס, מיט די צעהיצטע פנימער.

אין קיעוו

כאַרקאָוו איז אַן אויפגעקומענע שטאָט, וואָס האַלט זיך אין איבערבויען. די שטאָט צירט זיך, פוצט זיך, ווי עס פּאַסט פאַר דער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, און האָט אַלץ אַ פּנים ווי יענער יונג, וואָס איז אַהיימגעקומען צו זיך אין שטעטל, אַרויפגעשלעפּט אויף די פיס אַ פּאָר נייע פינקלדיקע קאַלאָשן און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ הייסן זומער-טאָג שפּאַצירן איבער די גאַסן.

דערפאַר זעט קיעוו אויס ווי אַ פּריצטע, וואָס אמת, אַ ביסל אַן אָפּגעקומענע. גאַסן ברייטע, געפּלאַסטערטע, ליגן ווייבלעך צעליגט, ציען זיך באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. פאַר די היַיזער בוימער, גערטנדלעך. די גאַנצע שטאָט איז אַיינגעדעקט אין גרינס, ווי דאָס וואָלט נישט געווען רוסלאַנד, נאָר דרום-פראַנקרייַך.

כ'שפּאַציר איבערן קרעשטשאַטיק, ברייט און שיין, ווי אונדזער בראָדוויי, און כ'לייען די שילדן איבער די געשעפטן. מען קען זיך די ציין צעברעכן — סערעבקאָפּ, וואָציק, דצאַך, אַראַש — און מיר פאַלט איין, אַז דאָס האָבן יידן אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, ניט נאָר אַרייַנגעבראַכט די ראשי-תבות פון דער הגדה, וו מען רעכנט אויס די צען מכות, נאָר אויך אַיינגעפירט די ראשי-תבות פון דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור. כ'האָב נאָך נישט באַגעגנט קיין איין קאָמוניסט, ער זאָל וויסן די אַלע פאַרקירצטע נעמען.

אויפן קרעשטשאַטיק באַלאַנגט דער מסחר צו דער מלוכה, צו קאָאָפּעראַטיוון. דער פּריוואַטער האַנדל איז קאָנצענטרירט אויפן פּאָדאָל, די קיעווער „איסט סייד". דער פּאָדאָל איז די אַמאָליקע געטאָ, ווען יידן האָבן אין קיעוו נישט געטאָרט וווינען.

דער פּאָדאָל לויפט באַרג-אַראָפּ, גרענעצט זיך מיטן דניעפּער, וו מאַנסבילן, פרויען באָדן זיך, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן. ס'איז

אויך אַ שטיקל האַפּן — „פּאַראַכאָדן“ גייען פון דאַנען אָפּ אין די שכנישע שטעט. דאָ וואַרפן זיך נאָך אין די אויגן די אַלטע שילדן, אָן ראשי־תּבות, פון פאַר דער מלחמה. אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט. די וויטרינע איז ליידיק. ס׳וואַלגערט זיך אַ קינדיש פערדל אויף דריי פיס, קעמלען מיט גלעזערנע בריליאַנטן און אָפּגעבליאַקעוועטע שפּיצן. אַ שניידעריי, וווּ מען נייט לויט דער לעצטער מאָדע. אַ כשרע גאַרקיך — צוויי גריכטן זיבעציק קאָפּיקעס, דריי — ניינציק און מיט געפילטע פיש אַ רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס. אַ זייגערמאַכער פאַר־נעמט אַ האַלב געוועלב און אין צווייטן האַלבן פאַרקויפט מען טליתים, תּפילין, סידורים, חומשים. מען קריגט דאָ רויכוואַרג — פון שאָפּענע פעלצן ביז „מינקענע“ פוטערס, זינגערס גענייצטע ניי־מאַשינען, בלוי און פאַרצעלייען געשיר, פעדערן פאַר בעטגעוואַנט. די באַלעבאַטים — מענער, פרויען, דערוואַקסענע קינדער — שטייען פאַר די קראָמען, פאַר די הילצערנע שטעלן, שמועסן געמיטלעך, חופן קונים, כאַפּן דורכגייער פאַר די הענט ווי אויף העסטער סטריט.

קליינוואַרג נאַקעטע, אין לייוונטענע גאַטקעלעך אַרום די לענדן, לויפן אַרום צווישן די ווייבער, וואָס זיצן מיט קאָשיקלעך אויבס, מיט קאָשיקלעך קערן און צוקערוואַרג. די אויגעלעך בלישטשען און מען שפּילט אין באַהעלטעניש, מען רעדט אַ זאַפטיקן אוקראַינישן יידיש.

פּויערים, פּויערטעס דרייען זיך צווישן די קראָמען, צווישן די הילצערנע שטעלן, קוקן מיט חשד, טאַפּן זיך פאַר די קעשענעס, צי מען האָט נישט אַרויסגעשלעפּט ביי זיי די פאַר גראָשן. דאָס פּויערים־פאָלק באַטראַכט די הויזן, וואָס זיינען צעהאַנגען אויף דרענג־לעך, באַטראַכט די ווייסע רעק, וואָס זיינען געשניטן ווי תּכריכים.

— ס׳איז ס׳ביליגסטע פּלאַץ, ס׳ביליגסטע פּלאַץ — שרייט אַ פּוי־פיק יידל, אָנגעטאָן אין אַ געשטריקט לייבל, ווּ דורך די לעקעכ־לעך זעט זיך אַרויס האָריק לייב — וואָס דאַרפט איר, בירגער, אַ ראָק, אַ פּאָר הויזן?

גוטבּרודעריש נעמט ער אָן דעם פּויער פאַר אַ האַנט, פירט אים אונטער צו דער סחורה און וואַרפט אָן אַ באַרג מיט הויזן, מיט רעק:

— אַ נו, זייט אַ מבין, וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז? אויס־לענדישע! מיר האַלטן נישט קיין אַנדערע! איר וועט עס טראָגן יאָרן, דערנאָך, אויב איר האָט אַ ווייב אַ באַלעבאָסטע, וועט זי איבערניצעווען די סחורה און אויפנייען פאַר די קינדער אָנצוגלעך!

דאָס יידל דערזעט מיך, מעסט מיך אָפּ פון אַלע זייטן, און צעשמייכלט זיך אויפן פויערס חשבון:

— לעבן זאָל ער אַזוי, דער ערל!

— וואָס טאַפּט איר די סחורה? קיין בעסערע וועט איר נישט קריגן! דאָס איז דען סחורה? ס׳איז מאַרמעלאַד! אין קליידער־טראָסט, זאָגט איר, וועט איר ביליגער קריגן? רעדט זיך נישט אַיין קיין פייגע־לעך אין בוזעם! דאָרט וועט איר נישט מעלקן די סחורה, זיך נישט דינגען, אָנגעטאָן, באַצאָלט און אַוועקגעגאַנגען!

דער פויער שטייט אַ צעמישטער, קוקט אויפן ראָק, אויפן סוחר, קראַצט זיך אַ וויילע אין קאָפּ און נעמט אַוועקגיין.

— מיר ליגן אין דער אדמה מיט אונדזער פרנסה — נעמט דער סוחר צוריק אויפהענגען די רעק, די הויזן — איר זיינט נישט קיין היגער, אַן אַמעריקאַנער, האַ? אַ צעדרייטע וועלט — צעשמייכלט זיך ס׳יידל — איך וויל אַנטלויפן פון דאַנען, און איר, אַמעריקאַנער, קומט גאָר אַהער!

— פאַרוואָס ווילט איר אַנטלויפן? — פרעג איך דעם סוחר.

— ווייל ס׳איז ניטאָ קיין פרנסה—קומט אונטער אַ צווייטער סוחר—מען אַרבעט, מען אַרבעט, מען איז שוין, האַכט זיך, אויף אַ שטיקל דרך, קומט די מלוכה און נעמט אַלץ צו! און מיינט נישט, אַז כ׳האָב עפּעס צו דער סאָוועטישער „וולאַסט" (רעגירונג), אדרבה, לענין איז אַ טייערער גוי געווען, אַ צדיק, אַז איר ווילט, נאָר די יידעלעך, וואָס דרייען זיך אַרום אים, זיי, זעט איר, טויגן אויף טויזנט שאָק כפּרות! זיי פירן הכל בכל אין ד׳ערד אַריין! כ׳האָב נעכטן געהערט אַ גלייכווערטל — פאַרגעסט זיך דער שכן, אַז ס׳איז שלעכט און צעפּאַרט זיך מיט די הענט — מען דערציילט, אַז ווען לענין איז גע־שטאָרבן, אַרויפגעקומען אויבן צום גן־עדן, זאָגט מען אים: „סטאָי, פּעטערל, האָסט אַ וועלט איבערגעקערט, קענסטו אין גן־עדן אַזוי

לייכט נישט אַריין, דאַרפסט אַ ביסל אָפּקומען, זיין נע־זנד". קומט אונטער אַ ייד און טרייסט אים:

— איליטש, האָב ניט קיין יסורים, מיר וועלן זיך דורכשטופּן אין גן־עדן אַריין!

דער ייד האָט אַריינגעלייגט לענינען אין אַ זאַק, פֿאַרבונדן און אַריבערגעוואָרפֿן דעם פּאַק איבער די פּלייצעס. ער האָט אָנגע־קלאַפּט אין גן־עדן־טויער.

— עפֿנט!

— וועמען דאַרפסטו? — פֿרעגט מען פֿון גן־עדן.

— זיצט דאָרט ביי אייך איינער, אַ קאַרל מאַרקס?

— פֿאַראַן אַזעלכער.

— אָט דער קאַרל מאַרקס האָט פֿאַרגעסן אויפֿן וועג זיין באַגאַזש.

— וואַרף אַריבער! — שרייט מען פֿון גן־עדן.

אַזוי־אַרנאָך האָט דער ייד אַריבערגעפּעקלט לענינען אין גן־עדן אַריין.

בשעת דער סוחר האָט דערציילט, איז אויסגעוואַקסן אַרום אים אַ מנין מענטשן, נישט נתפּעל געוואָרן פֿון דעם וויץ, אַפֿנים שוין נישט איינמאָל אים געהערט. אַ צעוואַקסענע ייִדענע מיט אַ פֿול מויל גאָלד, ווי די פּאָרצעלייענע ציין האָבן געפֿעלט, בלויז די שוואַרצע גאָלדענע גריבלעך זיינען געבליבן, האָט זיך אַרויסגע־רוקט:

— ווייסט מען כאָטש אין אַמעריקע, אַז ס'איז נישט גוט?

— אַלץ הייסט נישט גוט? — האָט דער הויזן־סוחר זיך אַ שטעל געטאָן אין פֿראָנט פֿון דער ייִדענע — פֿאַר עטלעכע „סאַזשען" לופֿט רייסט מען ביי מיר פֿינף־און־זיבעציק רובל אַ חודש! כ'מיין פֿאַר דעם שטיקל חדר, די דירה ווי כ'וווין! און איצט וויל מען אונדז איינגאַנצן אַרויסטרייבן פֿון די דירות!

— נישט דיך מיינט מען, טאַטע, — האָט זיך אָנגערופֿן אַ זעכצן־יאָריק ייִנגל און זיך אויסגעדרייט צו מיר — מיין טאַטע איז גרייט אַלץ אויסצוטראַכטן אויף די באָלשעוויקעס, מען מיינט דעם רייכן „נעפּמאַן" (סוחר); און כ'וויים טאַקע נישט, צי ס'איז אַזאַ

יושר, וואָס דער אַרבעטער האָט ניט קיין דירה און דער „נעפּמאַן" וווינט זיך אין צוויי, דריי שטובן. דער רייכער „נעפּמאַן" קען זיך אויסבויען אַ דירה, ס'איז נישט אַזוי מסוכן...

— ביי מיין „קאָמסאָמאָליעץ" איז קיין זאַך נישט „מסוכן" — האָט דער פאָטער נאָכגעקרימט דעם זון — מען האַלט ביים אַרויס־טרייבן ס'גאַנצע ביסל יידן פון פאָדאָל און ביי אים איז עס ניט מסוכן!

— נישט נאָר יידן, טאַטע, מען טרייבט „נעפּלייט" — רוסן, אוק־ראַינער, גרוזינער!

— וואָס זאָגט איר נישט צום חכם פון „מה נשתנה"? גע־פין אויפן פאָדאָל פאַר אַ רפואה אַ גוי אַ סוחר? מיינט מען דאָך אונדז, יידן.

— אַז מיר זיינען נאַראָנים, — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן — משהקען האָט מען אַרויסגעזעצט פון דער דירה, האָט ער זיך אַוועק־געשטעלט אין רינשטאָק מיטן גאַנצן ביסל בעבעכעס... מיטן ווייב, מיט די קינדער... מאַכט זיך, דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר גייט פּונקט פאַרביי, דערזעט אַזאַ בייז ווונדער און שטעלט זיך אָפּ:

— וואָס איז דאָס?

— אַזוי אין אַזוי, הער לעבן... און משהקע האָט אַוועק־געלייגט פאַרן דייטש די אמתע סדרה, און וואָס מיינט איר, די „וולאַסט" (רעגירונג) האָט זיך פאַרשעמט און דעם זעלבן טאָג נאָך האָט משהקע באַקומען אַ דירה.

— מיר וואָלטן אַלע אַזוי געדאַרפט טאָן, — טוזנטער משפחות וואַרפט מען נישט — האָט דער קליידער־סוחר אַריינגערעדט אין מיר, — אָבער אין אַמעריקע? פאַרזעצן די הייזן און אַריבערפעקלען זיך אַהין!

אַרום מיר זיינען שוין געשטאַנען צוויי מנינים מענטשן. מען איז געוואָרן היימיש, באַטאַפּט מיינע הויזן, דעם ראָק, די שיך, ס'העמד, דעם שניפּס, געפרעגט פּרייזן, געזאָגט מבינות. עס זיינען אונטערגע־קומען צוויי באָבעס מיט זויג־קינדער, געל ווי וואַקס און מיר אַריינגע־רוקט אין פּנים אַריין צען פינגער:

— שענקט אַ נדבה! שענקט!

אַ יידיש געריכט

בערדיטשעוו איז נאָך אַלץ די יידישסטישסטע שטאָט אין סאָוועטנ-
לאַנד. דאָ הערט מען קיין אַנדער לשון ניט ווי יידיש. די נעמען פון
די גאַסן זיינען געשריבן אין יידיש. די מיליץ רעדט יידיש, און אין
דעם געריכט אויף יידיש קומען אַפילו אוקראַינער זיך משפטן.
דאָס יידישע לשון האָט אין בערדיטשעוו אַן אַלטע טראַדיציע. האָט
דאָך ר' לוי-יצחק בערדיטשעווער זיך אויסגעטענהט מיט גאָט אויף
יידיש, געדאַוונט אין יידיש, אויפן בערדיטשעווער בית-עלמין האָב
איך באַגעגנט מצבות פון פשוטע בעלי-מלאכות אין יידיש:

„דאָ ליגט דער קערפער פון מיין געליבטן מאַן, משה דער
מולייאַר".

נאָך די קלעפ, וואָס בערדיטשעוו האָט אַריינגעכאַפּט, איבער-
געגאַנגען זעכצן מאָל פון איין מאַכט צו דער אַנדערער, קומט איצט
די שטאָט קוים צו זיך. מען וואַרפט אַוועק די חורבות, מען רעמאָנטירט,
און די שטאָט ליגט נאָך אַלץ אַ צונהרגטע.

פון די עטלעכע און זעכציק בתי-מדרשים און שולן זיינען גע-
בליבן איבער פופציק. די שולן פוסטעווען, קיין יונגוואַרג פאַר קיין
רפואה. און אַ גרויסער פראָצענט טאַטעס האָבן שלום געמאַכט
מיט דער לאַגע, האָבן מער קיין תרעומות ניט צו די קינדער. אין
קיעוו בין איך מיטגעגאַנגען מיט אַ דעמאָנסטראַציע פון קוסטאַרן.
ס'איז געווען שבת. אַלטע יידן, בעלי-מלאכות, מיט בערד, האָבן גע-
טראָגן קאָמוניסטישע פאָנען, געזונגען דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל.
די דעמאָנסטראַציע איז פאַרביי־געגאַנגען אַ שוסטער-קלויז. טייל יידן,
וואָס זיינען געשטאַנען אין די אָפענע פענסטער און געדאַוונט, האָבן
אַראָפּגענומען די טליתים און מיטגעגאַנגען מיט דער דעמאָנסטראַציע.

בלויז אין איין בית־מדרש אין בערדיטשעוו האָב איך באַגעגנט יונגוואַרג. דאָס איז אין דער בראַצלאַווער קלויז. די בראַצלאַווער חסידים זײַנען „קאָמוניסטן", האָבן בקבלה פֿון זייער רבין צו זײַן „יגיע־כּפּיימניקעס", צו לעבן פֿון דער אייגענער פּראַצע.

— מיר האָבן צווישן אונדזערע חסידים קיין איין סוחר ניט — האָט מיר דער גבאי פֿון דעם שטיבל, אַ סטאָליאַר, געזאָגט. — מיר, חסידים, זײַנען מוליאַרעס, שמידן, סטאָליאַרעס.

— און מיט דער רעגירונג זײַט איר צופֿרידן? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— מיר נעמען אַל'ץ צו באהבה — האָט דער גבאי זיך אַזש איבערגענומען מיטן ענטפֿער. — דערצו איז די איצטיקע „וולאַסט", די קאָמוניסטישע, ניט סתם קיין „וולאַסט". ס'איז אַ הויכע מדרגה. און אונדזער רבי ז"ל האָט עס געזען בנבואה.

דאָ, אין דער בראַצלאַווער קלויז, האָב איך געזען ווי דרייצן, פֿופֿצן־יאָריקע בחורימלעך זײַנען געזעסן מיט זייערע טאַטעס איבער דעם „לקוטי מרן". די בראַצלאַווער חסידים האַלטן, אַז קיין הייליקערער ספֿר פֿון דעם „לקוטי מרן" איז גאָר ניטאָ.

אין בערדיטשעוו געפֿינען זיך זיבן יידישע פֿאָלקסשולן. אַנדערע האָבן פֿון פֿיר ביז פֿינף־הונדערט תּלמידים. ס'זײַנען אויך פֿאַראַן פּראָפֿעסיאָנעלע שולן. הינטער דער שטאָט איז פֿאַראַן אַ יתומים־הויז. איבער הונדערט און צוואַנציק יתומים באַאַרבעטן הונדערטער אַקער לאַנד. ס'ציען זיך פֿעלדער קאַרטאָפֿל, קרויט, קאָלירט־קרויט, מערן, פּאָמידאָרן (טאָמייטעס), אוגערקעס, בוריקעס, אַרבוזן, שויטן. די תּלמידים, די תּלמידות, אָפּגעבריינטע, געזונטע, כּמעט אַלע באָרוועס, זײַנען גוט באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור; לאַכן פֿון די שכנים, די אוקראַינער, וואָס באַאַרבעטן די ערד ווי מיט הונדערט, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. מען גרויסט זיך מיט די פֿערד, מיט די צ'בּט־אײַטערדיקע קי, מיט די עטלעכע הונדערט הינער, מיט די גענדז, מיט די קראָליקעס און מיט די חזירים פֿון דער ענגלישער פּאַראָדע, וואָס נעמען פֿינף מאָל אַזוי פֿיל שמאַלץ צו, ווי די רוסישע חזירים. בײַ אַ גוטער ווירטשאַפֿט מוז מען האָדעווען חזירים. זיי קאָסטן כּמעט גאָרניט, פֿיטערן זיך מיט די רעשטלעך עסן, וואָס

מען ווארפט סיי=ווי=סיי ארויס, און ברענגען גרויסע פראפיטן. די הונדערט און צוואנציק פויערים און פויערטעס גיבן אליין ארויס א געשריבענעם זשורנאל אין יידיש — „דער פויער“ — וואס איז אנגעפיקעוועט מיט לידער און מעשיות, אלץ היימישע פראדוקציע. צווישן די תלמידים זיינען פאראן יתומים פון ארום דער וואלגע, אמתע רוסן, וואס ריידן יידיש און האבן שוין כמעט פארגעסן זייער רוסיש.

די באפעלקערונג פון בערדיטשעוו טיילט זיך אויף פאבריק=ארבעטער, אנגעשטעלטע ביי דער מלוכה, קוסטארן, „נעפלייט“ (סוחרים) און דעקלאסירטע. די דעקלאסירטע באטרעפן א פינף=און=צוואנציק פראצענט פון דער באפעלקערונג. דאס זיינען ארעמעלייט, וואס הונגערן, קוקן זיך די אויגן אויס ביז א קרוב שיקט עפעס צו פון אמעריקע.

דאס יידישע געריכט=הויז אין בערדיטשעוו שמט איבער גאנץ אוקראינע. אז כ'בין אריין אין א נאכמיטאג אין זאל פון געריכט, איז ער געווען איבערגעפאקט. אן עולם אין היטלען, אין בלויזע קעפ האט געשמאק געשמועסט. אן די ריחות, וואס האבן זיך געטראגן איבערן גרויסן זאל, האט מען געוויסט, אז ס'איז שבת, אז יידן האבן געגעסן ציבעלע מיט שמאלץ, רעטעך מיט שמאלץ. מען האט מיך אריינגעפירט אין דער קאנצעלאריע, ווו די ריכטער, די אדוואקאטן, האבן צוגעגרייט די „ענינים“. דער ריכטער, א ביינערדיקער יונגערמאן, אין א גרוי העמדל מיט אן איבערגעלייגטן קאלנער, די ארבל פארקאשערט, איז געזעסן און געבלעטערט פאפירן.

ער האט מיר דערציילט, ווי שווער עס איז אנגעקומען די ערשטע צייט איינצוברעכן דעם עולם, אים צוגעוויינען ער זאל זיצן רויק, דורך=ארץ האבן פארן געריכט. איצט משפט זיך קיין איין ייד ניט אין אוקראינישן געריכט. דא, אין יידישן געריכט, צווישן אייגענע, פילט מען זיך זיכערער, מען קאן זיך אויסריידן ס'ביטערע הארץ און מען לייגט טאקע אוועק א ביסל לשון.

— די ערשטע צייט איז אנגעקומען גאנץ שווערלעך — קלאגט זיך דער ריכטער. — ניט געווען קיין יורידישע טערמינאלאגיע אין יידיש. נעמט אזא קלייניקייט ווי א „פאוויעסטקע“ (סאמאנס). מען האט עס אנגערופן אין יידיש „נאכריכט“. כ'וויים, ס'איז נישט ס'פאסיקע

וואָרט. מיר האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט העלפן. איצט אַרבעטן שוין יוריסטן איבער דער טערמינאָלאָגיע און מיר וועלן זי שאַפן.

— וויפיל ענינים קוקט איר דורך אַ יאָר? — פרעג איך דעם ריכטער.

— איבער זעקס טויזנט.

— קומט אייך אויס צו משפטן יידישע מערדער?

— ווייניק. זייער ווייניק טרעפן זיך צווישן יידן מערדער. דערפאַר האָבן מיר אַ היבש ביסל גנבים, קעשענע=גנבים.

— און „כלי=קודש" קומען צו אייך מיט אַ משפט?

— אָט האָב איך היינט אַן „ענין", ווי אַ מלמד קלאָגט אַ „נעפמאַן" (סוחר) פאַר שכר=לימוד.

— מלמדות איז דען ניט פאַרווערט אין רוסלאַנד?

— האַלטן אַן אָפן חדר איז פאַרווערט, אָבער גיין איבער די שטובן און לערנען מיט די קינדער איז ניט פאַרווערט. לעצטנס האָט זיך זייער פאַרשפּרייט די „אַלימענטן"=מכה. זינט מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן מענער, וואָס וואַרפן אַוועק ווייבער מיט קינדער, האָבן ווייבער זיך אַ לאָז געטאָן אין די געריכטן, פאָדערן די מענער זאָלן זיי מפרנס זיין. אין יידישן געריכט איז עס ווייניקער. אין אוקראַינישן וועט איר יעדן טאָג באַגעגענען פרויען, וואָס קלאָגן מענער פאַר „אַלימענטן". גראָד היינט האָב איך אַזאַ ענין: אַ דינסטמיידל קלאָגט צוויי באַלעבאַטים אירע, אַז זיי זיינען די טאַטעס פון איר קינד. און צאָלן דער דינסטמיידל „אַלימענטן" וועלן ביי מיר ביידע, אי דער אמתער טאַטע פון קינד, אי דער צווייטער מאַנסביל, וואָס האָט געלעבט מיט דער מיידל, ווען זי האָט שוין געטראָגן.

דער שמועס פאַרציט זיך. עס מישן זיך אַריין די אַדוואָקאַטן. מען גייט איבער צו דער יידישער ליטעראַטור, און ס׳גלויבט זיך מיר ניט, אַז איך זיץ אין אַ געריכט=הויז. איך האָב אַלץ ס׳געפיל, אַז איך פאַרברענג מיט פאַרטיי=טוער.

ס׳הערט זיך אַ קלאַנג פון אַ גלעקל, אַן אָנזאָג, אַז ס׳געריכט וועט זיך באַלד אָנהייבן. כ׳גיי אַריין אין זאַל, זעץ זיך צווישן עולם, וואָס שמועסט געמישלעך און אויפן קול.

— ביי ניקאָלאַיען זיינען קיין יידישע געריכט־הייזער ניט געווען — זאָג איך צו מיין שכן.

— דערפאַר האָבן מיר אים אַראָפּגעזעצט פון בענקל — שמייכלט דער שכן מיינער און באַטראַכט מיך. — איר זייט אַן אויסלענדער?

— יאָ.

— ביי אייך איז דאָס ניטאָ, האַ? — און דער ייד נעמט זיך פאַר דער באָרד. — מיר יידן האָבן זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. ווען זיי האָבן אָבער שכל, די „וולאַסט" מיין איך, און לאָזן אַ ביסל צו־האַנדלען, וואָלט קיין בעסערע רעגירונג ווי די סאָוועטישע פאַר יידן ניט געווען. אַזוי איז שווערלעך, מען מאַטערט זיך.

סגלעקל קלינגט. . אין זאַל ווערט שטיל. פון אַ זייטיקער טיר קומט אַריין דער ריכטער אין דער זעלבער הלבשה, וואָס פריער, די אַרבל פאַרקאַשערט. ער זעצט זיך אין דער מיט פון אַ פירעקיקן לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ רויטן טישטעך. פוןביידע זייטן צוויי אַרבעטער: אַ הויכער שניידער און אַ נידעריקער קאַמאַשן־שטעפּער. איבער די ריכטער אויף דער וואַנט הענגט לענין אין אַ פּאָזע ווי ער וואָלט גערעדט צום עולם.

— דאָס געריכט גייט! — רופט אויס דער ריכטער און דער עולם שטעלט זיך.

דער סעקרעטאַר, אַ יונג בחורל, טראָגט אונטער אַ פּאַק מיט ענינים. דער ריכטער רופט אַרויס דעם מלמד, אַן איבערגעשראָקענעם ייד מיט אַ געפּלעקטער באָרד און מיט אַ תמעוואַט פּנים. ער רופט אויך אַרויס דעם צווייטן צד, אַ זשוואַווע פאַרשווינדל אָן אַ ראָק. דעם מלמדס ווייב שאַרט זיך נאָך.

— ווי הייסט איר? — פרעגט דער ריכטער דעם אָנגעקלאָגטן.

— משה ליכט.

— דעם טאַטנס נאָמען?

— העניכעוויטש.

— איר מיינט דאָך משה העניכס?

— יאָ.

— רעדט־זשע יידיש.

— וויפיל איז אײַך בירגער ליכט שולדיק פֿאַר לערנען זיין ייִנגל? — פֿרעגט דער ריכטער דעם מלמד.

— צוועלף קערבלעך.

— פֿאַר וויפיל חדשים?

— פֿאַר דריי.

— דער מלמד האָט געלערנט מיין ייִנגל דאַווענען — וואַרפט אַריין דער אָנגעקלאָגטער.

— כ'פֿרעג ביי אײַך ניט — שטעלט אים אָפּ דער ריכטער.

— ער האָט שוין דעם מלמד אָוועקגעקוילעט — זאָגט צו מיר מיין שכן. — די „סאָוועטישע וולאַסט" איז קעגן דאַווענען, און אויב אַפילו דער ריכטער זאָל וועלן, קאָן ער פֿאַר אַזאַ ענין ניט צומשפּטן, ווי למשל, לאָמיר זאָגן, להבדיל, אַ טמאה (פּראָסטיטוטקע). אַ טמאה קאָן מיך ניט קלאָגן, אַז איך האָב איר ניט באַצאָלט. די „וולאַסט" איז קעגן דעם מען זאָל באַצאָלן טמאות... אונדזער דאַווענען האָט שוין אויסגעהאַנדלט!

— בירגער, וואָס האָט איר געלערנט מיט ליכטס ייִנגל? — פֿרעגט דער ריכטער ביים מלמד. — איר האָט אים געלערנט שרייבן? געלערנט לייענען?

— דאַווענען האָט ער אים געלערנט! — וואַרפט ווידער אַריין דער אָנגעקלאָגטער.

— אויב איר שוויגט ניט, בירגער ליכט — האָט דער ריכטער אַ געשריי געטאָן — קריגט איר דריי טעג תּפֿיסה.

דער מלמד איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, ניט פֿאַרשטאַנען וואָס מען פֿרעגט אים, ניט געכאַפּט וואָס דער ריכטער מיינט מיט שרייבן, מיט לערנען לייענען, און צומיינסטן האָט אים געשראָקן דאָס וואָרט ב י ר ג ע ר.

דער ריכטער רעדט ווייטער. מען זעט, אַז ער וויל דעם תּמעוואַטן מלמד אַרויספּלאָנטערן, כאָטש ס'איז אים קלאָר, אַז דער מלמד האָט געלערנט דאַווענען.

— איר האָט דאָך געלערנט דעם ייִנגל אלף־בית! ענטפֿערט, בירגער, יאָ צי ניין?

— געלערנט.

— און שרייבן?

— אויך.

— אַייער מאַן, בירגערין, האַלט אַ חדר? — פרעגט דער ריכטער דעם מלמדס ווייב.

— פאַרן אומגליק האָט ער געהאַלטן.

— פאַר' וועלכן אומגליק?

— איידער די באָלשעוויקעס זיינען אַריין אין „וואָלאָסט".

דער עולם לאַכט, האַלט זיך פאַר די זייטן. די ריכטער האַלטן זיך איין, זיי זאָלן זיך ניט צעלאַכן און די אויגן שמייכלען.

— געלערנט שרייבן, לייענען — חזרט איבער אויפן קול דער ריכטער און דרייט זיך אוים צו זיינע מיטהעלפער. — איר האָט עפּעס צו פרעגן.

— ניין.

— לויטן אַרטיקל דעם און דעם, דאַרף ביתגער ליכט, דער אָנגעקלאָגטער, באַצאָלן דעם ביתגער אַ ז ו י א ו ן אַ ז ו י צוועלף קערבלעך.

אַ קינדער=שטעטל

די קינדער, וואָס זיינען פאַרבליבן יתומים נאָך דער מלחמה, נאָך די פּאָגראָמען און סתם קליינוואַרג אָן טאַטע=מאַמע, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט נע=ונד איבער סאָוועטנלאַנד, זיך געטראָגן סטאַדעווייז ווי חיהלעך, זיך אַזוי אַריינגעפּאַסט אין דער רוסישער זאַווערוכע — די דאָזיקע נפשות האָט מען באַזעצט אין קינדער=שטעטלעך. ס'האָט גענומען אַ צוויי=דריי יאָר ביז מען האָט דאָס קליינוואַרג צוגעוויינט צו די „שטעטלעך". ווינטער אין די גרויסע פרעסט איז מען נאָך באַרוועסע געזעסן אין שטוב. מיטן פרילינג פלעגט מען זיך צעלויפן האַלב=נאַקעטע. די יידישע דאָזיקע קינדער האָט מען פאַר דער צייט איינגעבראָכן. זיי אַנטלויפן מער ניט. רוסישע קינדער אַנטלויפן עד=היום, וואַלגערן זיך אויף אַלע וואָקזאַלן, און די רעגירונג קאָן זיך מיט זיי קיין עצה ניט געבן.

אַזוינע יידישע קיינדער=שטעטלעך האָב איך באַגעגנט הינטער אָדעס, כאַרקאָוו, בערדיטשעוו, פאַרבראַכט מיטן קליינוואַרג האַלבע און גאַנצע טעג.

כ'בין אָנגעקומען נאָכמיטאָג אין קינדער=שטעטל, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע ווי'אָרסט הינטער בערדיטשעוו. ס'גרויסע הויז, וווּ אַ פּאָר הונדערט קינדער לערנען, עסן און שלאָפן, איז כמעט געווען ליידיק. קינדער פון זעקס יאָר ביז ניין זיינען געווען צעשאָטן איבערן גראָז, זיך געשפּילט מיט דער לערערין אין „געגנדזלעך". די לערערין, גאָר אַ יונגע. האָט מיר אויסגעזען צו זיין מער פאַרטיפט אין דער שפּיל, ווי די קינדער.

— וווּ איז דער גאַנצער עולם? — האָב איך אָפּגעשטעלט די לערערין.

— אין פעלד בײַ דער אַרבעט — האָט זי אָפּגעצויגן ס׳פּאַר־שאַרצטע קלײד, װאָס האָט קוים פּאַרדעקט די קני, מיך באַטראַכט אַ װײל און מיך געפֿרעגט:

— זײט איר חבר אָפּאַטאָשו?

— איך.

— מיר האָבן געװאַרט אויף אײַך מיטן מיטאָג — האָט ס׳קלײנװאַרג מיך אַרומגערינגלט.

— דער גאַנצער עולם האָט געװאַרט — האָט די לערערין צוגע־געבן. — געװען אַנטויִשט, װאָס איר זײט ניט געקומען.

— װעט מען עסן װעטשערע צוזאַמען — האָב איך זיך געפֿילט שולדיק.

— איך האָב אַ טאַטן אין אַמעריקע, אין סעינט לויִס, ס׳איז װײט? — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ געל ײנגל. און כאָטש ס׳איז געװען קענטיק, אַז ער נעמט זיך איבער פֿאַר דער חברה מיטן אַמעריקאַ־נער טאַטן, האָט ער צוגעגעבן: — איך װעל אָבער קײן אַמעריקע קײנמאָל ניט פֿאָרן!

— זײן טאַטע שרײבט אַפֿילו קײן בריװ ניט, — האָט זיך אָנ־גערופֿן אַ מײדל, — איך מיר אַ טאַטע!

— און איך האָב אינגאַנצן קײן טאַטע־מאַמע ניט — האָט אַ קלײן מײדעלע מיך אָנגענומען פֿאַר דער האַנט.

— אָט קומט אסתּר! — זײנען די קינדער איר אַנטקעגנגעלאָפֿן.

די פּאַרװאַלטערין, אסתּר, ניט קײן הויכע, אין די פֿערציקער, מיט גלאַט אָפּגעצויגענע האָר, ס׳פּנים בלײך, די אויגן גרויס און אינגאַנצן איז זי ענלעך צו די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די אַמאָליקע פֿאַרשיקטע פֿרויען רעװאָלוציאָנערקעס.

זי האָט מיך אַרײנגעפֿירט אין די שלאָפֿצימערן. גרויסע צימערן מיט צװײ און דרײ פֿענסטער, װוּ בעטלעך, טײל אײַזערנע, טײל הילצערנע, מיט אָנגעשטאָפּטע שטרוי־שעניקעס, זײנען געװען פֿאַרבעט און אויסגעשטעלט אײנס לעבן אַנדערן, אַז ס׳איז שװער געװען דורכ־צוגײן.

— צופֿיל בעטלעך אין אַ שלאָפֿצימער — האָב איך זיך אָנ־גערופֿן.

— כ'ווייס, — האָט אסתר צוגעגעבן, — מען קאָן זיך אָבער ניט העלפן. מיר האָבן אַ צעטל פון עטלעכע צענדליק יתומים, וואָס מען דאַרף אַריינגעמען און ס'איז קיין פּלאַץ ניטאָ. היינט איז שוין גאָלד, דאָ קאָן מען זיך כאָטש אַ קער טאָן, צימערן ווי פעלדער... פּאַראַיאָרן האָבן מיר דאָס אויך ניט געהאַט, געוווינט אין פּאַלאַטקעס. דאָ, אין דעם הויז, האָט אַמאָל געוווינט אַ פּריץ, אַ רייכער גוטסבאַזיצער. איר מעגט, חבר אַפּאַטאָשו, אָנקוקן אַ לייענזאַל, אַ ביבליאָטעק... אַלץ ווערט געפירט פון די קינדער. זיי ריייניקן די צימערן, וואַשן, קאָכן... גייען אום מיט די בהמות, מיט די פערד, מיט די עופות...

— און ווער האַלט אויס „ס'שטעטל", די רעגירונג? — האָב איך געפרעגט.

— די ערשטע פּאָר יאָר האָט די רעגירונג אויסגעהאַלטן, אַסיגנירט טויזנטער רובל אַ יאָר, היינט — האָט ס'אומעטיקע פּנים ביי דער פאַרוואַלטערין אויפגעלויכטן — האַלטן מיר זיך אַליין אויס, שפּאָרן נאָך אָפּ אַ ביסל געלט. כ'וועל אײַך נאָר דורכפירן דעם לייענזאַל און די ביבליאָטעק, גייען מיר אין פעלד אַריין, ווו חברה אַרבעטן.

דער לייענזאַל איז גרויס, קאָן אַריינעמען עטלעכע הונדערט מענטשן. די ווענט זיינען אויסגעהאַנגען מיט וואַנט־צייטונגען, וואָס די קינדער שטעלן צונויף יעדע וואָך, מיט בילדער, וואָס זיי מאָלן. ס'הענגען מערן מיט די וואָרצלען, הויפּטלעך קרויט מיט די „גלאָמבעס", בינטלעך שויטן, „האַטקאָרן" מיט וואָנסן. דאָס נעמען זיך די פּופּצן־זעכצן־יאָריקע פּייערים איבער מיט די גרינסן, וואָס האָבן זיך איינגעגעבן, הענגען זיי אויס ווי מוסטערן.

די ביבליאָטעק איז אָרעמלעך. די ביכער אַזוי „דורכגעלייענט", אַז די בלעטער געשווילן, ווי ביי ציגאַנקעס די טעשלעך קאָרטן.

דער הויף איז ברייט און לאַנג, שמעקט מיט בהמה־מיסט, מיט עופות. פון קיך קומט אַרויס אַ פופצן־זעכצן־יאָריקע מויד, טראָגט אין אַ שאַף מיט צוויי אויערן געקעכץ פאַר בהמות. באַקן רויטע, ליפּן נאָך רויטערע. פיס שטאַרקע, בויגיקע, נאַקעט איבער די קני. זי דערזעט אונדז, ווערט לעבעדיקער. די אַרבעט ברענט אונטער אירע הענט, די ווייכע ערד פּירלט אונטער די באָרוועסע פיס.

עס קומט אונטער דער אַגראָנאָם, נאָך גאָר אַ יונגער. די וואָנצעס ווילן נאָך ביי אים ניט וואַקסן, גרעזלען זיך בלויז, כאָטש ער וויל דווקא אויסזען עלטער, רעדט מיושבדיק, ווייזט מיר דעם אונטערשייד צווישן פויערשן ווייץ, מאָגערן, און דעם פון „שטעטל“, גרויס ווי שרויט.

— מיר האָבן זיך ניט גערעכט אויף אַזאַ געראָטעניש — רעדט ער שטענדיק וועגן זיך אין מערצאָל.

עס ציען זיך קאָלירטע פעלדער. יונגען, מוידן מיט קינדערשע פנימער און טאַקע צוועלף־און פערצן־יאָריקע פויערים ליגן צווישן די בייטן, יעטן, רייסן אוגערקעס, רויטע און ווייסע מערן, בוריקעס, „קאָפּיען“ יונגע קאַרטאָפל. עס ציען זיך באַבלעטערטע פעלדער מיט הויפטלעך קרויט, מיט קאָלירט קרויט. דער ווייץ איז אויסגע־וואַקסן, וואַרפט אַראָפּ די דינע, שפּיציקע „וואָנסן“. די זאַנגען בויגן די קעפּלעך פון צופיל משא.

פון די פעלדער קומט אָן דאָס יונגוואַרג, פריש, דערשוויצט און אויסגעשמירט. מען רייבט די שוואַרצע הענט אָן די הויזן, אָן די קליידער, אָן גראָז, מען גיט מיר שלום. באַלד וואַקסן אויס אַ טוץ היטלעך מיט פלוימען — „ווענגערקעס“, „ליובאַשקעס“.

מען זיצט אין אַ ראָד, מען עסט. מען באַוואַרפט מיך מיט פראַ־געס וועגן אַמעריקע. עס פילט זיך ביים יונגן עולם גרויס דרך־ארץ פאַר דער אַמעריקאַנער „עפּישענסי“, מען ווייסט דאָרט מער וועגן פאָרדס מאַשינען, ווי מיר דאָ אין אַמעריקע.

די עלטערע, די איינגעזעסענע, וואָס טראָגן דעם עול פון „שטעטל“, נעמען זיך איבער מיט דער שפע, מיט דעם וואָס זייערס אַ בייט גיט צוויי און דריי מאָל אַזוי פיל אַרויס, ווי דעם שכנישן פויערס בייט, דעם אוקראַינערס. מען נעמט זיך איבער מיט די נייע ווערטער, וואָס ווערן געשאַפן אין יידיש ביי דער אַרבעט, און וואָס די ווער־טער ווערן אויסגענוצט פון דעם יידישן פאַקולטעט אין קיעוו.

— און די אַמעריקאַנער חברים אונדזערע—האָט אַ צוועלף־יאָ־ריקער פויער זיך געפרעגט — האָבן גאָרניט מיטגעשיקט קיין גרוס מיט איך? ווי ריידן זיי יידיש?

— וואָסערע חברים? — פרעג איך.

— די אַמעריקאַנער פּיאָנערן.

— זיי רײדן ניט קײן ייִדיש.

— מיר מײנען די י י ד י ש ע פּיאָנערן — האָט זיך עט־לעכע אָנגערופֿן.

— די ייִדישע פּיאָנערן אין אַמעריקע רײדן נישט קײן ייִדיש— האָב איך זיך אײַנגעקוקט אין דעם קלײנוואַרג, געוואָלט זען וואָס פֿאַר אַ רושם דאָס וועט מאַכן אויף זיי.

— אויך מיר ייִדישע פּיאָנערן!

— כאָטש איך האָב אַ טאַטן אין אַמעריקע — האָט זיך אַרויסגע־רוקט דאָס געלע ייִנגל — וואָלט איך אַהין ניט געוואָלט פֿאָרן.

— איך אויך ניט!

— אַז זיי רײדן ענגליש, קאָנען מיר זיך אײַנגאַנצן ניט דורכ־רײדן מיט די פּיאָנערן!

— גײ ווײס, אַז מען רעדט דאָרט גאָר קײן ייִדיש ניט!

— פֿונדעסטוועגן איז כּדאַי אָנצוקוקן אַמעריקע — האָבן זיך די אויגן צעשפּילט בײַ אַ צוועלף־יאָריקן פֿויער.

— כּדאַי, כּדאַי — האָבן צוויי מײדלעך, וואָס האָבן קײן ייִדישן אָנבליק נישט געהאַט, אַרויסגעזאָגט די ווערטער ווי גויעס.

— איר רעדט ייִדיש? — האָב איך זיי געפֿרעגט.

— ווי דען — האָבן די גרויסע באַקנבײנער בײַ זיי געשמײכלט — מיר האָבן דאָ אין „שטעטל“ פֿאַרגעסן אונדזער רוסיש.

— זיי זײַנען נישט קײן „ייִדישקעס“ — האָט מען מיר אײַנ־געראָמט פֿון אַלע זײַטן — דאָס זײַנען קאָזאַטשקעס, קומען אַזש פֿון דאָן, אַזוינע דאַכלאָזע ווי מיר — — — זיי האָבן דאָ אין „שטעטל“ פֿאַרגעסן צו רײדן רוסיש...

— חבֿר אָפּאַטאָשו, איר ווײסט? — האָט אַ מײדל מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר אַ האַנט — מיר האָבן אויך צווישן אונדז אַ פּאָעט! משהקע, אָט דער וואָס זיצט לעבן אײַך, שרײַבט לידער.

— ער שעמט זיך!

— זעט ווי ער רויטלט זיך!

משהקע, אַ דרײַצניאָריק ייִנגל, איז געזעסן אָן מראה אין פּנים.

ער האָט געזוכט מיט די אויגן ווו זיך צו באַהאַלטן. חברה האָט אים ניט אַרויסגעלאָזט, זיך געבעטן ביי מיר:

— איך וועט ער ניט אָפּזאָגן... זאָגט אים ער זאָל איבערלייענען זיינס אַ ליד...

— וואָס איז זיך דאָ צו שעמען, משהקע — האָב איך אַרומגענומען דאָס יינגל — לייען עפּעס איבער.

אָן אָטעם האָט דער דרייצניאָריקער בחור זיך אַ שטעל געטאָן און אַ פאַרלוירענער גענומען שטאַמלען:

— ס'איז מיר נאָר וואָס איינגעפאַלן אַ קליין לידל, לכבוד איך, חבר אָפּאַטאָשו...

„... אונדזער ערד איז פריש
מיט אויפגיין און מיט פרייד,
ווייל אינדזער לאַנד צום נייעם לעבן גייט.

איר, פריינד פון ווייטע ערדן,
איר, קינסטלער מיט שאַרפער פען אין האַנט,
מאָלט דעם היינט פון אונזער ראַטן־לאַנד!"

די פויערים, די פויערטעס האָבן אַ כאַפּ געטאָן משהקען אויף די הענט, אים געשליידערט ווי אַ פילקע:

— הוראַ, משהקע!

— הוראַ!

אין אַדעס

ס׳גלויבט זיך נישט, אָדעס זאָל זיין אַ האַפּנשטאָט. צו שטיל. מען גייט דורך ביי טאָג קוואַרטאַלן און מען זעט קיין מענטשן ניט. און אַפילו אַזוינע גאַסן ווי פּושקינסקאַיאַ, דעריבאַסאָווסקאַיאַ, די שענסטע גאַסן אין אָדעס, ציען זיך פאַרשלאָפענע, גענעצן אויפן דורכגייער מיט דער אַמאָליקער שיינקייט.

די ווערטלעך: „מען לעבט ווי גאָט אין אָדעס", „דריי מייל הינטער אָדעס ברענט ס׳גיהנום" — זיינען מן־הסתם געזאָגט געוואָרן אויף דער אַמאָליקער אָדעס. מיט דער היינטיקער שטילער שטאָט, וואָס זעט ביי טאָג אויס ווי אַ ריזיק קור־פּלאַץ אין האַרבסט, האָבן די ווערטלעך קיין שייכות נישט.

דער האַפן ביים שוואַרצן ים, די ברייטע פּלאַצעס, פּושקינס מאָנומענט, די הויכע צו פאַראַנקערן שיפן, די מעכטיקע טרעפּ, וואָס זיינען אַזוי באַרימט מיטן „פּאָטיאָמקין"־אויפשטאַנד פון 1905 — אַלץ דערציילט, אַז אַמאָל איז דער האַפן פול געווען מיט אַ פּיפּעריי, הוישעריי. ס׳קומען אויפן זכרון גאָרקיס „באָסיאַקעס", וואָס לאָדן אָן שיפן, זייער געזאַנג „דאַ אוכניעם". היינט איז דער האַפן שטיל. מען זעט קיין שיף ניט. ס׳דרייען זיך דאָ און דאָרט פישער־שיפלעך. דער שוואַרצער ים, וואָס טראָגט זיך אַזש פון סטאַמבול אַ פאַר־שוימטער, איילט זיך אָנצושלאָגן די יבשה, באַגעגנט נעבעך אַ ביסל עלטערע מאַנסבילן, אַ ביסל ווייבער ביים אָדעסער ברעג, שווענקט זיי אָפּ, צעשפּריצט זיך פון רוגזה אין אַ רעגנדל און גיסט אָפּ די ווייבער מיט קינדער, וואָס עסן אויף דער פּלאַזע „מאָראָזשענאָיע" (אייזקרעם).

די אָדעסער איינוווינער האָבן זיך דורך דער צייט פון דער

מלחמה, פון די פאגראמען, פארקלענערט אויף א העלפט, זיך צעלאפן אין די קלענערע שטעט, ווי ניקאלאיעווסק, וואס וואקסט אויפן חשבון פון אדעס. די טויזנטער סוחרים, די צענדליקער טויזנטער קרעמערלעך און מעקלערס, וואס האבן געלעבט מיט דער גאס, פון דער לופט — זעט מען מער נישט. טייל זיינען אויסגעשטארבן, טייל אריבער אויף מלוכה-שטעלעס, טייל אין די פאבריקן. אנדערע האבן זיך גענומען צו ערד-ארבעט. א קליינער טייל לעבט נאך מיט דער ליידיקער גאס, דרייט זיך ארום די גרויסע האטעלן, שמעקט, נישטערט, זוכט א פרנסהלע, א פארדינסטל.

אין א פרימארגן, כ'האב זיך נאר וואס געהאט אויפגעהויבן, קלאפט מען אין דער טיר פון מיין האטעלצימער. ס'קומט אריין א פארפוצטער פארשוין אין געקעסטלטע הויזן, אין א זיידענעם טשעסוטשא-ראק פון אמאליקע צייטן. ס'שטעקעלע אונטערן ארעם. ער דערמאנט א העלד פון גאלדפאדענס א מעלאדראמע. דער פרעמדער שטעלט זיך פאר, זעצט זיך היימיש אוועק, רעדט וועגן געשעפטן, דערציילט, אז ער האט א ווייב מיט פינף קינדער, אז ס'ווייב איז אין קאווקאז אין די בעדער, און פרווט פון דער זייט א טאפ טאן דעם דופק:

— איר דארפט אפשר בייטן דאלארן? כ'צאל א גוטן מקח!

— ר' ייד, — פרעג איך אים — טאקע דערפון, וואס איר דרייט זיך אין די האטעלן, ארום די האטעלן, קאנט איר שיקן ס'ווייב אין די בעדער? קאנט איר מפרנס זיין א פאמיליע פון זיבן פארשוין?

— ווי דען? — האט ס'פנים ביים פרעמדן געשמייכלט. — ווי לאנג מע לאזט זיך דרייען, דרייט מען זיך, מען מאכט א שיין, בכבוד לעבן. מען שרייט ביי אונדז, מען וויינט: די יעווסעקן האבן צוגענומען די כאר-שול און געמאכט פון איר א קלוב. נישט אזא אומגליק. מיט גאט קאן מען זיך אין שטוב אויך אויסטענהן. זעט איר, אז מען האט פון אדעסער טאלטשאק, וואס איז געווען בארימט איבער גאנץ רוסלאנד, ווו טויזנטער משפחות האבן געצויגן זייער חיונה; אז מען האט פון דעם מארק, פון אזא פרנסה, געמאכט א גארטן פאר קינדער, פארפלאנצט בוימעלעך, פארפלאנצט בלומעלעך, דערויף, זעט איר, דארף מען קריעה רייסן!

אַז אָדעם איז געווען אַלעב־שטאָט, זעט מען אָן די מיידלעך, וואָס פּודערן זיך, שמירן די ליפּן, זיצן אין קאַפּעהייזער מיט פּאַפּיראָסלעך אין די מײַלער. זיי זיינען אָרעמלעך אָנגעטאָן, נאָר מיט אַזוי פיל שיק און געשמאַק, אַז די הייבסט אָן טראַכטן צי דו האָסט די מיידלעך נישט באַגעגנט אויף בראָדוויי, צי אויף פּאַריזער בולוואַרן.

פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער לאָזן זיך פון די פאַבריקן, די אָנגעשטעלטע — פון די געשעפטן, ווערן די גאַסן לעבעדיקער. די רעסטאָראַנען, די קאַפּעהייזער זיינען איבערגעפּאַקט. מוזיק שפּילט און אָדעם לעבט אויף.

כ׳בין געווען אין אַ פאַבריק, וואָס וואַרפט אַרויס איינציקע טויזנט פּאָר שיך אַ טאָג. איבער אַכציק פּראָצענט אַרבעטער זיינען יידן. די מאַשינען, די סיסטעם פון אַרבעט, זיינען אַמעריקאַנער. די פאַבריק געפינט זיך אין איינער פון די שענסטע געביידעס. אַרום און אַרום אָפענע פענסטער. אַן אייגענע ביבליאָטעק, אַ טעאַטער, אַן עסצימער, ווו די אַרבעטער עסן אָנבייסן, מיטאָג. מיר האָבן זיך צערעדט וועגן אַמעריקע, ווו״ין יעדער אַרבעטער קוקט מיט הדך־ארץ און מיטן גלויבן, אַז ער וועט זיך נאָך אַמאָל פאַרמעסטן מיט „אָנקל סעם“.

— ווייסט איר, חברים, אַז איינער פון אונדזערע בעסטע דיכטער איז אַ קאַמאַשן־שטעפּער?

— איר מיינט דאָך מאַני־לייבן — האָט אַן אַרבעטער אין ברילן זיך אָנגערופן.

— מאַני־לייב! — האָט אַ צווייטער זיך אַרויסגערוקט. — איך האָב צוזאַמען מיט אים געאַרבעט. אויב ער איז טאַקע אַזאַ פּאָעט ווי אַ שוסטער, איז ער אַ גוטער פּאָעט. שנעל איז ער ווי אַ רוח!

— לאָז ער אַהער קומען דער מאַני־לייב!

— וועלן מיר אים מאַכן פאַרן „זאַוו“ (פאָרמאַן).

אָדעם האָט צוויי גרויסע פאַכשולן, ווו אַלץ ווערט געלערנט אין יידיש. ס׳שטייען הונדערטער יונגעלייט און מיידלעך ביי די וואַרשטאַטן. מען זינגט חסידישע מאָטיוון פון גראַנאָווסקיס מלוכה־טעאַטער און מען אַרבעט אוים שויבן־שאַנקען פאַר שטאָטישע מו־

זעומס. מען האַמערט אויס אײַזערנע סקעלעטן פאַר דענטיסטן־שטולן. ס׳קומען אָן באַשטעלונגען פון גאַנץ רוסלאַנד, און זײערע אײַזערנע בעטלעך װערן עקספּאָרטירט קײן פּערסיע.

אַ מײדל מיט לאַנגע, שװאַרצע ברעמען, מיט אַ הובל אין דער האַנט, לענגער װי זי, װײַזט מיר אַ שײן שױבן־שענקל און זאָגט מיט שטאָלץ:

— דאָס מאַך איך פאַרן מוזײ אויף מענדעלעס נאָמען!

— פאַר מאַנוסקריפּטן?

— נײן, פאַר מטבעות. נאָך ענגלאַנד האָבן מיר די גרעסטע קאָלעקציע פון אַלטע יידישע מטבעות.

דער מוזײ אויף מענדעלעס נאָמען איז נאָך קלײן, באַשײדן. ס׳איז אַ התחלה. דער פאַרװאַלטער פונם מוזײ, רובשטײן, קלײַבט מיט גרויס ליבע בריװ פון „כאַפּערס“, די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציעס, פּנקסים, הדסלעך, געשניצטע עמודן, כּתב־ידן, אי־לומינירטע מגילות, הגדות. ס׳הענגט אויף דער װאַנט אַ קוילנטאַש, װאָס אַ קאָזאַק האָט זיך אויפגענײט פון אַ צעריסענער ספר־תורה.

מענדעלעס צימער איז אַ שטיק לעבעדיקע ביאָגראַפיע. ס׳הענגט זײן רוסישער דיפּלאָם פון דער ראַבינער־שול, זײנע קול־קוראס, ס׳ער־שטע בלעטל, װאָס ער האָט געשריבן אין יידיש. ס׳ליגן די געשרי־בענע װאַריאַנטן פון זײנע װערק, די מתנות װאָס ער האָט באַקומען פון אַלע טײלן װעלט. עס שטײט זײן שטול, זײן שרײַבטיש. דערלעבן ליגט זײן קאַפּעלוש, אַן אַלטער, אַ צעקנײטשטער, װאָס פּאַסט אַזױ פאַר אַ זײדן. און לעבן דעם יידישן אויפשריפט אויף דער מצבה פון שװאַרצן גראַניט, װאָס ס׳האָט אים געשטעלט דער „איספּאָלקאָם“, טוט אַ בלאָז מיט אַזאַ פרישקײַט און ברידערלעכקײט דער אוק־ראַינישער אויפשריפט:

„דידוסאָװי יעװרײסקאָי ליטעראַטורי“.

אויף דער מאָלדאַוואַנקע

ס'ציען זיך אָפּגעקראָכענע, צעשפּאָלטענע הײַזער. טייל לייגט מען איין, אַנדערע שפּאַרט מען אונטער זיי זאָלן נישט אײַנפֿאַלן. אויף די גאַסן און געסלעך איז שטיל, ווי אין אַ דאָרף שניט־צייט. דאָ און דאָרט זיצן האַלב־נאַקעטע קינדער און שפּילן זיך.

דאָס איז די מאָלדאַוואַנקע — דער אָרעמסטער קוואַרטאַל אין אָדעס, וווּ די ייִדישע „אונטערוועלט" האָט צענדליקער יאָרן געקיניגט, און אַז מען האָט געדאַרפֿט, האָט זי זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַפֿילו „נאַטשאַלסטוואָ". אָדעס רעדט נאָך הײַנט וועגן דעם און יענעם באַנדע־אָנפֿירער. ווי מען רעדט וועגן אַ קייסער.

ס'רובֿ פֿירער זײַנען געפֿאַלן אין דעם בירגער־קריג, אַנדערע זײַנען זיך צעלאָפֿן און די „תּלמידים" זײַנען געוואָרן יורדים, פֿאַרנעמען זיך מיט „מאַרעוויכערײַ" (קעשענע־גנבֿה), „וועשערײַ" (נאַכט־גנבֿה) און „כלאַמידניקערײַ" (קליידער־גנבֿה). דערצו באַזעצן זיך אויף דער מאָלדאַוואַנקע אַרבעטער, עפֿענען קלובן, ביבליאָטעקן און דאָס אַליין פֿאַרטרײַבט די גנבֿים אין אַנדערע גאַסן.

חבֿרים נעמען מיך אין דער מיליץ, וואָס אויף דער מאָלדאַוואַנקע, ווילן מיר ווײַזן ווי „פּאָליסלײַט" פֿירן אָן זייער אַרבעט אין ייִדיש. ס'וואָרט פּאָליציאַנט איז אין סאָוועטרוסלאַנד אַ באַליידיקונג, מען הייסט מ י ל י צ י אָ נ ע ר. און דער סאָוועטישער מיליציאָנער איז טאַקע העפֿלעך, הייבט קיין האַנט נישט, ווען מען פֿאַרפֿאָרט אים אַפֿילו אין דער באַק אַרײַן. העכסטנס בינדט ער דעם אָנפֿאַלער, מאַכט אים אומשעדלעך און פֿירט אים אָפּ אין דער מיליץ. פֿאַר אויפֿהייבן אַ האַנט זאָגט מען דעם מיליציאָנער אָפּ פֿון דער שטעל.

מיר גייען אַרײַן אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט הויז מיט פֿליגל. פֿאַר דער מלחמה איז נאָך דאָ געווען אַ פּאָליצײַ־„אוטשאַסטאָק".

דער הויף אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט זעט אויס ווי אַ פעס-
טונג. עס שווינבלט מיט מיליציאָנערן. טייל ליגן אויפן גראָז, רוען,
אַנדערע מושטירן זיך, שיסן אין אַ ציל-ברעט.

מען פירט אונדז אַריין צום קאָמיסאַר. אַ פעסטגעבויטער יונ-
גערמאַן באַגעגנט אונדז, רעדט אַן אָדעסער יידיש, דערציילט, אַז
ער האָט אונטער זיך זעקס באַצירקן.

— ווי אַרבעט זיך, חבר, אין די יידישע „אוטשאַסטקעס"? —
פרעג איך דעם קאָמיסאַר. „גאַנץ גוט", פאַרטראַכט זיך דער קאָמי-
סאַר, זוכט אַ יידיש וואָרט — „אַז איך בין אַהער אָנגעקומען איז
געווען „אָפּאַסנאָ" דורכצוגיין אויף דער מאָלדאַוואַנקע אַ גאַס, און
היינט קען אַפילו אַ „זשענשטשינע" (אַ פרוי) גיין, מען וועט זי ניט
טשעפּען — אַזוי אויסגערויכערט האָט מען די באַנדיטן.

— און די אַרבעט ווערט טאַקע געטאָן אין יידיש? — פרעג
איך.

— ווי דען — שלעפּט דער קאָמיסאַר יידישע געשנורעוועטע
ביכער פון אַ פּאָליצע — אַז אַ מיליציאָנער אַרעסטירט אַ יידן, מוז
ער אויסשרייבן אַזאַ „מעלדאָנג" אין יידיש (דאָס וואָרט מעלדונג" רעדט
דער קאָמיסאַר אויס לויט דער אָדעסער אויסשפּראַך „מעלדאָנג").

דער בחור שטאַמלט, קרעקט זיך. סיידישע לשון קומט אים
אָן שווער, העלפט זיך אַרויס מיט רוסיש, פאַרשעמט זיך און
שמייכלט:

— כ'רייד ווי אַ גוי יידיש, האַ? אַז כ'בין אַהער געקומען, האָב
איך אינגאַנצן נישט געקענט ריידן...

ער קלינגט אָן. פון אַ זייטיקן צימער קומט אַריין אַ יונגער-
מאַן אין די צוואַנציקער. אויף דער אייבערשטער ליפּ שאָטענען
זיך וואָנסעלעך. די טונקעלע בלויע הויזן, וואָס זיצן אין געפּאַסטע
שטיוול, שטייען אָפּ ביים גראָבן פלייש, ווי קלאָשן. דער רעוואָל-
ווער פינקלט אַראָפּ פון דעם נייעם לעדערנעם פאַסעק.

— דער חבר דאַוויד, איז דער ממונה ביי אונדז איבער די
יידישע מיליציאָנערן. ער וועט אייך אַלץ זאָגן — שטעלט דער קאָ-
מיסאַר אונדז פאָר דעם חבר דאַוויד.

דער חבר דאַוויד פּאַרלירט זיך ווי פּאַר אַן עקזאַמען. פון הינ־טער די וואָנסעלעך קוקט אַפיר אַן איידל פּנים, וואָס רויטלט זיך.

— ווי גייט עס מיט יידיש? — פרעג איך דעם חבר דאַוויד.

— איצט בעסער, פיל בעסער — ציט דאַוויד אָפּ דעם מונ־דיר און בלייבט שטיין מיליטעריש, גלייך ווי אַ סטרונע.

— ווו האָט איר געלערנט יידיש, אין אָדעס?

— וואָס אמת — הוסט דאַוויד אָפּ — דאַרף איך אייך זאָגן, אַז ביז דרייצן יאָר, „פּראַסטיטע זאַווראַזשעניע“, בין איך אַליין געגאַנגען אין חדר, זיך אַפילו אַרויפגעדראַפּעט צו אַ בלאַט גמרא. „זשאַרגאָן“ האָב איך גוט געקענט. דאָ אין באַצירק האָבן די אינסטרוקטאָרן גענומען ריידן יידיש לויט דער גראַמאַטיק, איז טאַקע אין אָנפאַנג געווען שווערלעך, אָבער „ניטשעוואָ“ — לאַכן ביים חבר דאַוויד די וואָנסעלעך — מיר האָבן עטלעכע קלאַסן אין יידיש, צו צען, פופצן מיליציאָנערן אין אַ קלאַס און דער עולם „אוספּיוואַיעט“.

— ווי איז דער יידישער מיליציאָנער אין פאַרגלייך מיטן רוסישן?

— ערגער אוודאי נישט, אפשר בעסער, ווייל דער ייד טרינקט נישט, איז שטענדיק ניכטער.

— און אויף דער מאָלדאַוואַנקע איז שטיל, נישטאָ מער קיין באַנדיטן?

— קיין באַנדיטן, קיין אַלפאָנסן זיינען מער נישט פאַראַן, נאָר שטיל איז אויך נישט. געשלעגן קומען פאָר, ערשט נעכטן האָט מען אַריינגעזעצט אַ מיליציאָנער אַ מעסער אין זייט.

— און דער מיליציאָנער האָט זיך געלאָזט?

— אַ מיליציאָנער טאָר ביי אונדז נישט צוריק שלאָגן. ס׳איז אַ גאָלדן געזעץ, חבר, אָבער אונדזערע גנבים נוצן שוין צופיל אויס דאָס געזעץ און נישט איין מיליציאָנער כאַפּט אַריין אַ מע־סער אין זייט.

— אָט וועל איך אייך ווייזן, ווו מען פלעגט אַמאָל שלאָגן אין אָדעס, קרימינעלע, פּאָליטישע.

דער קאָמיסאַר מיטן געהילף האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ פינסטערן קאָרידאָר, געעפנט אַ שווערע טיר.

— איר זעט, אין דער שטײנערנער קאַמער האָט מען איבער דרײַסיק יאָר געשלאָגן מענטשן, געשלאָגן מיט בלײַערנע ראַפּניקעס, געפּאַסעוועט סלײַב, ביז צום בלוט.

— מען האָט מיך דאָ אויך געשלאָגן, אין 1906 — האָט אַ חבר זיך אָנגערופֿן — אוי געשלאָגן!

דער קאָמיסאַר האָט אַן עפֿן געטאָן אַ צווייטע קאַמער. אויף אַ נאַרע זײַנען געלעגן דרײַ פֿרויען. אַ קורצע, אַ ברייט־קײַלעכדיקע גויע, ווי צען סאַמאָוואַרן, האָט זיך אַ זעץ אויף געטאָן, זיך אָנגעשפּאַרט אָן די ברעטער פֿון דער נאַרע, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פֿאַרחידושטע אויגן:

— מען האָט דיך אויפֿגעקליבן אין גאַס, מומעשי. אַ שיכורע — ווי פֿילסטו זיך איצט, ניכטער?

— ניכטער, טײַערינקער — האָט זי פֿאַרקאַטשעט ס׳קלייד איבער די געשוואָלענע פֿאָלקעס און זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון דער נאַרע — די קינדערלעך מײַנע וועלן איבערקלערן ווו זייער מאַמע איז... לאָזט מיך, טײַבעלעך...

— גיי, גיי און שיכור נישט, מומעשי.

די אַנדערע צוויי פֿרויען האָבן די קעפּ נישט אויפֿגעהויבן. איינע מיט שיקלדיקע אויגן איז געזעסן אין אַ ווינקעלע, געפֿינטלט מיט די ברעמען. די אַנדערע, נאָך גאָר אַ יונגע, מיט אַ געשוירן קעפּל האָר, ווי בײַ אַ ייִנגל, האָט זיך אַ שאַר געטאָן צום קאָמיסאַר:

— נישט איך, חבר, האָב געגנבעט. מײַן חתן, דער אויסוואורף, האָט מיך אויך באַגנבעט, אומגליקלעך געמאַכט און מיך איבערגעלאָזט אָט אַזאַ — האָט זי געוויזן אויפֿן בויך, וואָס איז געווען אײַנגעפֿאַלן.

— ס׳איז אַ דינסטמיידל — האָט דער חבר דאַוויד מיר אײַנגערוימט — זי מיטן חתן האָבן באַגנבעט איר באַלעבאָסטע אויף איבער טויזנט רובל. דער חתן האָט אָפּגעצויגן מיט דער גנבה און איבערגעלאָזט די כלה אין פֿערטן חודש. אַזאַ פֿאָרליעץ. ווען זי איז נישט אין פֿערטן חודש, וואָלטן מיר געמאַכט אַן אַבאָרט, איצט איז געפֿערלעך... אַזאַ פֿאָרליעץ!

— און ווער איז די אַנדערע, וואָס שווייגט?

— זי האָט דערשטיקט אַן אייגן קינד, אַ קינד פון אַ חודש.

— אויך אַ יידישע?

— אַ יידישע, פון דער מאָלדאַוואַנקע. דער מאַן איז אַנטלאָפן פון איר, האָט זי דערשטיקט ס'קינד.

— נישט מיין קינד, אַראָנטשיקס! — האָט זיך די פרוי מיט אַמאָל צעשריען מיט אַן אומגעהאַריש קול, אַז ס'איז מיר קאַלט געוואָרן — פאַרוואָס אַרעסטירט איר אים נישט, דעם אמתן מערדער, נאָר מיך, אַ שוואַכע מאַמע... גייט, גייט פון מיינע אויגן, טראָגט אייך!

— זי איז נישט ביים זינען — האָט דער קאָמיסאַר צוגעגעבן — היינט שיקן מיר זי אָפּ אין שפּיטאָל אַריין.

— איר זענט אַליין משוגע! וואָס קוקט איר אויף מיין בייז וווּנדער! גייט!

— „טאָוואַרישטש" קאָמיסאַר — האָט דאָס טראַגעדיקע דינסטמיידל זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים — לאָזט מיך נישט איבער מיט איר, כ'האָב מורא! כ'בעט אייך!

מיר זיינען אַרויס, מיטגענומען דאָס דינסטמיידל און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.

די מערדערין האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות, געגוואַלדעוועט און מיט אַמאָל זיך פונאַנדערגעוויינט.

בײַנאַכט אין מאָסקווע

אין קלוב „קאָמוניסט“ האָט זיך דער באַנקעט געענדיקט אַרום צוויי בײַנאַכט. וואַך, אויפגערוימט, האָט זיך דער עולם קופּקעווייז אַרויסגעשאָטן אויף דער גאַס, זיך צעשטעלט אין קרענצלעך און אויף ס׳נײַ חשק געהאַט ערגעץ צוצוגיין.

— כ׳וואָלט געטרונקען אַ שוואַרצע קאַווע, — האָט איינער זיך אָנגערופן.

— איך אויך.

— ווו וועט איר איצט קריגן קאַווע, אַז אַלץ איז געשלאָסן, מאָס־קווע שלאָפט — האָט אַ באַליבטער כלל־טוער געשלעפּט זײַן ווײַב, וואָס איז געשטאַנען אַ ליכטיקע, אַ צעפלאַמטע און שטאַרק קיין חשק ניט געהאַט אַהיימצוגיין. — קום, זינאַידאַ, ס׳איז שפּעט.

— כ׳בין אַזוי וואַך, אַז ס׳ווילט זיך מיר נישט גיין אַהיים, — האָט כ׳ווײַב געלאָזט שטיין דעם מאַן און זיך צוגעשאַרט צו אַן אַנדער קרענצל מענטשן.

— לאָמיר צוגיין אין שרײַבער־קלוב, — האָט עמעצער גע־לאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— פאַרמאַכט זיך פּונקט צוויי אַזייגער.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין מאָסקווע זײַנען פאַראַן פּלעצער, ווו מען לאָזט זיך ווײַלן אַ גאַנצע נאַכט. קיינער אָבער האָט די פּלע־צער נישט אָנגערופן בײַם נאָמען. פון אַ געסל איז אָנגעקומען אַ מיליציאָנער, מיט חשד געקוקט אויפן עולם. איינער האָט זיך צעגענעצט, אָנגעשטעקט אַ צווייטן, אַ דריטן און דער עולם האָט זיך צערעדט אין דער וועלט אַרײַן.

— מ׳דאַרף גיין!

— יאָ, צייט צו גיין!

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

דריי אירע זיינען מיר געבליבן אין דער ליידיקער גאַס, — איך, אַ יונגער פּראָפעסאָר און אַ זשורנאַליסט.

— איצט אַ גלעזל שוואַרצע קאַווע וואָלט טאַקע ניט געשאַדט — האָב איך זיך אָנגערופן.

— מיר וועלן צוגיין אין דער „גרויסער מאָסקאָווסקע", וואָס געפינט זיך אויפן פּלאַץ רעוואָלוציע, — האָט דער זשורנאַליסט, אַ רירעוודיקער מענטשל, וואָס ווייסט אַלץ און קען אַלעמען, אַ זאָג געטאָן, — דאָרט איז אָפן אַ גאַנצע נאַכט.

— אין דער „גרויסער מאָסקאָווסקע"? — האָב איך זיך געחידושט, — איך ווייס דאָך דאָרט...

— דאָרט טאַקע, ווי איר ווייסט, — האָט דער זשורנאַליסט מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, — איך בין אין ניו-יאָרק נאָך נישט געווען, נאָר דאָס פּלאַץ אין „גרויס מאָסקאָווסקע" קען זיך פאַרגלייכן מיט די שענסטע פּלעצער אין בערלין, ווין און פּאַריז. דאָ האָט מען פאַר דער מלחמה שפּאַר אַריינגעגעסן און אַריינגעטרונקען, ס'איז געווען דער קלוב פון מאָסקווער סוחרים. וואָס, וואָס, נאָר אין הלכות פרעסן-זויפן האָט זיך קיינער צו די מאָסקווער סוחרים ניט געקענט פאַרגלייכן.

— מעגסט צוגעבן „הלכות נשים" אויך, — האָט דער פּראָפעסאָר זיך צעלאַכט.

אויף די מאָסקווער געסלעך און הינטערגעסלעך איז געווען שטיל ווי אין אַ דאָרף. שטומע, פינסטערע הייזער האָבן געשווערט איבער די שמאָלע דורכגענג, איבער די נאָך שמעלערע טראָטואַרן און ווי מען האָט זיך אַ קער געטאָן, האָט געגלאָצט אַ צערקווע מיט בייכיקע קופּאָלן.

די גאַסן זיינען געוואָרן ברייטער, אויסגעטיילט פון זיך אַ פירעקיקן מאַרק, וואָס האָט געשמעקט מיט צוגעלעגענעם אויבס, מיט גרינצייג און יאַטקע. אַ בעטלער האָט גענישטערט אַ קופּע אָפּ-

פּאַל, געשטופּט אין אַ זאַק אַריין, וואָס עס איז אים געקומען אונטער דער האַנט.

מיר זיינען אַריין אין אַ ברייטער גאַס, וואָס איז פול געווען מיט וויטרינעס און שילדן. דער בלישטש פון די פּאָלירטע טראַמוויי-שינעס האָט געפינקלט אַנטקעגן דער לבנה. אַרום די מלוכה-געשעפטן האָבן זיך געדרייט זעלנער מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, איבערגעלאָזט נאָך זיך טריט פון שווערע שטיוול. פאַר די פאַרמאַכטע טירן פון די פּריוואַט-געשעפטן זיינען געזעסן היטער. איינער איז געלעגן אויף אַן אויסגעבעטער שוועל מיט אַ קישן צוקאָפּנס, אַ צווייטער אויף בענקלעך, אַ דריטער איז געזעסן און ביי אַ האַנט-לאַמטערנע געלייענט אַ בוך. דאָס האָבן זיי געהיט די געשעפטן פון גנבה.

מיר האָבן דורכגעשניטן אַ בולוואַר. אויף די בענק האָבן געדרעמלט פּאָרלעך, זיך געוועקט ווען עמעצער איז פאַרבייגעגאַנגען, געקוקט מיט חשד און ווידער איינגעדרעמלט. פאַרפּוצטע פרויען האָבן זיך געדרייט הין און צוריק, שפּאַצירט איינציקווייז, צו צוויי, צו דריי.

— אויב איר האָט נישט ווי איבערצונעכטיקן, חברים, האָבן מיר אַ באַקוועמען צימער, אָט דאָ נישט ווייט, — איז אַ „דריילינג" אונטערגעקומען און אין דער קעגנוואַרט פון אַ מיליציאָנער אונדז פאַרבעטן צו זיך אַהיים.

— אַ דאַנק, מיר האָבן אַן אייגענע דירה.

— נישט פריילעך ביי אונדז — האָט דער מיליציאָנער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן רעוואָלווער.

— פאַרוואָס, בירגער?

— פּראָסטיטוציע איז ניט ערלויבט, און דער בולוואַר שווימלט מיט געקראָכמאַלעטע קליידלעך... איך וואָלט זיי אַלע אַוועקגעשטעלט רייניקן די גאַסן, אָט די „באַרישנעס" מיט די ווייַסע הענטלעך.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז דאָס זיינען „באַרישנעס"?

— אין די נעז דערקען איך זיי — האָט דער מיליציאָנער זיך צערעדט — קיין איין פאַרשאַרצטע נאָז און וואָס אַ וואָרט איז

„באָן סואַר מאָנסיע, אָ־רעװואַר, מאָנסיע“, פון די אמתע בורזשויסקע טעכטערלעך!

מיר האָבן נישט געענטפערט און גענומען שפּרײַזן גיכער. נישט ווײַט פון דער אָפּערע האָט זיך דער פּראָפעסאָר מיט אונדז געזעגנט. איך מיטן זשורנאַליסט האָבן זיך אַרײַנגעדרייט אין „פּלאַץ רעוואָלוציע“, געקוקט אויף מיין האָטעל, וואָס איז געלעגן מיט זיין גאַנצער גרייס און הייך כמעט אַ פינסטערער. בלויז ביים אַרײַנגאַנג האָבן צוויי עלעקטרישע לאָמפּן געברענט.

מיר האָבן אָנגעקלונגען. דער פּאָרטער האָט זיך פאַרנייגט און אונדז אַרײַנגעלאָזט אין דעם האַלב־באַלויכטענעם פּאָדערהויז.

— קען מען עפּעס קריגן איבערצובייסן? — האָב איך געפרעגט דעם פּאָרטער.

— דער רעסטאָראַן איז אָפן ביז פאַרטאָג — און דער פּאָרטער האָט געוויזן אויף די טרעפּ — רעכטס אויפן ערשטן שטאָק.

די טרעפּן ברייט, געדעקט מיט פּערסישע דיוואַנען, האָבן געפירט אין נאָך ברייטערע זאַלן. שווערע דעמבאָווע טירן האָבן זיך געעפנט און אַן אַמעריקאַנער „דושעז“ האָט פאַרשייט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין פנים אַריין. דער זאַל איז פול געווען מיט שפּיגלען, מיט קאַנדעליאַברעס, מיט לעבעדיקע בלומען. אַרום די ווענט האָבן זיך געצויגן געדעקטע טישן און טישלעך. די ווייסע טישטעכער, סטאָלאָוואַרג האָבן געבלענדט די אויגן. אַ מאַט, וואַרעם ליכט האָט געפלייצט פון די הונדערטער לעמפּלעך, געפאַלן אונטער די טישן, אונטער די שטולן, געמאַכט דורכזיכטיק יעדעס פנים.

דאַמען אין סאַמעט און אין זייד. העלנט נאַקעט ביז איבער די אַקסלען, דעקאָלטעס טיף אין די איינגעשנורעוועטע בריסטן אַריין. מען הייבט זיך לייכט פון די טישלעך, מען טראָגט זיך עלעגאַנט מיט מענער, און די פיס, לאַנגע, רויקע, ווי ביי באַלעט־טענצערינס, לייגן איין וועלטן, שרייען איבער דעם „דושעז“.

— וואָס פאַר אַן עולם געפינט זיך דאָ? — האָב איך אַ פאַרוואונדערטער אַ פרעג געטאָן ביים זשורנאַליסט.

— צומייסטן איסלענדער און אַ ביסל אייגענע. — רייכע „נעפּ־לייט“... איר קענט דאָ באַגעגענען אַ פּאַרטיי־מאַן אויך. נאָר פון

די הויכע „שישקעס“, ניט אַבי ווער, — האָבן דעם זשורנאַליסטס אויגן געבלאָנדזשעט איבער די טישלעך, — אָט זיצט דער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער ניו־יאָרקער „טיימס“ און אָט איז פון דער „וואָרלד“, זיי לעבן זיך אין מאָסקווע ווי די גראַפן — און מיין קאָלעגע האָט געניי געוווּסט וויפיל יעדער פון די קאָרעספּאָנדענטן באַקומט שכי־רות.

מיר האָבן באַשטעלט קאַווע און קאַוויאָר־סענדוויטשעס.

— און וואָס פאַרא דאַמען זיינען דאָס? — האָב איך געפרעגט.

— שווער צו זאָגן, — האָט מיין קאָלעגע געשמייכלט, — אָט די הויכע, די בלאָנדע, איז דעם געוועזענעם גאָלאָוואַס (מעיאָרס) אַ טאָכטער. אַלע כמעט דאָ זיינען „געוועזענע“. בייטאָג שלאָפט מען און ביינאַכט „דזשעזעט“ מען, מען ווייַלט אויסלענדער און זיך... איר זעט דעם אויסגעצערטן פאַרשוין, וואָס גייט פון טיש צו טיש? דאָס איז אַ געוועזענער פירשט. ער וועט צו אונדז אויך צוקומען, וועט פאָרשטעלן זיין יחוס... אָט גייט ער טאַקע צו.

אַ מאָגערער פאַרשוין אין די דרייסיקער. די הויט אויפן פנים און דער עיקר אויפן שטערן, ווי אַלטער פאַרמעט. די נאָז דין, שאַרף. די אויגן מידע, ווי זיי וואָלטן געטראָגן נישט נאָר די אייגענע יאָרן, נאָר דעם טאַטנס, דעם זיידנס.

— כ'בין פירשט וואָלינסקי, — האָט ער אָנגעהויבן אין אַ פיינעם ענגליש — וואָס אמת, האָט די ראַטנמאַכט מיך געדאַרפט האַלטן אין אַ מוזעום, כ'בין אַן אוניקום, דער איינציקער פירשט פון מאָסקווע...

און איידער איך האָב צייט געהאַט עפּעס פרעגן ביי מיין שכן, האָט דער פירשט דאָס זעלבע איבערגעחזרט אין פראַנצויזיש און געענדיקט אין רוסיש:

— כ'לאָז עס איבער צו אייך... וויפיל איר וועט געבן וועט זיין גוט...

— גיט אים אַ קערבל — האָט אַ ברייט־ביינִיקער פאַרשוין, וואָס איז געזעסן לעבן אונדז איינער אַליין ביי אַ טישל, זיך אָנ־גערופן.

דער פֿאַרשוין האָט אַ נעם געטאָן זיין פֿלאַש ווײַן מיטן גלאָז, זיך אויפֿגעשטעלט און זיך צעוואַקלט:

— איר האָט דאָך גאָרנישט דאַקעגן, ביתגער?

— „פּאָזשאַלוסטאַ" (ביטע) — האָט מיין קאָלעגע ברייט אַ זאָג געטאָן און געמאַכט פּלאַץ ביים טישל.

— אַ שיין ווירטשאַפֿט, — האָט דער פֿרעמדער זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן, שפּאָר אָפּגעזופּט, אַז די אויגן זיינען רויט געוואָרן — פֿירשט וואָלינסקי בעט נדבות... כ'האָב זיי אַלע געקענט — דער פֿאָטער, די מוטער, די ברידער... ווילע מענטשן געווען... וואָס זיי האָבן פֿון מאָסקווע געמאַכט — אַן אַלטע מאָנאַשקע... מען טרינקט נישט, מען עסט נישט, מען לעבט ניט... אַזאַ וואָלינסקי, זיינס אַ ברודער, פֿלעגט אַהער אַריינקומען מיט אַ חברה, באַשטעלן אַ צען פֿלעשלעך שאַמפּאַניער, צעהאַקן מיט די ליידיקע פֿלעשער די שפּיגלען און אויפֿן פּלאַץ צאָלן פֿאַרן שאָדן... היינט איז אַלץ טויט... כ'רייד שוין נישט פֿון אַ געהילפֿס־פּאָליצמייסטער, איך בין געווען אַ געהילף־פּאָליצמײַסטער — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ אַריין, — נאָר אַ געווינלעכער פּאָליציאַנט איז געווען אַ מאַכט... אַז ער פֿלעגט אַרויס אויף דער גאַס, האָט מען אים אָפּגעטראָטן דעם וועג... און אַז נישט, שלעפּט ער אים גלייך אין דער פּאָליציי, איז טאַקע געווען אָרדענונג... ניט היינט, ווי אַלץ איז טויט... אַ שיין ווירטשאַפֿט האָבן זיי געמאַכט פֿון מאָסקווע...

— וווּ דינט איר איצט? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— זיי האָבן פֿאַר אייגענע מענטשן קיין שטעלעס ניט, וועט מען מיך צונעמען? — האָט ער אַ בליק געטאָן צו מיר און די אויגן האָבן שיכורדיק געשמייכלט — ווי לאַנג עס זיינען פֿאַראַן גוטע מענטשן, וואָס שטעלן אַ פֿלעשל ווײַן, דאַרף מען קיין שטעלעס נישט, האַ, האַ, האַ!

דער „דזשעז" האָט זיך צעשאָטן איבערן זאַל.

אויף מאָסקווער בולוואַרן

עס איז זונטאָג נאָכמיטאָג. איך שפּאַציר מיט אַ חבר איבער מאָסקווער גאַסן. מיר פאַרדרייען זיך אויף פּושקין-בולוואַר, וואָס איז אַזוי ברייט ווי אַ פּראָווינץ-שטעטל.

עס גייען פאַרביי גרוזינער אין דריי-גאָרנדיקע היטלען פון שוואַרצע שמויסן, כאָטש די זון באַקט אָן רחמנות. צעוואַקסענע טשערקעסן, אָנגעפּיקעוועט מיט כלי-זיין, פּאַראַדירן אין ברייטע שורות. עס שאַרן זיך קאַלמיקן, וואָס זיינען ברייטער ווי העכער; טאָטערן אין זילבערנע און גאָלדענע קאַפּעלעך אויף די אָפּגעגאָלטע קעפּ; גאַנצע משפחות ציגיינער.

צווישן דעם „ערב-רב" פון פעלקער און לשונות טראָגט זיך דער ברייטער מאָסקווער רוסיש אין מיין אויער, כאַפּט אויף אָפּגעריסענע ווערטער אין דייטש, פּויליש, פראַנצויזיש, יידיש און ענגליש.

אויף אַ ליידיקן פּלאַץ שטייט אַ כינעזער, דין און בויגיק ווי אַ לאָטוס-פלאַנץ, און ברעכט אַייזערנע רינגען, שניידט פון זיך לעבעדיקע שטיקער פלייש. די מאַנדל-אויגן שמייכלען צום עולם, דער צאָפּ אויסגעפלאָכטן ווי אַ ראַפּניק, שמייסט איבער די שמאָלע אַקסלען. דער כינעזער, וואָס קאָן זיך אַליין אויפהייבן פאַר די אייגענע אויערן, קאָן בשום אופן ניט אַרויסריידן קיין צוויי ווערטער רוסיש. ער גוידערט איף זיין לשון און פאַרענדיקט יעדן פּאָקוס מיט אַ כריפּ פון קלאַנגען:

„שטוקאַ, שטוקאַ, שטוקאַ—אַ—אַ!"

דער מאָסקווער עולם — מענער, ווייבער און צוזמיינסטן יונגוואַרג — שטייען קאָפּ אויף קאָפּ, הענגען אויף די אַרומיקע ביימער, קוקן און גאַפן ווי דער כינעזער מאַכט זיינע קונצן.

— אַ ביסל פּעלקער פאַראַן אין אונדזער מאָסקווע — זאָגט אַן עלטערער קאַצאַפּ מיט אַ שיטער בערדל, וואָס וויל ניט וואַקסן.

— איבער הונדערט — רופט זיך אָן אַ יונג מיט געפּאַלדעוועטע כאָליאָוועס.

— אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן מער פּעלקער — שאַרט זיך אַרויס אַ פאַרשוין, אָנגעטאָן ווי אַן אַמעריקאַנער.

— איר מיינט שקלאַפן — שטייט שוין דער יונג לעבן דעם אַמע־ריקאַנער און קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ. — לאָז אין אייער ניו־יאָרק זיך ווייַזן אַ טשערקעס, צי אַ גרוזינער אין זייערע נאַציאָ־נאַלע קליידער, וועט מען זיי נאָכוואַרפן שטיינער; און ביי אונדז, אין סאָוועטנלאַנד, קאָן יעדער כינעזער זיך נעמען אַ ווייס מיידל און חתונה האָבן, און זיי האָבן טאַקע חתונה...

— פון אַזאַ שידוך ווערט געבוירן די אמתע „קיקימאָרע“, ניט קיין קאַטשקע, ניט קיין מענטש — צעלאַכט זיך דער קאַצאַפּ אין זיין שיטער בערדל אַריין.

איך נעם מיין חבר אונטערן אָרעם און מיר לאָזן זיך אויפן בולוואַר. דער עולם וואַקסט, קומט אָן פון אַלע גאַסן, בלענדט די אויגן מיט די ווייסע הויזן, מיט די נאָך ווייסערע העמדער, וואָס די מאַנספּילן טראָגן. פון אַ ברעטער־עסטראַדע בויגט זיך אַ רעד־נער, טענהט אַריין אין דעם המון:

— ...מיר דאַרפן ווירקן, אַז קלאַסן זאָלן פאַרשווינדן!

אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין, אָנגעטאָן ווי אַ ציגאַנקע, וואַקסט אויס אינמיטן בולוואַר. די רייפן־אויער־רינגלעך באַמבלען איבער די אָנגעשמירטע באַקן. זי הייבט פאַרשייט די קינדערשע אַקסלען, וואַרפט אַפיר די קליינע הענט און פיס, ווי זי וואָלט גע־טאַנצט אַ פאַדעספּאַן. אויגן גרויסע, בלויע, שטייען ניט איין, קריכן פון איין מאַנספּיל אויפן צווייטן:

— שענקט עפּעס, בירגער, שענקט!

דאָס ניט־דערוואַקסן נפשל, מיט אַלע קנייטשלעך פון אַן אויס־געלאַסענער פרוי, באַליידיקט און באַאומרויִקט יעדן פאַרביייגייער. די קליינע „דאַמע“ רייצט מיט יעדן בויג, זעצט זיך צו אינמיטן טאַנץ,

אין דאָס דינע, צעפּאַלדרעוועטע קלײדל צעפּליט זיך, ווי בײ אַ צירק־טענצערין.

— וואָס זאָגט איר אויף דער בחורטע? — צעלאַכט זיך אַ יונג.

— אוודאי פון די דאַבלאָזע.

— זי האָט אַ ברודערל, שפּילט ער אויס גאַנצע שטיקער מיט דער צונג — הערט זיך אַ שטים פון המון — אָט קומט ער אָן, דער פאַרשוין.

עס באַווײַזט זיך אַ יינגל מיט אַ קאַרליק־פּנימל. דאָס היטל אָן אַ דאַשעק זיצט אויף אַ באַוואַקסן קעפּל האָר. דער ראָק צו־בריט, צו־לאַנג. די אַרומגעפּוצטע הויזן האָבן דעם זעלבן קאָליר, וואָס די בלאָטיקע פיס. דאָס פּנים שמייכלט ממזריש, לאָזט ניט דורך קיין איין פאַרבייגייער. ער קלאַפּט אויס מיט דער צונג די מאַרסעליעזע, דעם אינטערנאַציאָנאַל. די צונג באַוועגט זיך צווישן די גומענס מיטן קנאַל פון אַ בײַטש, און עס דוכט זיך, אַז צווישן די קליינע ליפּן שיסן פּראָפּנס פון פאַרקאָרקעוועטע פלעשער.

דאָס פאַרשווינדל שטעלט זיך אָפּ ביים ערשטן בעסטן, פאַר־קוועטשט אַן אויג און טוט אַ קנאַל מיט דער צונג:

— פאַר וויפיל, בירגער? פאַר פינף קאָפּיקעס?

— וואָס קריגט מען פאַר פינף קאָפּיקעס? — באַטראַכט דער גוי דאָס יינגל און שמייכלט תמעוואַטע.

— די מאַרסעליעזע — ענטפערט דער קליינער גאַסנזינגער.

— און פאַר צען קאָפּיקעס?

— די מאַרסעליעזע און דעם אינטערנאַציאָנאַל.

— שיס!

דאָס קאַרליק־פּנימל ווערט שענער, לייכט אויף אינגאַנצן. די צונג אַרבעט מעשים, שרייט איבער דעם טומל, וואָס הענגט איבער די קעפּ, פּייקלט אויס די מאַרסעליעזע, דעם אינטערנאַציאָנאַל. דער זינגער שלעפּט אַראָפּ דאָס היטל, פאַרנייגט זיך לינקס, רעכטס. דער עולם ווערט איפגערוימט, וואַרפט אין היטל צענערלעך, שרייט:

— מאָלאָדיעץ!

— נאָך אַמאָל!

— נאָך אַמאָל!

אַ זעקספוסיקער קאַצאַפ, מיט אַ באָרד ביז איבערן גאַרטל, נישטערט אין די קעשענעס, זוכט צווישן פּאַפּיר־געלט אַ צענערל. געפינט ניט און דערלאַנגט דעם יינגל אַ קאָפּיקע:

— ניטאָ קיין קליינגעלט.

— טפוי — טוט דאָס יינגל אַ קנאַל מיט דער צונג, און אַן אויפגערוימטער, וואָס דער עולם לאַכט, שפּילט ער שוין אויס פאַר אַ צווייטן זיינע שטיק.

— אַ טייערע פּרנסה — פּאָסמאַקעוועט זיך אַן עלטערער ייד.

— ס'קומט אַ זונטאָג — רעדט אַ צווייטער מיט אַ ברייטן פּתח — „זשאָבעך" די הבדהלייט גאָלד!

ביים אַרויסגאַנג פון בולוואַר זיצט אַן אַלטע גויע, אַ גרויע, האַלט אַ פּיצעלע קינד אויף דער האַנט. אַ צווייטס שלאָפט אין אַ וויגעלע.

— באָבעשי, ווי אַלט ביסטו? — פרעג איך דער בעטלערין און גיב איר אַ קופּערנע מטבע.

— נאָך קיין פערציק ניט, טייערינקער!

— זי האָט אַראָפּגענומען אַ צוויי צענדליק יאָרן — רופט זיך אָן אַ מלחמה־אינוואַליד מיט אַ הילצערנעם פוס, וואָס פאַרקויפט פּאַפּיראָסן.

— ווי קומט טאַקע צו אַ זעכציק־יאָריקער באָבע אַזאַ ברעקל קינד? — פרעגט מיין מאָסקווער חבר.

— דאָס דינגט מען אַן עופעלע אויפן טאָג — צערעדט זיך דער מלחמה־אינוואַליד — פאַר געלט קריגט מען אין מאָסקווע אַלץ... גייט נאָר אַרויס באַגינען אויפן מאַרק, וועט איר זען ווי טייל פוירטעס ברענגען הינער, אייער, פוטער צו פאַרקויפן, און טייל קומען מיט קליינוואַרג... אַז איר ווילט, כאַפּט זיך איצט אַריין צום געשוואָלענעם איליטש, וואָס

האַלט דאָס טײ־הויז אויף ניקאָלאַיעווסקע, וועט איר זען ווי מען ספּע־קולירט מיט קינדער, אַן אמתע בירזשע...

— קומט — נעמט מיך מײן חבר פּעסטער, און מיר שפּרײזן.

דאָס טײ־הויז איז אין אַ קעלער, אַראָפּצוגײן מיט טרעפּלעך. דער באַלעבאָס מיטן ווײב, בײדע אָפּגעפּרעסטע, בײכיקע, ווי סאַמאָוואַרן, זיצן בײ דער צאָלבאַנק, דאַכט זיך דרעמלען, הערן ניט ווי בײ אַלע ווינקעלעך טראָגט זיך אַ קינדער־געווײן. דער קעלנער ליידיקט אָפּ אַ שטיקל פּלאַץ בײ אַ טיש און מיר זעצן זיך טרינקען טײ.

— אַ האַלבן רובל מיט עסן איז איבערגענוג — טענהט אַ צע־שויבערטע בעטלערין צו אַ יונגער מאַמע. — קנאַפּ מאָרדעוואַניע אומ־צושלעפּן אַ גאַנצן טאָג אַ קינד אויף דער האַנט? וויפיל, מײנסטו, בלײבט מיר אײנגאַנצן? קײן רובל אויך ניט!

— אַנדערע צאָלן אַ רובל — פּרובירט די יונגע מאַמע זיך אַנט־קעגנשטעלן.

גיב מיר, טײערינקע, אַ פיר, פינף־יאָריק קינד, וואָס קאָן אָנכאַפּן אַ פאַרבײגײער פאַר אַ האַנט, פאַר אַ פּאָלע, — שוימען זיך בײ דער בעטלערין די ליפּן — וועל איך דיר צאָלן צווײ רובל אַ טאָג. אַז דו האַלטסט אַ שטום עופעלע, וואָס האַלט אין אײן ווײ־נען, בענקט נאָך דער מאַמעס ברוסט און דו, כאָטש צערײס זיך, קאָנסט עס ניט אײננעמען, אײנשטילן, אַזאַ קינד איז אַן אמתע מכה... די הענט געשווילן נאָר פון אַרומשלעפּן עס!

— קום שוין אַמאָל — שרײט אַ מאַן, פאַרפּוצט אין אַן אויס־געניײט העמד, צום ווײב — נעם דאָס קינד און קום!

— אַ רגע — בעט זיך דאָס ווײב — האַלט עס צו אַ ווײל, פּאַק איך אײן די זאַכן און מיר גײען!

זי גיט דעם מאַן דאָס קינד און אַלײן שטופּט זי עסנוואַרג, שמאַטעס אין אַ קאָשיקל מיט צווײ אויערן.

— נעם אים צו, דעם ממזר — טוט אַ פּאַטער אַ שלײ־דער דעם ווײב אַ קינד — ער האָט מיר שוין די ווײסע הויזן פאַר־פּאַטשקעט!

— וועסט זיי פאַרשפּאָרן צו פאַרבן! — צעלאַכט זיך אַ באַבע.

— אַז דאָס איז גאָר אַ קינדאַרניע, ניט קיין טיי-הויז!

— דער עולם קינדלט, זיצט ניט ליידיק.

— ערגעץ, בירגער, מוז דאָך זיין אַ געוועטעניש!

— אַ ביסל קליינוואַרג ביי אײַך אין טיי-הויז — זאָג איך צום באַלעבאָס ביים אַרויסגיין.

— דאָס גרייטן מיר אָן רויטע אַרמייצעס — צעלאַכט זיך דער באַלעבאָס.

אַ ט ר אָ צ ק י ס ט

כ׳האָב זיך געשאַרט מיט מײַנעם אַ באַקאַנטן איבער שמאָלע געסלעך און הינטערגעסלעך, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט אָפּגעקראָכענע פּלויטן, מיט אײַנגעהויקערטע שטיבלעך. הינטער דער שטאָט איז קיין צייכן ניט געווען פֿון די בײַכיקע מאָסקווער הײַזער, פֿון דעם מאָסקווער טומל. דאָ און דאָרט האָט זיך געשלעפּט אַהיים אַ מידער פֿאַבריק=אַרבעטער נאָך אַ טאָג פּראַצע.

בײַ אַ פֿאַרוואָרלאָזטער צערקווע, ווו די הייליקע אויף די ווענט האָבן זיך געקרישלט פֿון אַלטקייט, האָבן געקניט אָפּגעריסענע פֿויערים, אָפּגעשליסענע פֿויערטעס. די פּעק אויף זייערע פּלייצעס זײַנען אָפּגעשטאַנען, ווי הויקערס, די בלאָטע אויף די באָרוועסע פֿיס פֿאַרטריקנט. זיך, טעכטער, ניט=דערוואַקסענע, ווער מיט אַ רי̇ץ אין קאָפּ, ווער מיט אַ מיש, האָבן זיך געהאַלטן בײַ טאַטע=מאַמע און די נישט=דערבאַקנקײַט איז געלעגן אין די אויגן, אין דעם נאַרישן שמייכל.

וואָס טונקעלער עס איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָבן אַרויסגעבלישטשעט די אָפּגעגילדטע איקאָנעס פֿון די אָפֿענע טירן, זיך געטוקט אין די פֿלעמלעך פֿון די וואַקסענע ליכט און דער פֿינקל האָט זיך אויסגעמישט מיטן „מאָראַלישן" קול פֿונם פּאָפּ, וואָס האָט זיך געדרייט אין זײַנע „פּראַוואָסלאַווע" בגדים, מיטן קעסעלע קטורת אין דער האַנט. דער פּאָפּ האָט געזאָגט תּפֿילות מיט אַזאַ כּעס און בייזער, אַז די צעצויגענע ווערטער זײַנען געווען מער ענלעך אויף אַ יללה, ווי אויף אַ תּפֿילה.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. מײַן באַקאַנטער, וואָס האָט פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענע שטעלע אין בילדונגס=קאָמיסאַריאַט, האָט מיר

דערציילט, אַז דאָס פויערים=פאָלק איז „עולה=רגל“ אַהער פון די ווייטסטע גובערניעס, שלעפּט זיך וואָכן און חדשים מיט די קלומעקלעך אויף די פּלייצעס, גלויבט, אַז יעדער שטיין אין דער צערקווע איז הייליק.

— אַ פייער, ווען עס האַלט ביים אויסברענען, ביים לעשן זיך, — האָט מיין באַקאַנטער צוגעגעבן, — צעפלאַקערט עס זיך אויף אַ ווייל. איר זעט דעם עולם דאָ? דאָס איז דער לעצטער פלאַקער. מיט דעם דור, מיט די פויערים, וואָס קניען, און מיט די נישט=דערבאַקענע קינדער זייערע שטאַרבט אָפּ דאָס „פּראַוואָסלאַוויע“, ווי אַ וועלט=רעליגיע... אוים מיט דאָסטאָיעווסקיס חלום! איר געדענקט זיינע „דריי אידעען“? עס וועט מן=הסתם לאַנג נאָך בלייבן דאָ אַ סעקטע, דאָרט אַ סעקטע... מיט דער רעליגיע אָבער, ווי אַ מאַכט, האָבן מיר זיך לייכט ספּראַוועט... אַ שיין פּנים האָבן די פּאָפּן, וואָס שטייען אין זייערע „בגדי=כהונה“ און בעטלען אַ נדבה! הלוואי האַלטן מיר אַזוי מיטן האַנדל, מיטן „נעפּ“.

איך האָב געקוקט אויף די געהויקערטע רוקנס פונם פויערים=פאָלק, אויף די צעשפּרייטע פאָלעס פונם פּאָפּס „טענדי=ווערענדי“, וואָס זיינען צעפלויגן אינם טונקעלן פאַרנאַכט ווי פייערדיקע פליגל, און עס איז מיר טרויעריק געוואָרן.

— איר ווייסט, וואָס ס'פעלט היינט צו טאָג אין ראַטנלאַנד? — האָט מיין באַקאַנטער מיך אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען — דאָס גרויסע וואָרט! און וואָס פאַר אַ פּלאָנטער מיר זאָלן נישט האָבן געווען, האָט לענין אים שטענדיק אויפגעקניפּט, תמיד געזאָגט דאָס גרויסע וואָרט! סטאַלין האָט עס נישט און במילא וועט ער עס נישט זאָגן! געבליבן איז איין טראָצקי...

— האָט מען אים פאַרשיקט, — האָב איך זיך אָנגערופן.

— מען האָט אים פאַרשיקט און די מלוכה הערט זיך צו ביזן היינטיקן טאָג צו יעדן וואָרט זיינעם, — האָט זיך דער באַקאַנטער איבערגענומען — אויפן קאָנגרעס פון „קאָמינטערן“ האָט מען געטיילט צווישן די דעלעגאַטן טראָצקיס אינסטרוקציעס צום קאָנגרעס, דאָס וועט אַייך יעדער דעלעגאַט מודה זיין... די

עדלעכסטע קאָמוניסטן האַלטן מיט טראָצקין און ער האָט אָנ־
אָנהענגער אין די צענדליקער טויזנטער...

— איך האָב געהערט, אַז מ׳רודפט זיי, — האָב איך געלאָזט
פֿאַלן אַ וואָרט — מען זאָגט אָפּ פֿון די שטעלעס, מען פֿאַרשיקט
זיי...

— ניט אַלעמען... אַרבעטער פֿון „וואַרשטאַט״ האָט מען ניט
פֿאַרשיקט, בלויז אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי... אָט דאָ וווינט
מײַנער אַ באַקאַנטער, אַן אײַזן־אַרבעטער, אַ ווילער קאָמוניסט און
דערצו אַ ווילער מענטש... אים האָט מען אויך אויסגעשלאָסן
פֿון דער פּאַרטיי... מיר וועלן אַריבערגיין, עס איז כּדאַי איר זאָלט
זיך באַקענען מיט אים... דאָ וועט איר זען דעם אמתן טראָצקיאַנער,
דעם אָפּגעהיטן, דעם פֿרומען...

מיר זײַנען אַרײַן אין אַ טויער. דער הויף האָט אויסגעזען ווי אַ
פֿעסטונג. דאָ איז אַמאָל געווען אַ קלויסטער פֿאַר מאָנאַשקעס. איצט
האָבן אין קלויסטער געוווינט אַרבעטער. מײַן באַקאַנטער האָט אָנ־
געקלאַפּט. פֿון הינטער דער טיר האָט זיך געהערט אַ ניגון, וואָס
מען זינגט אין גראַנאָווסקיס קאַמער־טעאַטער. אַ פֿרוי האָט אונדז
אַרײַנגעלאָזט, זיך באַגריסט:

— וואָס מאַכט איר, יאַשע?

— אַ דאַנק, וווּ איז מענדל?

— ער עסט וועטשערע.

צוויי קליינע אַלקערלעך — געוועזענע צעלן פֿאַר מאָנאַשקעס.
די פֿענסטערלעך גאָר קליינע, מיט אײַזערנע שטאַכעטן. די משפּחה
באַשטייט פֿון מענדלען, דעם ווײַב און פֿון אַ זיבעצניאָריקער טאָכ־
טער, אַ שילערין פֿון אַ דראַמאַטישער סטודיע. דאָס עלעקטרישע
לעמפּל, וואָס הענגט בײַ דער סטעליע אויף אַ שנור, באַלויכט קוים
דאָס צימערל. אויף די ווענט הענגען מאַרקס, לענין און טראָצקי.

— גוטן אָוונט, מענדל, כ׳האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט, דעם יידישן
שרײַבער...

— אַן אָנגעלייגטער גאַסט...

ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן. נישט קיין הויכער, אַ מאָגערער,
די אַרבל פֿון דעם גרויען העמדל פֿאַרקאַשערט איבער די מוסקלען.

ער האָט לייכט אַ כאַפּ געטאָן די איינציקע צוויי קיך־בענקלעך, זיי צוגעשטעלט צום טיש:

— איר וועט מיטהאַלטן וועטשערע... אַ מאָגערע וועטשערע, אַ „סאָוויעטסקע", דערפאַר געשמאַק...

— עס, עס, מענדל, שטער דיך נישט — האָט יאַשע אים פּרובירט אָפּווענדן.

— ניין, יאַשע, איר וועט מיטעסן, — און מענדל האָט זיך אַ דריי געטאָן צום ווייב — לאַה, זיי אַזוי גוט... אין אַמעריקע, חבר אַפּאַטאָשו, וועט איר אַזאַ באָרשטש ניט קריגן.

מיט שווערקייטן האָבן מיר איינגעשטעלט אונדזערע פיס, אַזוי ענג איז געווען ביים טיש, פאַרביסן דעם געשמאַקן באָרשטש מיט שוואַרץ ברויט און געפילט ווי די קני שטייען נישט איין, ריידן זיך דורך אונטערן טיש.

— וואָס הערט זיך, מענדל? — האָט יאַשע פון רחבות געטונקען די וואָנסן אין באָרשטש.

— כ'האָב באַקומען אַ טראַנספּאָרט ליטעראַטור, — האָט מענדל זיך אויפגעשטעלט און גענומען שלעפן פון רעקל, וואָס האָט געהאַנגען אויף אַ ווענטל פון אַ שטול, פּאַפּירן, בראָשורן, כמעט אַלע געשריבן אויף אַ שרייבמאַשין.

— האָסט גאָרניט מורא אַרומצוטראָגן ביי זיך אַזוי פיל „ליטעראַטור"?

— די אַרבעטער אין פאַבריק ווייסן. בעטן ביי מיר „ליטעראַטור", — האָט ס'פּנים ביי מענדלען אויפגעלויכטן — איך האָב נישט מורא... מער ווי אויסשליסן מיך פון דער פּאַרטיי קענען זיי נישט און דאָס האָבן זיי שוין געטאָן... היינט אויף דער „סבאָדקע" (פאַרזאַמלונג) אין דער פאַבריק האָב איך גענומען אַ וואָרט...

— האָט מען דיר געגעבן? — האָט יאַשע געשעפּט נחת פון מענדלען.

— יאָ, — האָבן ביי מענדלען די ווייסע ציין געשמייכלט, — כ'האָב זיי גוט אַריינגעזאָגט... דו ווייסט דאָך ווי ס'איז אויף אַ „סבאָדקע"... דער אַרבעטער קלייבט זיך נישט איבעריק פונאַנדער, וואָס ס'קומט פאָר... דערצו איז ער קיינמאָל נישט צוגע־

גרייט... און דאָ רוקט זיך שטענדיק אַרום אַן אַגיטאַטאָר, פֿון די פֿאַרשווינען, וואָס זיינען תּמיד מיט דער מאַיאָריטעט... פֿאַרמוליען די ציין... לאָז מאָרגן טראָצקי איבערנעמען די „וולאַסט", וועלן זיי די ערשטע באַגראָבן סטאַלינען, אָט די „דיאַלעקטיקער"... אין תּוך האָט דער אַרבעטער זיי נישט ליב... טרעט אַרויס אַזאַ באַרשווינדל, דאָס איז גאָר קיין אַרבעטער אויך נישט און אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי, דו ווייסט דאָך דעם אַלטן אויסגעלערנטן פּזמון... האָב איך געבעטן אַ וואָרט און דעם בחור אַרומגעוואַשן, אַז די „סכאָדקע" האָט אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן און אַ מעכאַניקער, אַ טולער קאַצאַפּ, האָט זיך צעשריען:

— אונדזער מענדל איז גערעכט! מען דאַרף אויסשניידן ס'ווילדפֿלייש! דער „קולאַק" אין דאָרף און דער „נעפּמאַן" אין שטאָט באַלעבאַטעווען שוין צופֿיל!

יאַשע מיט מענדלען האָבן זיך איבערגעזעצט אויף דער סאָפּקע, גענומען ריידן שטילער און פֿאַרגעסן אָן מיר. מענדלס פֿרוי האָט מיר דערציילט, אַז די טאָכטער, לוסיע, דאַרף שוין צו ווינטער אויפֿטרעטן אין טעאַטער, וועט שפּילן קלענערע ראָלן.

לוסיע, אַ געוויקסיקע מיט דער שוואַרצער גבֿורה פֿון אַ שיין זיבעצניאָריק מיידל, האָט זיך אַ שטעל געטאָן, מיר געוויזן די באַוולנע זאָקן אויף די בויגיקע פֿיס און אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן ציצן קליידל:

— אין ניו־יאָרק טוט זיך אַן אַקטריסע אָן אַ ביסל שענער, האַ?

זי האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן קליינעם צימערל מיט אַ חסידישן ניגון, צוגעקנאַקט מיט צוויי פֿינגער, און אַלץ אין שטוב האָט מיטגעזונגען און מיט אַמאָל האָט זי זיך כּלומרשט צעוויינט:

— אַז אַלץ איז דאָ יוקס — די זאָקן, דער פּודער, די שמינקע.

זי האָט אַרויסגענומען פֿון בייטל דעם „ליפּ־סטיק", אים צוגעטראָגן צו דער אויבערשטער ליפּ, צו דער אונטערשטער, צונויפֿגעשטיפּט די ליפּן ווי אַ קאַרש און זיך צעלאַכט מיט די גאַנצע זיבעצן יאָר.

מענדל, וואָס האָט אַרײַנגערעדט אין יאַשען, דאַכט זיך גאָר־ נישט געהערט, וואָס די טאָכטער זאָגט, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער סאָפקע, פאַרגעסן, אַז אַ פרעמדער איז דאָ אין שטוב און זיך צעשריען:

— לוסיע, ס'וועט זיין אױס סטודיע, אויס טעאַטער... דערווײל ביסטו נאָך אין מיין רשות, און ווי לאַנג איך האָב נאָך וואָס צו זאָגן, וויל איך נישט דו זאָלסט זיך פּודערן, שמירן ס'פּנים... אַן אַקטריסע, אַ קאָמוניסטקע, דאַרף זיין אַנדערש, דאַרף נעמען אויף זיך התחייבותן, נישט „אויסמאַזשען" דאָס פּנים, ווי אַ פּאַנפּאַראָנקע, ווי אַ וואָדעוויל־טענצערין...

— און דו ביסט פרימער פון אַלעמען, טאַטע, — האָט לוסיע זיך גענומען פּאַרטיידיקן, — סאָניע, רחל, זייערע טאַטעס זיינען אַזוינע גוטע קאָמוניסטן ווי דו — און מען פּודערט זיך, מען שמירט זיך, מען הענגט אויף זיך אָן כ'ווייס וואָס... און גאָרנישט... נאָר דו שרײַסט!

— מען פּודערט זיך, מען שמירט זיך! — האָט דער פאָטער נאָכגעקרימט דער טאָכטער — דאָס זיינען אַלץ בורזשואַזע פאַר־ לאַנגען, פירן דער טײַוול ווייסט וווהין... קיין אַנדער זאַך הערט מען ניט, ווי יידענע זאָקן, בענדעלעך, שלייפעלעך... זיי וואָלטן אויף זיך אָנגעטאָן דעם תּלוי...

— זע בעסער לונאַטשאַרסקיס ווײַב זאָל אויסטאָן די ברי־ ליאַנטן, — האָט לוסיע זיך געקאָכט.

— געהערט, געהערט, — האָט דער פאָטער נישט געלאָזט דער טאָכטער ענדיקן, — וואָס מיר לונאַטשאַרסקיס ווייב? פאַרקוק זיך בעסער אויף לענינס ווייב, פאַרקוק זיך אויף גוטע קאָמוניסטקעס, נישט עפּעס אויף... אַז דו רעדסט שוין היינט אַזוי, טאָכטער, וואָס וועט זיין שפּעטער? מיט וואָס ביסטו בעסער פאַר לאַדהטשען דעם „נעפּמאַנ", די אויסגעשטראָצלטע ליאַלקע, וואָס וואַרט אויף אַ חתן? שעם זיך כאָטש, טאָכטער, שעם זיך! דער יידענער זאָק, די שמינקע, דאָס פירט צוריק צום „נעפּמאַן", צו דער פאַרפוילטער בור־ זשואַזיע... דערצו, טאָכטער, האָב איך געדאַרפט אַנטלויפן פון פוילן? דערצו האָבן מיר געדאַרפט אַ רעוואָלוציע?...

— נו, גענוג שוין, מיין מאַן, גענוג, — האָט ס׳ווײַב זיך אַריינגעמישט.

— וויל מען עפּעס דורכפירן, מוז מען זיין אַ פאַנאַטיקער — איז יאַשאַ אונטערגעקומען צו מיר, — מענדל איז גערעכט! ער איז געראָטן אין זיין פאָטער, מיר זיינען פון איין שטאָט, פון לאָדזש. כ׳געדענק ווי דער פאָטער האָט מענדלען געכאַפּט זיך פוצן שבת די שיך, האָט ער געגוואַלדעוועט, זיך געוואָרפן שלאָגן, געהען אַ ייד מיט אַ כאַראַקטער...

— נו, נו, טאָכטער, ער האָט דאָך דיר גאָרנישט געטאָן, — האָט די מוטער אַרומגענומען לוסיען, וואָס איז געשטאַנען ביים פענסטער און געוויינט אויפן קול.

ד ר י י   ה ע ב ר ע ר

א י ן   אָ ד ע ם

צווישן פינף און זעקס פאַרנאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין צימער פון מיין האָטעל. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ פעסט-געבויטער מאַן אין די דרייסיקער, אָנגעטאָן אין אַן אויסגעניינט העמדל, פאַרשנירלט מיט טראָלדן. ווען איך ווייס ניט, אַז עס דאַרף צו מיר קומען אַ העברעיִשער שרייבער, דער איינציקער העברעיִשער שרייבער, וואָס איז פאַרבליבן אין אָדעס, וואָלט איך אים אָנגענומען פאַר אַן אוקראַינער. די האָר העלע, זאַמדיקע, די אויגן בלויליך און די נאָז פאַרשאַרצט, ווי ביי אַ דאָרף-שייגעץ.

ער האָט אַוועקגעלייגט די אָנגעפּראָפּטע טעקע אויפן טיש, געזעסן אַ רגע אויף דער שטול, וואָס איך האָב אים צוגערוקט, און האָט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף געטאָן:

— האָט מען אייך שוין געפירט, חבר אָפּאַטאָשו, אין מענדעלע-מוזיי, אין דער האַנטווערקער-שול, אין דער שוך-פאַבריק, אין דער מיליץ, ווו מען רעדט יידיש, אין אַרבעטער-קלובן...

— געפירט, געפירט — האָב איך אים איבערגעריסן דעם לאַנגן צעטל און געזען ווי די בלויע אויגן זיינע קוקן מיט ביטול.

— איצט, אַז איר ווילט, וועל איך אייך פירן צו דער „גאָלגאָטע" — האָט ער זיך צוריקגעזעצט, אַ רוק געטאָן זיין שטול אַזוי נאָנט צו מיינער, אַז אונדזערע קני האָבן זיך כמעט אָנגערירט. — איך וויל אייך וויזן ווי מען האָט איבערגעשניטן די חוט-השדרה ביי דעם יידישן קליינהענדלער, ביים קרעמער און אַפילו ביים בעל-מלאכה...

„די י" וועלן דאָס אייך ניט ווייזן! איר אַלע — לייוויק, שלום אַש — פאָרט קיין מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, איר לויפט אַלע אין

די קאָלאָניעס... טויזנטער יאָרן ווי מיר ייִדן זײַנען קיין ערד־אַרבעטער ניט און מיר וועלן עס מער ניט זײַן... דאָס שטעטל, דאָס ייִדישע שטעטל פּרוּווט מען אײַנגאַנצן. אויב עס איז פאַראַן אַ ייִדישע קולטור, אַ ייִדישער לעבנס־שטייגער, איז עס געווען אין שטעטל. די באָבע, דער זיידע, דער קלעזמער, די טוקערין, דאָס בית־המדרש, דער מגיד, די קליינשטעטלדיקע שוסטערס און שנײַדערס, אַלץ וואָס האָט הונדערטער יאָרן געשלאָגן וואָרצלען, איז אויסגעריסן, אָפּגעמעקט פון דער ערד, און קיין נײַער ייִדישער שטײַגער איז ניטאָ! איך ווייס וואָס איך רייד: איך האָב דורכגעמאַכט די מלחמה, איבערגעלעבט די פּאָגראָמען, דורכגעשניטן דעם ייִדישן תּחום אין דער לענג, אין דער ברייט: דער קאַצאַפּ, דער אוקראַינער, דער ווײַסרוס, שלינגען אונדז פּיזיש אײַן אײַנגאַנצן! און דער ייִד ווערט זיך ניט מער, שטעלט זיך ניט אַנטקעגן, האָט ניט מער די אַמאָליקע עקשנות.

— נעמט אַזאַ שטאָט ווי אָדעס, וואָס בײַ דער גאַנצער וועלטלעכקייט איז זי פול געווען מיט תּורה, מיט לומדים. איצט זײַנען זיך אַלע צעלאָפן. אפילו ביאַליק. איבערגעלאָזט אָדעס אויף הפקר! אָט דריי איך זיך אַרום איבער די אָדעסער גאַסן, ווו דאָס ייִדישע לעבן ליגט ניט דערקוילעט, און מען קאָן צומאָל קיין געשריי ניט טאָן — פאַרוואַקסן די אויערן־הײַטלעך בײַ אַלעמען! אָט האָב איך אָנגעשריבן אַ ראָמאַן — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די טעקע בײַם רוקן און אויסגעשאָטן אויפן טיש איבער אַ טוץ דיקע, פאַרשריבענע העפטן — איבער פופציק קאַפּיטלען, ווו איך מאָל דעם ייִדישן חורבן... איז ניטאָ פאַר וועמען קיין שורה איבערצולייענען...

מײַן אָדעסער קאָלעגע הערט ניט וואָס איך זאָג אים, וואָס איך פרעג אים, — כאַפּט דעם ערשטן העפט און לייענט מיט אַ וואָלינער אויסשפּראַך זײַן סטיליזירטן העברעיִש.

די אויגן פינקלען בײַ מײַן אָדעסער קאָלעגע, די ליפּן שוימען זיך און דער הונגער וואַקסט בײַ אים מיטן לייענען.

עס ווערט טונקעלער. מיר רוקן זיך אַלץ נענטער צום פענסטער, וואָס גייט אַרויס אויפן שוואַרצן ים. בײַם צווייטן קאַפּיטל רײַס איך אים איבער:

— פּראָוואָס שיקט איר ניט דעם ראָמאַן אַריַיערן אין דער „התקופה"?

— איך זעט — נעמט ער אַרויס אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר— דאָ האָב איך אַ בריוו פון טשערניכאָווסקין. אים איז שטאַרק געפעלן דאָס ערשטע קאַפּיטל, וויל נאָך... איך האַלט אין איין שיקן, אין איין שריַיבן, און איך באַקום קיין ענטפער ניט... עס קומט אוודאי ניט אָן... איך האָב שוין יאָרן קיין העברעיִש בוך ניט געזען, ווייס ניט ווי די „התקופה" זעט אויס, עס דערגייט ניט... דאָס יידישע לעבן גייט אונטער, חבר אָפּאַטאָשו...

— ס'גייט ניט אונטער, ס'גייט ניט — טרייסט איך אים.

אין צימער ווערט טונקעלער. מיין קאָלעגע לייענט וויַיטער. פון יב, ווי דער טאָג זעצט זיך, קומט אָן אַ פּאַסיקל ליכט, טיילט אָפּ ביים לייענער דעם קאָפּ פון גוף, און איך דערמאָן זיך אָן שאַגאַלס בילד, ווי דער קאָפּ שאַרט זיך אַוועק פון גוף, הייבט זיך אי־בער דעכער, איבער הייזער, האָט מער קיין שייכות ניט מיט אונדזער וועלט.

אין בערדיטשעוו

אַ לערער אין די זעכציקער, אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ פּאָר פּענסנע אויף אַ ברייטער, שוואַרצער שנור. אָנגעטאָן איז ער כמעט עלעגאַנט און רעדט יידיש מיט פּסוקים — מיט העברעיִשע, מיט פראַנצויזישע — יאָרן האָט ער געלערנט אין פּאַריז.

ער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט מיך אַיינגערוימט:

— כ'האָב פאַר איַיך, חבר אָפּאַטאָשו, אַ זעלטענע מתנה.

— וואָס פאַר אַ מתנה?

— ליפשיצעס יידיש־רוסישן ווערטערבוך.

צומאָרגנס, פרייטאָג נאָכמיטאָג, האָט ער מיך געפירט צו זיך. איך האָב זיך געהויבן מיט אים אויף אַ געדרייטער טרעפּ, גע־גאַנגען פון איין פינסטערן קאָרידאָר אין צווייטן, פאַרבייגעגאַנגען אָן אַ שיעור אָפענע טירן, ווי די ריחות פון שבתדיקע מאכלים האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

ער האָט אויפֿגעשלאָסן אַ זײַטיקע טיר און מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ בוידעם־צימער מיט דרײַ ווענט, ווו אַן אויוון פֿון רויע ציגל האָט כמעט פֿאַרנומען די שטוב. דאָס בעט איז געווען צונויפֿגעשלאָגן פֿון ניט־געהובלטע ברעטער. דער טיש, די פּאָליצעס אָנגעפּיקעוועט מיט ביכער, מיט „שמות“. אין צימער איז געשטאַנען אַ טוכלע קילקייט פֿון אַ קעלער. אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט זײַנען געהאַנגען פֿאָטאָגראַפֿיעס. איך האָב זיך אַרײַנגעקוקט. ער האָט עס באַמערקט און גענומען שלעפּן פֿון דער וואַנט איין פֿאָטאָגראַפֿיע נאָך דער צווייטער:

— איר דערקענט מיך? דאָ בין איך פֿאָטאָגראַפֿירט מיט הערצלען, און דאָ, איר זעט, מיט אחד־העמען... און ווער דאָס איז ווייסט איר? ס'איז דאָך דער זיידע, מענדעלע־מוכר־ספֿרים!

דער אויסגעצערטער גוף איז געוואָרן העכער. ער האָט מיך אַ נעם געטאָן פֿאַר אַ האַנט און מיר אַרײַנגערוימט אין אויער:

— כ'בין אַ ציוניסט געווען, פֿון די אָנגעזעענע, זיך געקענט מיט הערצלען פֿון ווין... געוווינט לאַנגע יאָרן אין אָדעס, פֿאַרקערט מיט אחד־העמען, מיט מענדעלען, מיט אַלע... דער ציוניזם איז דער איינציקער חטא מײַנער, אַז ניט וואָלט איך הײַנט געווען דער פֿאַרוואַלטער איבער אַלע יידישע שולן, ווייל אין תוך בין איך אַ סאָוועטישער מענטש, האָב גאָרנישט צו דער נייער „וולאַסט“... מיך באַהאַנדלט מען זייער גוט, כ'האָב זיך ניט וואָס צו קלאָגן... מען „אוואַזשאַיעט“ מיך... כ'לעב פֿאַר מיר, כ'מיש זיך ניט... און דער עיקר קען מיך די גאַנצע שטאָט... אַז כ'ווער אַמאָל שלאַף — קומט האַלב בערדיטשעוו מיך מבקר־חולה זײַן... נאָר וואָס אמת, חבר אָפּאַטאָשו, איך זאָג איך עס, אַז כ'קריג אַמאָל פֿערציק גראַד היץ און כ'קיק, אַז כ'האָב ניט וועם איבערצולאָזן דאָס ביסל ספֿרים, אַז איך בין דער לעצטער, ווערט מיר קאַלעמוטנע... שרײַבסט אַמאָל עפּעס אָן אין העברעיש, ביסט עפּעס מחדש — ניטאָ מער וועמען צו ווײַזן. ניטאָ קיין „יודע ספֿר“ אין בערדיטשעוו... אָט האָב איך אַ יקר־המציאות, אַ ירושה פֿון מײַן זיידן, אַ בערלינער אויסגאַבע פֿון „מאור עינים“... אַ טיפֿער מענטש געווען דע־ראָסי, דער ערשטער יידישער היסטאָריקער...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון די „שמות" דעם „מאור עינים", אים אַן עפן געטאָן, און אַ טוכלער ריח האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, אין מוח.

— כ'וועל שטאַרבן, וועט מען דאָך דאָס ביסל ספרים פאַרקויפן אויף פּאַק־פּאַפּיר צו וויקלען הערינג — האָט ער, אַ געבויגענער, מיך אַרומגענומען — נעמט עס מיט, חבר אָפּאַטאָשו, לאָז דאָס ספר בלייבן צווישן יידן... כ'מיין עס טאַקע... כאָטש צו דער נייער „וואָסט" האָב איך גאָרנישט, מיך באַהאַנדלען זיי זייער גוט, און אין תוך בין איך אַ סאָוועטישער מענטש...

אין מאָסקווע

צוויי־דריי מאָל אַ טאָג פלעגט ער אַריינפאַלן צו מיר אין האָטעל. שטענדיק האָט ער געהאַט עפּעס צו דערציילן, שטענדיק האָט ער געהאַט מיט זיך אַ זשורנאַל, אַ בוך, וואָס איז נאָר־וואָס ערשינען, אָדער גאָר מיר געבראַכט אַ דאָקומענט פון „גירוש מלאַוואַ" אין יאָר 1914.

— גוט, וואָס מען האָט סוף־כל־סוף פאַרמאַכט דעם פּועלי־ציוניסטישן קלוב — האָט ער אַן עפן געטאָן די טיר און זיך אַריינגעקייקלט אין זיין גרוי רוסיש העמד, פאַרצויגן מיט אַ פּאַסיק.

— וואָס איז די שמחה? — פרעג איך ביי אים.

— זיי פלעגן אונדז דערגיין די יאָרן, די „פעצעקעס" — האָט ער געשלעפּט פון די קעשענעס אויסשניטן פון וואַרשעווער און ניו־יאָרקער צייטונגען — ווי אַ פאַרזאַמלונג וועגן בירא־בידזשאַן, די דריטהאַלבן פּועלי־ציוניסטן זיינען ניט מסכים, שטערן... ווי לאַנג איז דער שיעור צו דולדן? האָט מען צוגענומען ביי זיי דעם קלוב און אויס פאַרטיי, אויס פאַלעסטינער אידעאָלאָגיע...

— ווער האָט פאַרמאַכט דעם קלוב? — פרעג איך ביי אים.

— די „גפאו", די אַמאָליקע טשעקאַ — שטייט ער אין אַ ווינקל אַ קלענער, אַ גרויער, און אין די אויגן וואַרפט זיך דאָס לעדערנע פּאַסיקל מיט די בלעכלעך, וואָס פּאַסט גאָרניט צו זיין

הילוך, צו זיין גאַנצן אויסזען. — ווייסט איר, חבר אָפּאַטאָשו, אַז איך האָב פינף יאָר געדינט אין „טשעקאַ“?

— איר זענט געווען אין דער מלחמה, אויך? — פרעג איך סתם אַזוי און זוך אַ שייכות צווישן דעם קליינגעוויקסיקן גרויען בחור און דער „טשעקאַ“.

— געווען, נאָך ווי געווען — שמייכלען זיינע אויגן און דאָס פּנים בלייבט אומבאַוועגלעך — פון יפוער גימנאַזיע בין איך אַריין אין דער רויטער אַרמיי, דורכגעמאַכט אַלע פראָנטן.

— פון דער העברעיִשער גימנאַזיע אין יפו? — פרעג איך אַ פאַרחידושטער.

— יאָ, יאָ.

— קענט איר דאָך העברעיִש?

— אוודאי קען איך — און די גרויע אויגן לייכטן אויף, ווערן גרעסער, און איך ווייס ניט צי ער נעמט זיך איבער מיטן העברע-יִש, צי ער מאַכט חוזק.

עס קומט אַריין אַ העברעיִשער דיכטער, אַ מיטאַרבעטער פון זאַמלבוך „בראשית“.

דער טשעקיסט פאַלט אָן אויפן העברעער, קלאָגט זיך פאַר מיר אויף אים:

— בטלנים, די העברעער, פויליאַקעס, אַרויסגעגעבן איין העפטל „בראשית“ און מיד געוואָרן!

— זאָגט אַייער „טשעקאַ“ — רופט זיך אָפּ דער העברעער — מען זאָל אונדז געבן פאַפיר, וועט מען ווייטער אַרויסגעבן. אַז איר אַלע זייט קעגן אונדז!

— ניט איך, ניט איך — שאָקלט דער טשעקיסט אַראָפּ פון זיך די שולד — כ'האָב געקויפט ביי אייך אַן עקזעמפּלאַר, אַ גע-בונדענעם, באַצאָלט... ניט געוואָלט קיין מתנה; שונא מתנות יחיה, איאָ?

— ער קויפט דאָך יעדעס בוך וואָס גייט אַרויס אין העב-רעיִש — צעלאַכט זיך דער העברעער אויף דעם טשעקיסטס חשבון.

— זענט איר גאָר אַ העברעער? — פרעג איך דעם טשעקיסט.

— ניין, כ'בין אַ יידישיסט! ווי קום איך צו העברעיִש? — און די אויגן צינדן זיך, מאַכן שענער דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע פּנים.

דעם זעלבן אָוונט בין איך געזעסן ביים טשעקיסט אין צימער, וווּ מען האָט קיין וועגט ניט אַרויסגעזען. שאַנקען, פּאָליצעס, שטויסן ביכער האָבן פאַרשטעלט יעדן פּיצל וואַנט.

ער האָט פאַר מיר געלייענט זיינס אַ לירישע עסעי אין העב-רעיִש, ער האָט פאַר מיר געלייענט אין העברעיִש דעם ערשטן אַקט פון לייוויקס „למד-וואָוו".

— און איר זענט טאַקע אַ יידישיסט? — צעלאַך איך זיך.

— אַ יידישיסט — קוקט ער מיר גלייך אין פּנים אַריין.

— פאַרוואָס שרייבט איר העברעיִש?

— דאָס איז אַ פּריוואַט זאַך, חבר אָפּאַטאָשו, ווי למשל אַ געליבטע... דאָס וואָס מיין געליבטע איז אַ בלאָנדע צי אַ ברו-נעטקע, האָט קיין שייכות ניט צו מיין אידעאָלאָגיע... איר קריגט מיר בעסער ביאַליקס ליד, וואָס איז געדרוקט געוועז אין „הדואר", בשעת ביאַליק איז געוועזן אין ניו-יאָרק.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער די פּאָליצעס, וואָס זיי-נען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט ספרים. גאַנץ ביאַליק אין פּאַר-מעט געבונדן, אַלע „השלוחס", אַלע „התקופות", וואָס דער אָדע-סער העברעער האָט אַזוי געבענקט נאָך זיי, און מיר איז איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף דאָ איבערלאָזן דעם „מאור עינים", וואָס איך האָב באַקומען אין בערדיטשעוו, ניט אַרויספירן אים פון סאָוועטנלאַנד.

— הערט, חבר, האָט איר דעם „מאור עינים"?

— וואָס דען ניט? — האָט דאָס פּנים ביי אים אויפגעשיינט, — אָט האָט איר די ערשטע אויסגאַבע, געדרוקט אין מנטובה, אין 1574. איר זענט אַ מבין אויף אַזאַ עקזעמפּלאַר, ווי מען וואָלט אים ערשט פון דרוק אַרויסגעלאָזט — און ער האָט פון גרויס שמחה פּעס-טער פאַרצויגן דאָס פּאַסיקל מיט די בלעכלעך אַרום די הויזן.

צווישן יידישע פויערים

אַכט אין דער פרי בין איך אַרויס פון מיין האָטעל, זיך גע־אײַלט צום „דזשאָינט“ און זיך געחידושט, וואָס כערסאָן שלאָפט נאָך. די גאַסן זיינען כמעט געווען ליידיק, די לאָדנס פון די פענ־סטער פאַרמאַכט. פאַר אַן אָפענער אכסניה איז געשטאַנען אַ באָר־דעסער ייד אין די בלויזע הויזן און מיט אַ כאָליעווע פון אַ שטיוול אונאָנדערגעבלאָזן אַ סאַמאָוואַר, וואָס האָט גערויכערט.

— ר' ייד, ווו איז דאָ דער אַגראָ־דזשאָינט?

— דער אַגראָ־דזשאָינט? — האָט דער באָרוועסער ייד סתם אַזוי אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „דזשאָינט“ מיט אַזאַ מתיקות, ווי אַמאָליקע יידן האָבן דערמאָנט ראָטשילדן.— אָט קעגנאיבער און אויב איר האָט נאָך ניט איבערגעביסן, „גראַזש־דאַניך“ (בירגער), האָב איך „סליווקעס“ (שמאַנט), מילך פון דער קו, אייער, פוטער, אַ גוט שטיקל הערינג...

— איך האָב שוין איבערגעביסן, פעטער.

ביים „דזשאָינט“ זיינען געשטאַנען וועגעלעך געשפאַנט אין איין פערד, אין צוויי. דאָס וואָרט־צימער, אויסגעהאַנגען מיט בניטלעך קו־קורוזע, מיט בינטלעך ווייץ, מיט מערן, וואָס מען האָט זיי נאָר וואָס אַרויסגעשלעפט פון דער ערד, איז פול געווען מיט יידישע פויערים. פנימער אָפגעברענטע, פאַרדאגהטע, אַנדערע אָן אַ יידישן פרצוף. מען איז געקומען נאָך ברעטער, ציגל, דאַכעווקעס, זיך גע־קליבן פאַרענדיקן צום ווינטער די שטיבלעך, די שטאַלן.

— עס איז טאַקע אַזוי שלעכט הייער אין די קאָלאָניעס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביים ערשטן פויער.

— וואָס איז שייך זאָגן שלעכט? — האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אָפּגעפּוצטער פּאַרשוין מיט אַ פּאַרקניפּט שאַליקל אויפן האַלדז. — עס איז אַ קללה! מען פּראַצעוועט איין יאָר, צוויי יאָר, מען לייגט אַריין בלוט און שוויס אין יעדן שטיקל ערד, מען עסט קדחת מיט כּשרן פּאָדעם, אַבי צו דערהאַלטן דעם „דעך“, דאָס שטיקל נשמה און אויף די פעלדער ווערט אַלץ פאַרשרפהט, נישטאָ קיין גרעזל פאַרן „סקאָט“ (בהמות) . . .

אַז דער פּאַרשוין, וואָס איז ענלעכער געווען אויף אַ חברה־קדישא-מאַן, ווי אויף אַ פּויער, האָט זיך צערעדט מיט אַ פולן גרגרת, האָבן די איבעריקע איינציקווייז זיך אויפגעשטעלט פון די פּלעצער, געבליבן שטיין אין אַ קרענצל אָנגעכמורעטע, געגלאָצט ווי שטיקער אויסגעטריקנטע ערד.

— אוודאי שלעכט — האָט אַ שווערער אָפּגעאַרבעטער פּויער מיט אַ דראָטענער באָרד זיך אָנגערופן — אָן ברויט איז שלעכט, נאָר גאָרנישט, מיר האָבן ערגערע צייטן איבערגעלעבט, וועלן מיר דאָס אויך איבערקומען.

— עס איז טאַקע אמת, אַז די פּויערים צעלויפן זיך? — האָב איך געפרעגט.

— קיינער לויפט ניט, און וווהין וועט מען לויפן? — האָט דער פּויער מיט דער דראָטענער באָרד פאַרשטעלט מיט זיינע ברייטע פּלייצעס דעם פּאַרשוין מיטן שאַליקל, — צוריק אין שטעטל? איז טאָמער זיצט דאָ צווישן אונדז אַ געוועלבניק, צי אַ קרעמער, וואָס ס׳וויב זיינס האַלט נאָך אין שטעטל אַ קלייטל, דער אַנטלויפט. דאָס זיינען ביי אונדז די „האָזן“, וואָס וואָלטן סיי־ווי־סיי געמאַכט פּיס, ניט געבליבן אויף דער ערד, ווען ס׳וואָלט אַפילו געווען אַ גערעטעניש.

— נישט אמת, — האָט דער פּאַרשוין מיטן שאַליקל זיך געקאָכט. — ווזין איך שוין דאָ מיט דער גאַנצער „סעמייסטוואָ“ (משפּחה) מיינער צוויי יאָר און כ׳וויל אויך אַנטלויפן! זעט איר — דרייט זיך דער פּאַרשוין אוים צו מיר — פון פּאָגראָמען אַנטלויפן ניט קיין יידן. מען הרגעט אוים פינף פּראָצענט יידן, צען פּראָצענט, דער גוף אָבער, קהל מיין איך, בלייבט. פון הונגער קענען מיר

אַלע אויסשטאַרבן, ס׳זאָל נישט בלייבן קיין שׂריד ופּליט, דעריבער צעלויפן זיך יידן!

— דערפאַר נעמסטו שטיצע אי פון „דזשאָינט" אי פון דער „וולאַסט", — האָט עמעצער אַריינגעוואָרפן.

ס׳איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. דער אַגראָנאָם פון „דזשאָינט", אַ קאָלאָניסטס אַ זון, וואָס שניידט זיך אויף אַן אַמעריקאַנער, האָט מיט אַ קנאַל אַן עפן געטאָן די טיר און געבליבן שטיין ווי אַן אויסגעשאָסענער פראָפּן פון אַ פלאַש.

דער פויער מיטן שאַליקל האָט פאַרגעסן, אַז ער קלייבט זיך צו פאַרלאָזן ס׳דאָרף, און דער ערשטער זיך אַ שאַר געטאָן צום אַגראָנאָם:

— כ׳וויל אַ קוויטל אויף אַ וועגעלע דאַכלקעס.

— וואָס?

— ער מיינט „טשערעפּעצעס" — האָט איינער פאַרטייטשט.

— איר האָט דאָך גענומען — האָט געזאָגט דער אַגראָנאָם.

— נישט גענוג, אַ האַלבער דאַך געבליבן נישט געדעקט.

— און איך וויל אַ זעקל צעמענט!

— חבר וואָראָבייטשיק — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ נידעריקער פויער מיט אַ געדיכטער באָרד, ווי פון פאַרזשאַווערט דראָט, — פופצן פונט אַ חודש מעל אויף אַ „טשלען סעמייסטוואָ" (משפחה־מיטגליד) איז קאַרג!

— נישט אַלע מיט אַמאָל, נישט אַלע מיט אַמאָל — האָט דער אַגראָנאָם צענומען די הענט, זיך געוואָלט אָפּיאָגן ווי פון בינען.

— און מיר וועט איר מוזן בייטן ס׳חזיר אויף אַ קאַלב — האָט אַ פויער, אַ שווערער, מיט אַן אָקסן־טראָט, אַ שלעפּ געטאָן ס׳ווייב אין מאַנסבילשע שטיוול און געבליבן שטיין מיט איר פאַרן אַגראָנאָם, — אויב איר ווילט ניט ס׳ווייב זאָל זיך מיט מיר גטן!

דער עולם האָט פאַרגעסן אָן די דאגות און זיך צעלאַכט.

— מיינע וויל ניט אַרומגיין ביים דבר־אחר, וויל נישט און פּטור, — האָט דער פויער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן בייטש־שטעקן אין דער פּאָדלאָגע — און דער דבר־אחר האָט פאַרפּאַסקודזשעט דעם גאַנצן הויף!

— אַז ס'קערט די גאַל, — האָט די פּויערטע זיך אָנגערופן,— און נישט פון חזיר וועט קומען די ישועה, געהערט, אויף דער עלטער גיי האָדעווען חזירים!

— הברטע, — האָט דער אַגראָנאָם געפּרווווט איבעררײדן די פּויערטע, — אַ חזיר קאָסט גאָרנישט און ברענגט אַריין פּולו-רווח.

— וו'הייסט ער קאָסט ניט? — איז די צונג ביי דער פּויערטע לוי-זער געוואָרן. — אויף אַלע מיינע שונאים אַזאַ קעסט-קינד! כ'האָב נישט גענוג פּאַשע פאַר דער בהמה, דאַרף איך האָבן אַ חזיר איבער מיין קאָפּ!

— און אויף מיין דבר-אחר לאָזן די קינדער קיין וואָרט ניט אויסרײדן, — האָט אַ ייד מיט אַ שיינעם פּנים געלאָזט פאַלן אַ וואָרט — ער איז גאָר אַ יחסן, דער נייער „משלען סעמייסטוואָ“! (משפּחה-מיטגליד).

— אַזאַ קדיש, משהקע, בין איך דיר מוחל!

— גוט, אסתר, גוט, — האָבן די פּויערים זיך צעלאַכט מיט טרערן, — זאָג אים אַריין משהקען!

— און ווי איז נאָכן רעגן? — האָט דער אַגראָנאָם אַ דריי געטאָן דעם שמועס.

— מען דאַרף נאָך, וואָס מער רעגן — האָבן זיך געהערט שטימען. — די ערד האָט זיך אָפּגעפרישט נאָך די צוויי טעג רעגן און מען זעט אַ גרעזל אין סטעפּ. נעכטן האָט דער „סקאָט“ (בהמות) זיך מחיה געווען. אַהיימגעקומען מיט אַ פולן אייטער!

און איר האָט כאָטש פאַרבראַנעוועט דעם רעגן? — איז דער אַגראָנאָם אויך געוואָרן אויפגעלייגטער.

— מיר האָבן צעבראָנעוועט דעם גאַנצן „שוואַרץ-פּאַי“ (פּע-טע, שוואַרצע ערד) — האָט ס'גאַנצע פּויערים-פאָלק גערעדט מיט אַמאָל. — מיר זיינען אַרויס, ווי ס'שטייט ביי אברהמען, — האָט אַ רירעוודיק פויערל איבערגעשריען דעם עולם — כלחוך השור, מאַנסבילן, ווייבער און יאַטן און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דער סטעפּ האָט געפּידלט אונטער די פיס, ווי גוט אויסגעקנאָטן טייג, ווי ראָשטשינע!

— און די „נעפּלייט“ (סוחרים) אונדזערע — האָט אַ צוויי־טער זיך אָנגערופֿן — יאַנקל און לייזער פֿון שלום־עליכם־דאָרף, וואָס סטראַשען אַ גאַנצן זומער, אַז זיי פֿאָרן צוריק אין שטעטל — זיי האָבן אויך געבראָנעוועט!

— יידישע בונטאַרעס!

— וואָס מיינט איר? דער רעגן זאָל אָנהאַלטן, קענען מיר זיך נאָך איצט שטעלן אויף די פֿיס און איבערשטופּן דעם ווינטער! אַ וואָך רעגן און מיר וועלן אָפּראַטעווען ס'ביסל קאַרטאָפֿל, ס'ביסל קרויט. פֿאַר די צוויי טעג איז דער ווייץ אויפֿגעגאַנגען, העכער און פֿולער געוואָרן.

— ס'זעט אוים אויף רעגן — האָט דער אַגראָנאָם געטרייסט.

— הלוואי, רבונו־של־עולם — האָט די יידענע, וואָס האָט ניט געוואָלט דעם חזיר, אָפּגעזיפֿצט.

— אָן די פֿיס מיינע פֿיל איך, אַז מיר וועלן היינט האָבן רעגן!

— די קוקורוזע איז אויך פֿרישער געוואָרן!

— אַ טייערע זאַך, אַ ביסל רעגן!

דער אַגראָנאָם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל, געבליבן זיצן צווישן די פּויערים, וואָס האָבן אויף אַ וויל פֿאַרגעסן, אַז ס'איז נישטאָ קיין גערעטעניש. זיי האָבן זיך מער נישט געקלאָגט, געווען פֿאַראינטערעסירט אין די עצות, וואָס דער אַגראָנאָם האָט גע־געבן, און די אָפּגעברענטע פּנימער, די צעווירענע הענט האָבן דער־ציילט וועגן שווערער פּראַצע, וועגן דער באַהאַלטענער גבורה, וואָס ליגט אין יעדן איינעם פֿון זיי. גלויבט, אַז אויב נישט הייער וועט ער איבעראַיאָר באַצווינגען דעם סטעפּ.

דאָרף לוואָוואַ

פרייטאָג צו ליכט־בענטשן זיינען מיר אָנגעפאָרן קיין לוואָוואַ, אַ יידיש דאָרף, וואָס איז אַלט איבער הונדערט יאָר. ביים ערשטן אַריינפאָר גלויבט זיך ניט ס׳זאָל זיין אַ יידיש דאָרף. די הייזער אַלטפרענקישע, אויסגעקרימטע, ווי מען וואָלט אָנגעוואָרפן שטיקער ליים, שטיקער קאַלך, און דאָס אַלץ וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן אינמיטן דער אַרבעט. פעלט טאַקע ביי איין הויז אַ שטיק דאַך, ביי אַ צווייטס — אַ שטיק וואַנט. ווייסע שטיינערנע פלויטן ציען זיך פון איין שטוב צו דער צווייטער. די פלויטן זיינען געלעכערט, קרישלען זיך פון אַלטקייט. אין די דורכגעהאַקטע לעכער זיצן קליינוואַרג און שפּילן זיך.

די ניט־ברוקירטע גאַסן זיינען צו ברייט, אויסגעגעסן, אויסגעפאָרן, אַ באַרג אַרויף, אַ באַרג אַראָפּ און דער שטויב פאַרשיט די אויגן, טריקנט און קרעלט דעם האַלדז. נאָכן אויטאָמאָביל טראָגן זיך הינט, גרויסע, קליינע, און נאָך די הינט — קליינוואַרג. ניט ווילנדיק דערמאָנט מען זיך אָן טשינגיס־כאַן, דעם טאָטער, וואָס האָט פאַרפלייצט מיט זיינע „האָרדעס“ רוסלאַנד. מען דערמאָנט זיך אָן די כאַזאַרן — אין אַזעלכע דערפער האָבן זיי געדאַרפט וווינען.

דער אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ אינמיטן דאָרף, קעגנאיבער אַ גרויסער שול. פון דעם צעוואָרפענעם הויף שיט זיך יונגוואַרג. מען קומט אָן מיט פולע קעשענעס טאַבעק־קערן (סעמעטשקעס), מען צעשטעלט זיך אַרום דעם אויטאָמאָביל, מען קוקט ווי אויף אַ בייז־ווונדער.

— איר גייט גאָרניט מקבל־שבת זיין? — פרעג איך ביי אַ בחור, וואָס די שטיוול זיינע זיינען גרעסער ווי ער.

— מיר גייען ניט.
— ווער־זשע דאַווענט אין שול?
— אַלטע לייט.

כ׳גיי אַרויס פון אויטאָמאָביל. פון ביידע זייטן גאַס ציען זיך בודקעס מיט שילדן. דאָ איז אַ שפּייז־געוועלב, דאָרט — אַ שניט־קראָם. דער יאַטקע־קלאָץ שטייט אונטער אַ דעכל אויף פיר דרענ־גער. די געוועלבלעך זיינען פאַרמאַכט. איבער די לאָדנס — איי־זערנע שטאַבעס. בלויז דאָס קאָאָפּעראַטיווע געוועלב, ווו מען קריגט פון אַ טשוועקל ביז אַ פּאָר שטיוול, איז אָפן. יונגוואַרג שטייט אויף די טרעפּלעך. די ווייסע אויסגענייטע העמדלעך, די פאַרצוי־גענע פּאַסקעס אויסגעזעצט מיט בלישטשענדיקע בלעכלעך, מיט שטיק־לעך פּערלמוטער, די רויטע פאַטשיילקעס ווילעריש אויסגעבונדן אויף די מיידלשע קעפּ — אַלץ דערציילט, אַז מאָרגן איז שבת, אַז שבת רוט מען אין דאָרף.

ס׳רוקט זיך אַרויס דער לערער — אַ בחור מיט אַ ברייט, ניט גע־גאָלט פּנים. די שטייפע האָר פאַרדעקן די גאָמבע, די באַקן, קריכן ביז אין די אויגן אַריין. דאָס פּנים זעט אויס ווי אַ שטיק טרוקן ערד, ווען מען נעמט אַראָפּ די תבואה און ס׳בלייבן שטעכיקע שטאָפּל־זאַנגען.

— אַ שאָד — זאָגט ער צו מיר — וואָס מען קאָן אייך גאָר־נישט ווייזן. די צרה מיט אייך, אַמעריקאַנער, איז, וואָס איר קומט צו אונדז אַריבער זומער, ווען אונדזערע קולטורעלע אינסטיטוציעס זיינען געשלאָסן. ווינטער אַרבעט ביי אונדז די דראַמאַטישע סעק־ציע, די ליטעראַרישע... ווינטער האָבן מיר אַן אייגן טעאַטער, מען לייענט לעקציעס איבער — ליטעראַטור...

— ווער פירט ביי אייך אָן מיטן טעאַטער?

— איך — ווערט ביים לערער ס׳ברוסט־ברעטל העכער.

— און ווער האַלט לעקציעס?

— אויך איך — צעשמייכלט זיך דאָס באַוואַקסענע פּנים, זעט ווי דאָס יונגוואַרג קלייבט זיך הינטער אים, ווערן זיינע ווערטער וואָ־גיקער — כ׳האָב אַפילו דורכגעפירט לעצטן ווינטער אַ משפט אי־

בער די דריי שולן, וואָס פּוסטעווען. אַז איר ווילט, קענען מיר אַריינ־גיין אין דער שול.

אין פּאָליש שטייט אַן עמודל, עס ברענען ליכט און אַ מנין זקנים דאַווענען מנחה. די טיר, וואָס פירט פון פּאָליש אין שול אַריין, איז פאַרמאַכט. די גרינלעכע שויבן גלאָצן אומהיימלעך.

אינמיטן דאַווענען גיט מען מיר „שלום". כ׳זע, אַז מען נעמט מיך אָן פאַר אַ שטיק „נאַטשאַלסטוואָ" פון דזשאָינט.

— פאַרוואָס דאַוונט מען אין פּאָליש, נישט אין שול? — פרעג איך בײַ אַ זקן.

— מען שלעפּט קוים דאָ צונויף אַ מנין.

— אין די נייע ישובים זעט איר דאָס אויך נישט — רופט זיך אָן אַ צווייטער.

— מיר האָבן דאָך אין לוואָוואַ דריי שולן — אונדזער שול, אַ חסידישע און אַ בית־המדרש.

— איר האָט אַ רב אויך?

— ווי דען, אָן אַ רב? לעצטנס אָבער מוז דער רב, נע־בעך, פאָרן איבער דער מדינה.

— פאַרוואָס?

— די באַלעבאַטים צאָלן קיין שכירות ניט.

— וואָס, זיי דאַרפן קיין רב נישט מער?

— ווער זאָגט? אדרבה, מען האַלט אים דאָך דאָ גאַנץ בכבוד, נאָר שכירות איז לאו דווקא! אַ ביסל איז טאַקע נישטאָ, אַ ביסל פרילט מען זיך צאָלן, זיך אָפּגעוויינט פון די הונגער־יאָרן און דער רב שלעפּט זיך איבער דער מדינה, דרשנט אין די אַדומיקע שטעטלעך . . .

— פון וואָס לעבט ס׳דאָרף? פון ערד־אַרבעט?

— פאַר דער מלחמה זיינען די לוואָווער קאָלאָניסטן געווען רײַך, געהאַט וויין־גערטנער, צוגעהאַנדלט, זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען פאַר די כערסאָנער גבירים . . . די קינדער האָבן שטו־דירט אין אויסלאַנד . . . איצט, נאָך דער איבערקערעניש, האָט דער עולם זיך געכאַפּט פאַרן שטיקל ערד און מען וואָלט זיך ווי עס איז דורכגעשטופּט, ווען נישט ס׳שריקעניש. אַז ס׳איז אַ קללה, שוין

ס'דריטע יאָר ווי ס'אומגליק האַלט אָן! און אויב איינער האָט ניט אייגענע אין אַמעריקע, וואָס שטיצן, איז טאַקע שלעכט! און שולדיק זיינען זיי, — האָט דער זקן מיט אַ שמייכל געוויזן אויפֿן לערער — מען האָט אַראָפּגעוואָרפֿן יעדן עול, אויס יידישקייט...

— פֿאַרוואָס האָט איר זיך נישט קיין סטאַרע געטאָן, לייזער — האָט דער לערער מיטגעשמייכלט — איר זייט דאָך עפּעס קנעפּל שבקנעפּל מיטן רבונו־של־עולם?

— לאַכט, לאַכט, שקאָצים, איר וועט נאָך האָבן אָפּגעשניטענע יאָר!

כ'האָב זיך געזעגנט מיטן זקן, מיטן לערער, מיטן יונגוואַרג, און דער אויטאָמאָביל האָט מיט אַ כריפּע זיך געלאָזט צו די נייע ישובים.

ס'האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. אַ ווינטל האָט זיך געטראָגן איבערן סטעפּ, געדרייט דעם זאַמד ווי אַ לייקע. דער סטעפּ, אַ גרויער, אַ פֿלאַכער, איז געלאָפֿן אין דער לענג, אין דער ברייט, געווען אָפּגעסמאַליעט ווי נאָך אַ שריפֿה. נישט געווען קיין זכר פֿון אַ ביימל. פֿאַרגעסענע שטיקער ערד. די תבואה אַרומגעגריזשעט, פֿאַרוויאַנעט. בעזימלעך ווייץ שיטערע, נישט־אויפֿגעגאַנגענע. פֿעלדמייז, גרויס ווי קראָליקעס, האָבן זיך געטראָגן אונטער די רעדער פֿונם אויטאָמאָביל, געלאָפֿן פֿון איין פֿעלד אין צווייטן.

— וואָס כ'איז געבליבן פֿון דער טריקעניש, האָבן די פֿעלדמייז אויפֿגעפֿרעסן — האָט דער שאָפֿער מיט רציחה זיך געיאָגט נאָך די מייז, געוואָלט זיי איבערפֿאָרן.

— און ס'איז גאָר קיין מיטל ניטאָ ווי פּטור צו ווערן פֿון זיי? — פֿרעג איך דעם שאָפֿער.

— אַז ס'פֿאַלן רעגנס, זעט מען נישט די מייז, ווערן דערטרונקען אין די נאָרעס. הייער, ביי אַזעלכע היצן, קען מען זיך גאָר קיין עצה נישט טאָן! דאָס פֿלאָדיעט זיך ווי גנידעס, לויפֿן סטאַדעסווייז איבער די פֿעלדער!

ס'ווינטל האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט, זיך צעהוליעט, געהויבן פֿלאַכטעס שטויב, אים געשאָטן אין די אויגן אַריין. ס'איז מיט אַמאָל קיל געוואָרן.

— אַז אין סטעפּ איז אַלץ קאַפּויער, — האָט דער שאָפער אָנגעטאָן ס'רעקל — דער שטאַרקסטער ווינט, אַז ער קומט אָן אין שטאָט אַרײַן, בלאָזט ער שוואַכער, ווערט צעבראָכן אָן די הײַזער. אין סטעפּ וואַקסט ס'קלענסטע ווינטל מיט דער פוסטקייט, צעשפּילט און צעפּײַפּט זיך ווי אַ זאַווערוכע... כ'האָב ליב דעם סטעפּ.

— און איר אַלײן זײַט אַ היגער? — פרעג איך דעם שאָפער.

— מײַן עלטער-עלטער-זיידע האָט שוין דאָ געוווינט — האָט דער אָפּגעברענטער שאָפער זיך איבערגענומען, — שמידן געווען. ווי אַ דאָרף פון אַלטן ישוב, איז מײַנס אַ קרוב אַ שמיד. געווען אַ פּאָעט, פרוג הייסט ער, איר האָט געהערט?

— געהערט.

— ער איז מײַנס אַן אייגענער, געבוירן געוואָרן אין מײַן דאָרף. מיר וועלן מאָרגן דורכפאָרן ס'דאָרף, וועל איך אײַך ווײַזן דעם שטיין, ווו פרוג פלעגט זיצן און שרייבן לידער, ער הייסט טאַקע: „פרוגס שטיין".

די נאַכט איז צוגעפאַלן, פאַרווישט די גרענעץ צווישן הימל און ערד. גרויע, אָנגעוואָרפענע שטיקער זײַנען פאַרלאָפן דעם וועג, פאַרשטעלט יעדע ווײַלע דאָס אָפּגעבראָכענע שטיקל סערפּ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּשײַן פון אַ לבנה. כ'האָב געקוקט אין פינסטערן הימל אָן שטערן, געטראַגן אין זיך די אומרו פון סטעפּ, די אומרו פון די הונגעריקע דערפער און געטראַכט, אַז דער אויטאָמאָביל זינקט אַלץ טיפער אין חושך, וועט קיינמאָל נישט דערפאָרן צו „שלום-עליכם"-דאָרף.

דער שאָפער האָט געקערעוועט דאָס רעדל, זיך געטראָגן האַסטיק, געצויגן זײַן קרובס אַ ליד דורך די פאַרמאַכטע צײן:

„...פאַלן טרערן — צוויי בריליאַנטן
אויפן קינדס פאַרקלערטן שטערן!"

שלום=עליכם=דאָרף

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט מיטן באַגינען, זיך אָנגעטאָן און בין אַרויס אין דרויסן. די ווייסע הײַזער פון שלום=עליכם=דאָרף האָבן זיך געצויגן אין צוויי לאַנגע שורות, ליכטיקער געמאַכט דעם פּרי=מאָרגן, וואָס האָט זיך געריסן פון סטעפּ, אַ יונגער, אַ פרישער. ס׳איז געווען שטיל, אַ שבתדיקע שטילקייט פון אַ קליין פּויליש שטעטל. פון אָפענעם הינערשלאַק האָט דער האָן גדלותדיק אַרויסגע=פירט אַ צענדליק הינער, זיך געדרייט מיט זיי צווישן טראַקטאָרן און דרעש=מאַשינען, וואָס זײַנען געווען צעשטעלט ביים אַגראָנאָם אויפן הויף, געזוכט קערנדלעך תבואה.

ניט ווייט אויף אַ בערגל איז געשטאַנען אַ ייד שבתדיק אָנ=געטאָן, געפּאַשעט אַ פערד, וואָס איז געווען געפּענטעט. אַליין האָט דער ייד זיך געשאָקלט, ווי ער וואָלט געדאַוונט צי געזאָגט תהילים. כ׳בין אונטערגעגאַנגען:

— גוט שבת!

— גוט שבת, גוט שבת! — האָט דער ייד מיר געגעבן שלום, און כ׳האָב געזען, אַז ער וויל זיך אָפּריידן דאָס האַרץ, ווײַס נאָר נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— מען האָט געדאַרפט דעם רעגן, האַ? — האָב איך דעם ייד אַרויסגעהאָלפן.

— ווען ניט דער רעגן — האָט דער ייד געוויזן אויפן פערד— וואָלט ס׳ביסל גראָז אויך ניט געווען. וואָס קומט אָבער אַרויס? צו שפּעט! דער רעגן האָט געדאַרפט קומען מיט אַ חודש צוריק, ניט איצט, ווען די תבואה איז שוין לאַנג פאַרברענט. אָפּגעאַרבעט אַ זומער, געלעבט אויף ברויט און וואַסער, אַפילו קיין צייט ניט

געווען זיך אויסצוטאָן. אַראָפּצושלעפּן די שטיוול פון די פיס, און אַלץ פאַר די הינט! צומאָל די זריעה ניט אַרויסגעקראָגן אויף צוריק! און איצט גייט אַ ווינטער אָן ברויט, אָן באַהייצונג...

— ווו וווינט איר? — האָב איך אים געפרעגט.

— אָט־אָ־דאָ! — האָט ער אָנגעוויזן אויפן שכנישן שטיבל, ווו די לאָרדנס זיינען נאָך געווען פאַרמאַכט.

און די משפחה אייערע שלאָפט נאָך?

— מיין משפחה איז אין אוקראַינע. כ׳בין דאָ דערווייל אַליין. זיך געדונגען אַ נאַכטלעגער ביי דעם פויער; איך און ס׳פערד. כ׳האָב געבעטן אַ קו, געוואָלט האָבן אַן אייגן ביסל מילך, האָט מען מיר ניט געגעבן. כ׳האָב אָפּגעאַרבעט אַ זומער ווי אַ קאַטאָרזשניק, עבודת־פרך, זאָג איך אייך, איך און ס׳פערד. דריי מאָל געזייט דורכן זומער, אַלץ געהאָפט טאָמער וועט געראָטן, און גאָרנישט! איצט, אויב כ׳וועל ניט אַנטלויפן, בלייבט איבער איין זאַך: צו שטאַרבן ווינטער פאַר הונגער!

— כ׳האָב דאָך געהערט, אַז די רעגירונג און דער „דזשאָינט“ גיבן צוזאַמען אַרויס אויף אַ מענטשן דרייסיק פונט מעל אַ חודש! — האָב איך דעם יידן געוואָלט טרייסטן.

— ניט אמת! — האָט דער ייד מיט ביטול געשמייכלט. — אומזיסט גיט מען גאָרנישט אַרויס... מייל פויערים באַרגט מען אויס, און ניט דרייסיק, נאָר פופצן פונט מעל אויף אַ נפש. דערצו דאַרף מען זכות־אָבות, פּראָטעקציע...

— און איר קריגט ניט?

— ניין! כ׳ווייס, איר זייט אַן אַמעריקאַנער. דאַרף מען טאַקע אויפהייבן ביי אייך אַ געשריי אין די „בלעטער“. לאָזן יידן וויסן, אַז מען האָט אונדז פאַרנאַרט פון די שטעטלעך, מען זאָל אומקומען דאָ אין סטעפּ. נאָך גוט וואָס כ׳האָב מיין משפחה ניט אַהערגעבראַכט.

אַ טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן און אַ פויער, שוואַרץ ווי די כערסאָנער ערד נאָך אַ רעגן, איז אַרויס מיט אַ ליידיקן עמער פון שטאַל. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם עמער, מעסטער פאַרצויגן

דעם פּאַסעק אַרום דעם לעדערנעם רעקל און איז אונטערגעקומען מיט אַ שטילן „גוט-שבת“.

— און מיר האָט דער אַגראָנאָם געזאָגט, אַז מען גיט אַרויס דרייסיק פּונט מעל אויף אַ נפש — האָב איך געוואָלט פּאַרציען דעם שמועס.

— דרייסיק ניט — האָט דער פּויער זיך אָנגעכאַפּט. — מען העלפֿט אָבער איבער די כּוחות, אי די „וולאַסט“, אי דער „דזשאָינט“.

— זאָגט דאָך דער ייד, אַז ער קריגט גאָרנישט. ער לעבט אַ גאַנצן זומער אויף ברויט מיט וואַסער.

— פֿאַרוואָס זאָל מען אים געבן? — ס'קומט דען אים עפּעס? — האָט דער פּויער אָפּגעמאָסטן דעם ייד, אַז יענער איז קלענער געוואָרן און אויפֿן פּלאַץ אָנגעוואָרן ס'לשון. — ער איז אַהער געקומען אַ שמעק טאָן, איבערגעלאָזט אין דער היים ס'ווייב מיטן קרעמל און שטייט מיט ביידע פֿיס ביי זיך אין שטעטל. פֿאַרוואָס קומט אים שטיצע? ס'קומט אים ניט! די וואָס נייטיקן זיך מיט אַן אמת, זיי קריגן! מען דאַרף ניט וואַרפֿן די שולד, ניט אויף דער „וולאַסט“, ניט אויפֿן „דזשאָינט“. זיי טוען פֿאַר אונדז איבער די כּוחות. נעמט די רוסישע דערפֿער, די נייע מיין איך: איז דאָך כּפֿוי-ערים פֿאָלק זיך צעלאָפֿן. אין אַנדערע דערפֿער איז צומאָל קיין הונט ניט געבליבן, און זיי, די קאַצאַפּעס, האָבן צו קיינעם קיין טענות ניט. מיר יידן האָבן שטענדיק טענות. אין יעדן פֿון אונדז זיצט אַ שטיקל דתן-ואבירם. פֿריִגלדיק, זעט איר, איז ניט. אַן אומגליק! שוין ס'דריטע יאָר ווי ס'גראָט גאָרנישט, און הייער איז גלאַט אַ שריפֿה, ווי אין דער תּוכחה שטייט! ניט קיין ביסל היי, ניט קיין ביסל שטרוי פֿאַרן סקאָט (בהמות), און מיט אונדזער סקאָט האָבן מיר זיך ניט וואָס צו שעמען! אָט ליגט די „טשערעדע“ אַרום ברונעם, איבער אַכציק שטיק וואָס מעלקן זיך, אַ חוץ מאָלאָדניאַק (קעלבער, ביקלעך).

— און דאָס הויז ווו איר וווינט איז אייערס? — פֿרעג איך ביים פּויער.

— מיינס! — ענטפֿערט ער מיט זיכערקייט. — שוין באַלד עס אויסגעצאָלט. געקאָסט איבער צוועלף הונדערט רובל. אין איין האַל-

בער שטוב ווין איך, אין דער צווייטער שטייען די בהמות, די פערד. קומט אַריין, חבר — האָט דער פויער מיך אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט — וועט איר אַ קוק טאָן ווי אַ יידישער פויער וווינט.

צוויי גראַמע צימערן, ריינע, וויס־געקאַלכטע. פאַרלאָגעס ליי־מענע. דאָס מעבל פשוט, צונויפגעשלאָגן פון געהובלטע ברעטער. אויף איין וואַנט פון עס־צימער אַן אויסגענייטער „מזרח" — אויף דער צווייטער לענין. שטייט אַן עטאַזשערקע מיט ספרים. כ'קוק אַריין— חומשים, מחזורים, יל"גס שירים. איבער דער עטאַזשערקע אַ פּאָ־ליצע. דאָ שטייט פון שלום־עליכמען ביז מאַרקישן.

— דאָס איז מיין זונס — צעשמייכלט זיך דער פויער און נעמט אַראָפּ שלום־עליכמס אַ באַנד, וואָס איז ערשינען אין קיעוו. — זיי האָבן קאַליע געמאַכט שלום־עליכמען: ווו אַ העברעיש וואָרט איז נח מיט דיבן גרייזן!

— טאָמער פאַרקערט, טאַטע? — איז פון שלאָפצימער אַרויס אַ צעוואָקסענער יונג מיט אַ קאָפּ העכער פונם פאָטער.

דעם פויערס ווייב, אַ באָרוועסע, האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, ווו דער פיעקעליק האָט פאַרנומען אַ האַלבן צימער. זי האָט אויך גיך אַרויסגעכאַפּט אויפן קאָפּ אַ טיכל, עס פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע מיט אַ קנופּ און מיר געשטעלט אַ בענקל.

— זייט־זשע מוחל, זיצט!

— און ווי איז ווינטער ביי אייך, קאַלט? — פרעג איך ביים פויער.

— אַז מען הייצט, איז ניט קאַלט — רעדט שוין די פויערטע פאַרן מאַן. — הייער וועט ניט זיין מיט וואָס צו הייצן. פאַראַיאָרן איז אויך געווען ווייניק שטרוי, זיינען מיר טאַקע געזעסן אַ גאַנצן ווינטער אין קיך... הייער וועט מען פאַרפרוירן ווערן... שוין דריי יאָר ווי מען מאַטערט זיך — רוקט זיך די יידענע נענטער צו מיר און מען זעט, אַז ס'איז איר שווער אויפן האַרץ. — מיט איי־גענע הענט און פיס אויסגעקנאָטן די שטוב, קוים דערלעבט אַרויס־צושלעפּן דעם דאַך איבערן קאָפּ... איר ווייסט דען וואָס ס'הייסט פראַצעווען, וואָס ס'הייסט אויסבויען אין אַ סטעפּ אַ הויז? און ניט פאַר אייך געדאַכט, בין איך און דער מאַן מיינער ניט געזונט, עס

געפּטרט בײַ דער שווערער אַרבעט. און דאָ הייבט זיך ווידער אָן דער ווינטער און ס'איז ניטאָ קיין ברויט, קיין שטרוי, גאָרנישט...

און די אויגן בײַ דער פּויערטע גיסן זיך אָן מיט טרערן.

— מאַמע, ס'וועט אפשר זײַן גענוג אויף הײַנט? — דרייט זיך דער זון אַ ברוגזער איבער דער שטוב, קאָן ניט לײַדן, וואָס די מוטער קלאָגט זיך.

— נו, גענוג, אסתּר, גענוג! — מישט זיך דער מאַן אויך אַרײַן. — די לײַכטסטע זאַך בײַ אַ ייִדענע צו גיסן מיט די אויגן! אוודאי איז שלעכט! און אין שטעטל איז בעסער געווען? מיר וועלן, אם ירצה השם, דאָס אויך איבערקומען. לאָז נאָר זײַן איין גוטער „אוראָזשאַי" (גערעטעניש) און מיר וועלן זיך שטעלן אויף די פֿיס. וועסט זען, מײַן ווײַב!

און דער פּויער דרייט זיך אויס צו מיר:

— איר וועט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?

— אַדאַנק, אַדאַנק — האָב איך זיך אַ שאַר געטאָן צו דער טיר. — דער אַגראָנאָם וואַרט שוין געוויס אויף מיר. איך דאַרף נאָך הײַנט זײַן אין פֿינף, זעקס דערפֿער.

נאָכן אָנבײַסן בין איך אַרײַן מיט דעם אַגראָנאָם אין אויטאָ-מאָביל, וואָס האָט געסאָפּעט מיט רוגזה, צונויפֿגערופֿן ס'קלײַנוואַרג פֿון די הײַזער. מיר זײַנען דורכגעפֿאָרן ס'דאָרף, זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער קינדער-שול, די שענסטע געבײַדע, וואָס שטייט אין עק דאָרף אויף אַ בערגל און פֿינקלט אין אַלע פֿיר זײַטן מיט די ברייטע שויבן-פֿענסטער. אַרום דער „שלום-עליכם"-פּאָסט קלײַבט זיך אַן עולם. מען קומט אָפּנעמען אַ צײַטונג, מען קומט אַוועקשיקן אַ בריוו. ס'יונגוואַרג — זאָגט מיר דער אַגראָנאָם — מאַכט דאָ „ראַנדעוווס", פֿאַרברענגט די אָוונטן.

די הײַזלעך בלישטשען מיט זייער ווײַסקייט ווי אָפּגעוואַשע-נע, וועקן פֿרייד, און דער פֿאַרדרוס איז גרעסער, פֿאַרוואָס מען זעט ניט אויף קיין איין הויף קיין בינטל שטרוי, קיין סטויג היי.

דער אויטאָמאָביל איז שוין הינטער דעם דאָרף, טראָגט זיך צווישן שוואַרצע שטיקער ערד, וואָס ציִען זיך נאַקעטע, ווי ס'וואָלט געווען אַפּריל, ניט סוף אַווגוסט.

דער אַגראָנאָם, אַ יונגער, אַליין אַ זון פון אַ קאָלאָניסט, איז באַגייסטערט פאַרן נייעם ישוב, רעדט מיט ליבע וועגן דעם פויער, צייגט מיך איבער מיט ציפערן, מיט דיאַגראַמען, אַז איבעראַיאָר וועט זיין ס'אמתע גערעטעניש, מוז זיין, ס'איז מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט.

פון דערווייטנס זעט זיך שוין „ס'יידן=דאָרף", ליגט אין סטעפ ווי ווייס=געקאַלכטע בינשטאָקן.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביים אַגראָנאָם פון „יידן=דאָרף". פאַרן הויז שטייען פויערים, ריידן אויפן קול, ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט.

— מען האָט אונדז אָפּגענאַרט! — האָט געטענהט אַ הויכער פאַרשוין אין ברילן. — אַ סטעפּ איז עס דען? ס'איז אַ גיהנום! איך בין שוין דאָ דריי יאָר! איך ווייס וואָס כ'רייד!

— משהקע איז גערעכט! — האָט צוגעהאָלפן אַ נידעריקער באָרוועסער פויער, שוואַרץ ווי אַן אויסגעגראָבענע קאָרטשע. — וואָס פריער מיר וועלן אַרויס פון דאַנען, אַלץ געזינטער וועט פאַר אונדז זיין!

— גענעפנט אַ געמבע! — האָט זיך אַריינגעדרייט אַ יונג מיט אַ בייטש אין דער האַנט. — וואָס זאָגט איר ניט צו אונדזער יאָרעדות! ס'געפעלט אייך ניט, גייט! משהקע און זרח האָבן דערלייגט דער באָביעס ירושה צום סטעפּ! אין בערדיטשעוו איז בעסער געווען? מען האָט געציילט אַ גאַנצן טאָג די שטיינער, און די קישקעס אין בייך האָבן געשפּילט אַ מאַרש.

זרח האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, געוויזן אויף זיינע באָרוועסע פיס, בלאָטיקע, און אַ זאָג געטאָן:

— שוין דריי יאָר זיך ניט אַרומגעוואַשן, ניט גענומען קיין באָד. ער — האָט זרח געוויזן אויפן יונג מיט דער בייטש — איז פאַראַיאָרן געקומען אַהער, געווען מן הסתם פאַראַיאָרן נאָך אין מרחץ. לאָז ער דאָ אָפּזיין דריי יאָר, זיך ניט באָדן, וועט ער אַנדערש דברן!

— דו בילסט דאָך שוין פון דער ערשטער מינוט אָן! — האָט עמעצער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט. — ווי דו דערזעסט נאָר אַ גאַסט פון אַמעריקע, נעמסטו בילן! דו און משהקע!

— לאָמיר פרעגן! לאָמיר פרעגן! — האָבן זיך עטלעכע יונגען געשטופּט צו מיר, — זאָגט, איר ווייסט דאָך מן־הסתם: איז עס אמת, אַז דער „דזשאַינט" קלייבט זיך בײַ אונדז אָוועקצונעמען די ערד מיט די הײַזער? משהקע זאָגט, אַז ס'איז אמת! ער ווייס עס פון אַ זיכערן קוואַל!

— ניט אמת! ניט אמת! — האָב איך זיי פּרובירט באַרויִקן.— וואָס וועט דער „דזשאַינט" טאָן מיט דער ערד? זי נעמען קיין אַמע־ריקע? איר, וואָס באַאַרבעט די ערד, זײַט די אמתע באַלעבאַטים!

— אַזוי זאָגן מיר אויך!

— אַזוי טענהן מיר אויך!

— וואָס משהקע זאָגט אַלץ! — האָבן קולות מיט פרייד זיך אָנגערופן.

— אונדזער אַנאַרכיסט!

— וואָס, איר זענט אַן אַנאַרכיסט? — האָב איך געפרעגט משה־קען.

— יו בעט אַי עס! — האָט ער מיר געענטפערט אין ענג־ליש. — וואָס מאַכט דאָרט בײַ אײַך אין ניו יאָרק יאַנאָווסקי? שרײַבט נאָך אַלץ אין דער „פרייער אַרבעטער־שטימע"?

— געווען אַמאָל אין ניו־יאָרק?

— נאָ, סער! — צעשמייכלט ער זיך פון איין אויער ביזן צווייטן, פאַרגעסט, אַז ס'איז אים שלעכט און וויל דווקא אויסנעמען בײַ די אַרומיקע פריערים מיט זײַן ענגליש ריידן. — כ'בין געווען אַמאָל אין לאָנדאָן אַ קעפּמייקער, געמאַכט גוטע ווײַדזשעס; ניט קיין פויער וואָס האָט שוין יאָרן קיין צײַטונג ניט געזען, לעבט ווי דער „סקאָט" אין פעלד!

— וואָס זאָגט איר ניט צו אונדזער דזשענטלמען? געווען אַ קאַליקע אין לאָנדאָן און געבליבן אַ פערד אין סטעפּ!

— לאָז דיך ניט, משהקע! — איז אָנגעקומען דער אַגראָנאָם און אונדז פאַרבעטן צו זיך אין קאַנטאָר אַרײַן.

אין מינסק

ווי דער מאָסקווער צוג דערנענטערט זיך צום וואָקזאַל, וואַרפט זיך אין די אויגן די יידישע אויפשריפט מ י נ ס ק, וואָס שטייט צווישן דער ווייסרוסישער און רוסישער גרענעץ. דראָזשקאַרעס, צום־מייסטן יידישע, דרייען זיך אַרום מיט די בייטשן אין די הענט, שלעפן פּאַסאַזשירן, קאָנקורירן מיט די פּרייזן:

— ס'וועט קאָסטן צוויי קערבלעך, גראַזשדאַנין (בירגער) — קומט אונטער אַ בעל־עגלה.

— פאַר אָנדערהאַלבן פאָר איך, — וואַקסט אויס אַ צווייטער און האַלט שוין מיינע וואַליזקעס.

— ביי אַזאַ יקרות, ווען אַ זעקל האָבער קאָסט אַ פּאַרמעגן, קען מען נישט פאָרן אין שטאָט אַריין פאַר ווינציקער, — קלאָגט זיך דער ערשטער.

— און איך פאָר פאַר אַ קערבל — לויפט אָן אַ מענטשל ווי אַ טרענדעלע, רוקט די אַרבל, די פּאָלעס פון זיינע צו גרויסע בעל־עגלהשע בגדים, וויל, מען זאָל אים אַרויסזען — פאַר אַ קערבל פאָר איך, ווי מיר האָבן היינט ראש־חודש אלול.

— זאָל ער אַזוי דערלעבן שופר־בלאָזן, דער פּאַרכל, צי מען קאָן פאָרן פאַר אַ קערבל! — שרייט שוין דער ערשטער — קאַליע מאַכן, זעט איר, גראַזשדאַנין, קען אַפילו אַזאַ גנידע אויך! און אויב עס גייט שוין יאָ אויף צו להכעיס, פאָר איך מיט אייך פאַר אַ קערבל, נישט ער!

די דראָזשקע טרייסלט זיך איבער ברוקירטע גאַסן, פאָרט פאַרביי די מלוכה־באַנק, דעם „אינוויסקולט“ (אינסטיטוט פאַר ווייסרולענדישער קולטור). ניט נאָר זיינען די שילדן איבער די געשעפטן

אין יידיש, נאָר אַלע אויפשריפטן איבער די מלוכה־אַנשטאַלטן זיינען אויך אין יידיש.

דאָס פערד פאַרקירעוועט זיך אין אַ זייטיק געסל און בלייבט שטיין פאַר אַ צעהויקערט שטיבל. דער בעל־עגלה צעשרייט זיך:

— רחל! העי, רחל!

אַ פאַרהאָרעוועטע יידענע קומט אַרויס מיט אַ ליידיקן זאַק. נאָך איר דריי יינגלעך, איינס קלענער פאַרן צווייטן.

— וואָס, נישט געבראַכט נאָך קיין פאַשע? — חידושט זיך דער מאַן.

— באַלד ברענגען, באַלד,—דראַפּעט זיך די יידענע אויף דער קעלניע אַרויף און דאָס חושכדיקע פנים ווערט פול מיט שמייכל — לייטישע בהמות לויפן און קעלבן זיך, מיינע גייט פאַמעלעך און קעלבט זיך אויך — און זי דרייט זיך אויס צו די קינדער — אין שטוב אַריין, חברה! אין שטוב אַריין, זאָגט מען אייך!

— אייער קליינוואַרג? — פרעג איך ביי איר.

— מיינע—לויכטן אויף די שוואַרצע אויגן ביי דער מוטער— און אין שטוב זיינען, נישט צו פאַרזינדיקן, פאַראַן נאָך פינף פופקעס!

— ביי אַזאַ קאַפּעליע — פאַרשאַרצט דער דראָזשקאַרזש דעם דאַשעק פון היטל — דאַרף איך נעמען פאַר אַזאַ נסיעה צוויי קערבלעך? מען זאָל זיי געבן ברויט צו דער זעט, אַזעלכע אַכט פּיס־קעס, דאַרף מען אַ פאַרמעגן! דערצו איז האָבער מיט גאָלד גלייך!

ס׳פערד בלייבט שטיין פאַרן האָטעל. אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג זיצט אַ יינגל אַ שיך־פוצער מיט פייערדיקע אויגן און בעט זיך ביי מיר:

— בירגער, פינף קאָפּיקעס אַ פוץ, פינף קאָפּיקעס! ס׳וועט מער ניט זיין קיין שיך, נאָר שפּיגלען, בלויז פינף קאָפּיקעס!

דער האָטעל — אַ פיר־שטאָקיקער מויער, צימערן גרויסע, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אַפילו אַן „עלעוויטער“. דאָס שענ־סטע צימער · פינף רובל אַ מעת־לעת.

איך וואַש זיך אַיין, ביים איבער און אַזוי ווי איך רעכן צו בלייבן אין מינסק אַ פיר־פינף טעג, אַייל איך זיך אין דער מיליץ נאָך אַן אַרויספאָר־וויזע. חבר קרול, דער מיליץ־קאָמיסאַר, אַ הויִ־

כער, אין כאַקי-קליידער, ווי זיי וואָלטן געווען צוגעוואַקסן אויף אים, באַגעגנט מיך אין דער טיר פון זיין צימער. און ווי איך האָב זיך געקווענקלט, ניט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך אָנצוהייבן ריידן מיט אים, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ וואַגיקן ליטווישן יידיש:

— זיצט, חבר אַפּאַטאָשו.

אין צען מינוט אַרום האָב איך שוין געהאַט די וויזע אויף אַרויסצופאָרן פון ראַטנלאַנד און דער דיכטער כאַריק האָט מיך אַוועקגעפירט אין אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור. אין דער יידישער אָפּטיילונג פון אינסטיטוט אַרבעט מען געשמאַק. סטודענטן, סטודענטקעס, צוקונפטיקע געלערנטע, זיצן איבער דער יידישער ליטעראַטור, מען פאַרצייכנט אויף קאַרטלעך יעדעס וואָרט, יעדן אויסדרוק, יעדן אידיאָם. אַזוינע קאַרטלעך זיינען שוין פאַראַן איבער צוויי מאָל הונדערט טויזנט. דאָס אַרבעט מען איבער דעם יידישן אַקאַדעמישן ווערטערבוך. דער אָנפירער פון דער שפּראַך-קאָמיסיע, מ. ווייגנער, פירט מיך פון איין צימער אין צווייטן. ער וויקלט פונאַנדער גרויסע קאַרטן, ציינט מיר ווי מען אַרבעט איבערן שפּראַכאַטלאַס פון אַלע יידישע דיאַלעקטן.

און דאָס איז בלויז די שפּראַך-קאָמיסיע. איצט די היסטאָרישע, די ליטעראַרישע קאָמיסיעס. דו ווייסט, אַז אין מינסק, ווו כמעט אַלע יידישע פאַרטייען זיינען געבוירן און באַגרינדעט געוואָרן, לערנט מען ווייטער, מען וויל ביי די „יאַהודים“ צונעמען די בכורה אויף יודאַיקע.

דאָ, אין „אינווייסקולט“, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מינסק האָט אַ יידישן סעמינאַר ווו מען גרייט צו לערער פאַר גאַנץ ווייסרוסלאַנד. מינסק האָט אויך צוויי ישיבות, וואָס גרייטן צו רבנים פאַר די אַרומיקע קהילות.

איך בין אַוועק אין יידישן קוואַרטאַל, ווו די געסלעך זיינען אַזוי שמאָל, אַז צוויי מענטשן קענען נישט דורכגיין אין דער ברייט. דערצו פירט מען נאָך דאָרט דורך קאַנאַליזאַציע. די ערד איז צעגראָבן און מען זינקט ממש אין בלאָטע. אַזאַ דלות האָב איך נאָך אויף מיין לעבן ניט געזען. עס ציען זיך ליידיקע געוועלבלעך, עס דרייען זיך פאַרוואָרלאָזטע קרעמער, קרעמערקעס און איין גאָט ווייס

פון וואָס מען ציט חיונה. אין דער וויטרינע פון אַ קרעמל הענגען צוויי, דריי פּאָר אָפּגעטראָגענע שיך, אין דער צווייטער וויטרינע — שטייט אַ בלעך מאַנדלעך, אין אַ דריטער — אַ זאַק שמאַטעס, און צוויי קעץ, הויט און ביינער, וואַרעמען זיך אויף דער זון, וואָס פאַרגנבעט זיך דורך אַ ווינקל. אין אַ יאַטקע הענגט אַ שטיקל געשלידער און אַ פּאָר קעלבערנע פיסלעך. טשעקאַווע יידן מיט שוואַרצע בערד, מיט רויטע, אַפילו מיט גרינע, ווי ביי שאַגאַלן אויף די בילדער, האָב איך דאָ באַגעגנט. ווייבער אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, זיצן איבער קוישן געבעקס, איבער קוישן אויבס. מען שטייט אין קרענצלעך, מען שמועסט וועגן פּדיון, וועגן דער קאָלאָניזאַציע.

— קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען — זאָגט אַ ייד מיט פאַרעקשנטע אויגן — היינט בוידעם, מאָרגן קלאָץ, היינט „קאָלאָניזאַציע"... וואָס ווייניקער די „וולאַסט" (רעגירונג) רוקט זיך אין יידישן תחום אַריין, אַלץ געזינטער...

— ווייסט איר ניט, יידן, ווו די ישיבה געפינט זיך? — פרעג איך ביים קרענצל יידן — איך בין נישט קיין היגער.

זיי באַטראַכטן מיך אַ וויילע, ציען מיט די אַקסלען, אַז זיי ווייסן נישט, און פאַרטיפן זיך ווידער אין דעם אייגענעם שמועס.

איך דריי זיך אַריין אין אַן אַנדער געסל, שטעל אָפּ אַ זקן, פרעג אים ווו די ישיבה איז. ער נעמט שטאַמלען, אַז ער ווייס ניט, לאָזט מיך שטיין און גייט זיך זיין וועג. עס לויפט אָן אַ יינגל מיט אַ חומש אין דער האַנט.

— ווו לערנסטו, יינגל? — האָב איך אַ נעם געטאָן ס'בחורל פאַר אַ האַנט.

— אין דער ברעג־שול.

— ווו איז זי?

— אָט איז זי — האָט ס'יינגל מיך אַריינגעפירט אין אַ טויער, ווו אַן אַרומגעריסעטע שול האָט פאַרנומען דעם גאַנצן הויף.

אין דער שול אַרום דעם באַלעמער האָבן זיך געיאָגט צען, צוועלף־יאָריקע יינגלעך. אַנדערע זיינען געזעסן ביי אַ טיש, געלערנט חומש. דער מלמד, אַ קורצער, אַ דיקער, אין אַ שטייפן, אַמע־

ריקאַנער קאַפּעלוש, וואָס ער האָט אין 1920 באַקומען פון „רעליף", האָט געשפּריצט מיט אַ פּאַפּיראָסל צווישן צוויי פינגער. ער האָט מיך ניט באַמערקט, געצויגן פונם פּאַפּיראָסל, געשפּיגן אויף די ווענט און צוגעברומט דעם ניגון פון חומש.

— זייט איר דער מלמד? — האָב איך אים אָפּגעשטעלט

— איך — האָט דער מלמד מיר גלייך אַריינגעשטעקט אַ ווייך=וואַרעם הענטל און מיט חשד פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס. — ניט קיין היגער, האַ?

— איר האָט אַ גרויס חדר?

— אַ פופציק תלמידים.

— און ווער שיקט צו אייך קינדער? וואָסערע עלטערן?

— דער קוסטאַר שיקט, דער „נעפּמאַן" (סוחר), דער באַלעבאָס...

— פאַראַן דען באַלעבאַטים?

— די וואָס האָבן אייגענע הייזער, האַלטן אַ קוואַרטיראַנט, צוויי...

— און די „וולאַסט" טשעפּעט ניט?

— זעט איר דאָך, אַז נישט, זי מאַכט זיך ניט זעענדיק.

— און וואָס לערנט איר מיט די קינדער?

— אַלץ — עברי, חומש מיט רש"י, אַ שטיקל גמרא...

— און שרייבן?

— דאָס נישט.

— און די קינדער ווילן גיין אין חדר אַריין?

— דערווייל גייען זיי נאָך... איר מיינט די וועלט איז אינגאַנצן שוין הפקר? מינסק האָט ווילע בחורים אויף, טאַקע ווילע, לומ־דים. אויף דער בלאָטער גאַס האָבן מיר אַ ישיבה...

בשעת איך האָב גערעדט מיטן מלמד, האָבן אַ דריי טוץ קינדער מיט צעפלאַמטע באַקן און פינקלדיקע אויגן מיך אַרומגע־רינגלט.

— איר קענט טאַקע נישט שרייבן קיין יידיש? — האָב איך געפרעגט די קינדער.

— דער רבי לערנט נישט מיט אונדז.
— פאַרוואָס ער זאָל יאָ לערנען.
— ער לערנט גאָרנישט — האָבן זיך צוויי אַרויסגערוקט.
— וואָס זייט איר, פּיאָנערן? — פרעג איך ביי די צוויי.
די קינדער האָבן זיך צעשמייכלט, נישט געענטפערט, נאָר די פינקלדיקע אויגן האָבן דערציילט, אַז זיי זיינען, אַז היינט־מאָרגן וועט מען אַנטלויפן פונם חדר.

די ישיבה איז אין אַן אַלטער קלויז. דאָ זיינען צעוואָרפן בחורים ביי שטענדערס. טייל שטייען, טייל זיצן, אַכצניאָריקע, צוואַנציקיאָריקע, מיט זיידענע הערעלעך אויף די גאָמבעס, אויף די באַקן, ווי מען שטעלט זיי פאָר אין אַנסקים „דיבוק". טייל לערנען שטיל, מיט דבקות, אַנדערע אויפן קול, מיט גרויס אימפעט. מען האָט זיך כמעט ניט אומגעקוקט, ווען איך בין אַריינגעקומען, זיך פאַרטאָגן העכער און העכער, געדרוקט די לויזע אַרבל איבער די אויסגעדאַרטע הענט, געשפּאַרט די היטלען, די קאַפּלען איבער די הויכע שטערנס און די איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך געפאַרבט. איך האָב זיך צוגעזעצט צו אַ בחור, אַריינגעקוקט אין זיין גמרא „פסחים" און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— ווער זאָגט מיט אייך דעם „שעור"?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט גרויסע אויגן, אָנגערופן אַ נאָמען, געקוקט מיט חשד און זיך געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

— גלאַט אַזוי... איך בין אַ פרעמדער... און ווער לערנט דאָס? — האָב איך אַרויסגענומען פונם בחורס שטענדער גרעצס געשיכטע אין העברעיש.

— איך.
— לאָזט עס דער ראש־ישיבה?
— פאַרוואָס נישט.
— איר עסט טעג?
— ניין, מיר האָבן אַן אייגענע קיך.

— ווער האַלט אויס די קיך?

— יידן, מינסקער יידן, אַפילו קוסטאַרן... און וואָס מער מען רודפט אונדז...

— ווער רודפט אייך?

— נישט קיין גויים, נישט טיטוס רודפט, יידן רודפן אונדז, די „יעווסעקן“.

— ווען זיי וואָלטן אייך מיט אַן אמת גערודפט, וואָלט איר דאָ ניט געזעסן און געלערנט.

— איר זייט אויך אַ „יעווסעק“?

— ניין. און העבּרעיִש קענט איר?

— איר מיינט לשון־קודש? וואָס איז דאָ צו קענען?

— האָט איר געלייענט דעם „השלוח“, די נייע העבּרעיִשע ליטעראַטור? האָט איר געלייענט מענדעלען, שלום־עליכמען, פּרצן?

— נישט געלייענט. און ווען איר קענט דאָס אַלץ ניט, וואָלט איר אויך מער ייד געווען.

— אויף וואָס לערנט איר?

— אויף רב.

איך האָב געקוקט אויפן בלייכן בחור, וואָס איז געשטאַנען איבּער דער גמרא פּסחים — און עס איז מיר אומעטיק געוואָרן. איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און בין שטיל אַרויס פון קלויז.

אין אַ האַלבע שעה אַרום בין איך געווען אין יידישן לערער־סעמינאַר — אַ געמוירטע געביידע מיט צענדליקער צימערן. דער פּאַרוואַלטער, חבר האַמשטאַק, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען פאַרבונדן מיט די ניו־יאָרקער שלום־עליכם־שולן, האָט מיך גע־פירט איבּערן סעמינאַר.

אַ צימער פאַר פיזיק, פאַר כעמיע, פאַר ביאָלאָגיע, אַ ביב־ליאָטעק. איבּער פיר הונדערט סטודענטן, סטודענטקעס, פון גאַנץ ווייסרוסלאַנד, וואָס האָבן דורכגעמאַכט עלעמענטאַרע שולן אין יידיש, מיטלשולן, קומען זיך אַהער צונויף אויף העכערע קורסן. די הונ־דערטער סטודענטן באַוואַרפן מיך מיט פראַגן, קענען אויסגעצייכנט

יידישע געשיכטע, זיינען כמעט באַקאַנט מיט יעדן יידישן שרייבער ביז צו די יינגסטע, און מיר איז גוט מיט זיי. מיר, יידישע שרייבער, האָבן קיינמאָל ניט געהאַט די יוגנט. אונדזער לייענער איז געווען דער עלטע־רער דור — באָבעס, זיידעס, טאַטעס, מאַמעס, די יוגנט האָט גע־פעלט. און דאָ וואַקסט די יוגנט, אַ פרייע, אַ יידישע.